STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02351

ALE VERK

Samuel Leib Zitron

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ל. ציטראָן

די געשיכטע פון דער יידישער פרעסע

I. פון יאָר 1863 ביז 1889

פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע

בײַ געז. „צענטראַל", נאָוואָליפּקי 7.

Printed in Poland.

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 192

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 8.

די געשיכטע פון דער
יידישער פרעסע.

אריינפיר.

פארשיידענע פרובן צו שאפן א פרעסע אין יידיש זיינען געמאכט געווארן שוין אין עלטערע צייטן. אזוי, למשל, האט מען אין די זיבעציקער יארן פונם 19-טן יארהונדערט געפונען אין בערלין דעם צווייטן נומער פון א פעריאדישער אויסגאבע מיט יידישער שריפט אונטערן נאמען „דירנפורטער פריפעליגירטע צייטונג". דער נומער איז דאטירט: פרייטאג, דעם 14-טן דעצעמבער 1771. צו דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, אין יאר 1789, האט א געוויסער אברהם ספירא ארויסגעגעבן אין מעץ א יידיש וואכנבלאט, וואס האט געהייסן סתם: „צייטונג". אין דעם זעלבן יארהונדערט זיינען ערשינען אין דייטשלאנד נאך עטלעכע יידישע צייטונגען, וועגן וועלכע עס זיינען פארבליבן נאר גאנץ קארגע ידיעות*). אבער די דאזיקע אויסגאבן זיינען געווען כמעט אלע נאר צייטווייליקע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען ארויסגערופן געווארן בלויז דורך דעם גרויסן דורשט פונם יידישן עולם נאך נייס. דער מאמענט איז דאן געווען זייער אן אומרואיקער, באזונדערס אין מיטל-אייראפע, יעדערן האט זיך געוואלט וויסן, וואס עס הערט זיך אויף דער ווייסער וועלט, און אזוי ווי די דייטשישע שפראך איז נאך דאמאלסט געווען א גרויסן טייל יידן אומפארשטענדלעך, האט דאס געשאפן א מעגלעכקייט פאר יידישע בלעטער; אבער ווי נאר אין דער דרויסנדיקער וועלט האט זיך אביסל איינגעשטילט, איז שוין באלד דער אינטערעס צו דער ספעציעל יידישער צייטונג געפאלן. געגן דעם איז אין ליטא און פוילן, וואו

*) זע דעם ארטיקל פון ד"ר הארקאווי איבער די יידישע פעריאדישע אויסגאבן אין פארשיידענע שפראכן אין „יעווריייסקאיא ביבליאטעקא" באנד VIII.

עס לעבט דער רוב מנין און רוב בנין פונם יידישן פאָלק, ניט געווען איינער, וואָס זאָל מאַכן דעם קלענסטן פּרוב אַרויסצוגעבן אַ וועלכע ס'איז יידישע צייטונג. יידן האָבן דאָרטן תמיד געלעבט אַ פאַרגליווערטן, אָפּגעשטאַנענעם לעבן, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט און אַיינגעשלאָסן אין זיך. ניט פילנדיק קיין באַדערפעניש אין אַ פריש געדרוקט וואָרט, אויסער די הייליקע רעליגיעזע ספרים.

אונטער דעם דרוק פון דער מעכטיקער גייסטיקער באַוועגונג, וועלכע האָט סוף דעם 18-טן יאָרהונדערט אָנגעשפּאַרט פון דייטשלאַנד אויך קיין ליטא און פוילן, האָט דאָרטן די לאַגע אָנגעהויבן צו ווערן אַנדערש. ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע „משכילים", און ווילנא איז געוואָרן איינער פון זייערע גרעסטע צענטערס, פון וועלכע ס'האָבן זיך פונאַנדערגעגאָסן שטראָמען ליכט איבער די יידישע פינסטערע געסלאַך. ס'איז אַנטשטאַנען אַ ברענענדיקער קאַמף מיט די פינסטערע עלעמענטן. דער משכיל'שער כלי-זין איז געווען — דאָס אויפקלערנדיקע העבּרעאיש בוך, נעמענדיק זיך דערביי אַלס מוסטער די ערשטע יידישע השכלה-קעמפער אין דייטשלאַנד. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ העבּראישער ספר איז געוואָרן ביי דער אָרטאָדאָקסיע אַ סינאָנים פון אַפּיקורסות און פריי-דענקעריי מיט ווייניקער חשד האָבן זיך די פרומע באַצויגן צו יידיש. בעמענדיק דאָס אין אַכט, האָבן זיך געפונען אין ווילנא אַ גרופּע משכילים, וועלכע האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג מיט השכלה-טענדענצן.

אין יאָר 1813 האָט דער רוסישער יוסטיץ-מיניסטער וויאַזמיטאָנאָוו מודיע געווען אין אַ באַזונדערן ראַפּאָרט דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אַז די ווילנער יידן „ווילן אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף זייער לשון". דער קייזער האָט אויף דעם געגעבן זיין ערלויבעניש, נאָר מיט דעם תנאי, „אַז דער יידישער קהל זאָל נעמען אויף זיך די אחריות, דאָס אין דער צייטונג וועט ניט פאַרעפנטלעכט ווערן קיין שום אומפּאַסיקע זאַך". דער ווילנער קהל האָט אָבער, ווי עס ווייזט אויס, אַ גאַנץ קנאַפּן חשק געהאַט צו דער צייטונג, און האָט זיך דעריבער אָפּגעזאָגט פון צו נעמען

אויף זיך די אחריות, מאָטיווירנדיק זיין אָפּזאָג מיט דעם, אַז „אין איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכן קענען זיך טרעפן פעלערן*). די איניציאַטאָרן פון דער צייטונג האָבן אָבער דאַן, קאָנטיק, באַשלאָסן, צו דערשלאָגן זיך צו אַן ערלויבעניש דורך אייגענע מיטלען אויסמיידנדיק קהל. אין יאָר 1817 האָט אַ ווילנער דרוקער, ביימאַן, דערלאַנגט אַ בקשה וועגן אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף יידיש אונטער דער צענזור פון דער ווילנער אוניווערזיטעט (דאַן האָט זיך די צענזור געפונען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון דער אוניווערזיטעט). אָבער אויך דאָס מאָל האָבן די אונטערנעמער ניט געהאַט קיין ערפאָלג. בשעת מ'האָט אָנגעפרעגט פון פעטערבורג ביי דער ווילנער אוניווערזיטעט, צו וויל זי אויף זיך נעמען צו צענזורירן אַ יידיש בלאַט, האָט דער דאַמאָלסדיקער קוראַטאָר פונם ווילנער קרייז, פירשט א. טשאַרטאָריזשסקי, אויף דעם געענטפערט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, ווייל אין ווילנער אוניווערזיטעט זיינען דאָ פּראָפעסאָרן, וואָס פאַרשטייען העברעאיש, און ס'איז צווישן זיי ניטאָ ניט איינער, וואָס ס'פאַרשטייט יידיש.

דערצו האָט דער פירשט טשאַרטאָריזשסקי נאָך געפונען פאַרנויטיק מוסיף צו זיין, אַז מ'דאַרף זיך, בכלל, סטאַרן ניט צו פאַרלייכטערן, נאָר וואָס שווערער צו מאַכן יידן צו באַנוצן זיך מיט דעם דאָזיקן לשון, כדי זיי זאָלן זיך גיכער אויסלערנען די מלוכה-שפּראַך און געברויכן איר אין בירגערלעכן לעבן. די יידן—צוזוי שרייבט טשאַרטאָריזשסקי—פילן אַן עקל צו אַלץ, וואָס ניט יידיש. כדי אַרויסצופירן זיי פונם דאָזיקן שעדלעכן מצב, דאַרף מען זיי צוציען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט און צווינגען זיי צו געברויכן די שפּראַך פונם פאָלק, צווישן וועלכן זיי וואוינען.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין יאָר 1823, האָט דער באַוואוסטער גאון ר' מנשה איליער (געבוירן 1797 אין סמאָרגאָן (ווילנער גוב.) און דאָרט אויך געשטאָרבן אין יאָר 1831), וועלכער איז געווען אַ בילדונגס-פּיאָנער אויף זיין אַרט, געמאַכט אַן אומגעלונגענעם פּרוב אַרויסצוגעבן, צוליב אויפקלערונגס-צוועקן, וועכנטלעכע

---

*) זע „דאָס לעבן" 1906 נומ' 80.

בלעטלעך אויף „פראָסט יידיש״ פאַרן המון־עם אונטערן נאָמען „ל ע ב י ן מ י ט ט ע ל״ („סמא דחיי״)*). געטרודפט פון פאַנאַטיקער וועלכע האָבן אים ניט פאַרשטאַנען, האָט ר׳ מנשה איליער געמוזט אָפּשטעלן זיין בלעטל נאָך דעם ערשטן נומער.

דאָס, וואָס ס׳האָט זיך ניט איינגעגעבן די ווילנער „משכּילים״ איז דערגרייכט געוואָרן אין וואַ ר ש א דורך אַ געוויסן אַ נ ט אָ ן אַ י י ז נ ב ו י ם (געבוירן 1791 און געשטאָרבן 1852), וועלכער איז נאָכדעם געווען דירעקטאָר פון וואַרשעווער ראַבינער־סעמינאַר אייזנבוים, וועלכער האָט געענדיקט דעם וואַרשעווער ליציי, איז געווען אַ מאַן מיט הויכער בילדונג און האָט באַהערשט עטלעכע אייראָפּעאישע שפּראַכן. זייענדיק זייער איבערגעגעבן דער יידישער השכּלה־באַוועגונג, האָט ער סוף 1823 געגרינדעט אַ פּויליש־יידישע צייטונג אונטערן נאָמען „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל״ (דאָסטשעגאַטש נאַדוויסלאַנסקי).

די קאָמיסיע פאַר פאָלקסבילדונג, וועלכע האָט ערלויבט אייזנבוימען אַרויסצוגעבן די צייטונג אום „צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן״, האָט אים אויך אַסיגנירט אַ סובסידיע פון 2000 פּוילישע גילדנס מיט דעם באַדינג, אַז דער „בעאָבאַכטער״ זאָל האָבן אַ טאָפּלטן טעקסט: אין פּויליש און אין יידיש.

לויט איר אינהאַלט האָט די צייטונג געהאַט די פאָלגנדע רובריקן: א) הודעות פון דער רעגירונג און כראָניק פון אינעווענייקסטן לעבן; ב) אויסלענדישע נייס, באַשרייבונגען וועגן פרעמדע לענדער און וועגן די יידן, וואָס וואוינען דאָרטן; ג) ידיעות וועגן מסחר; ד) אַלערליי; די דאָזיקע רובריק איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון אַנעקדאָטן און ידיעות וועגן דעם לעבן פון באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן; ה) אַנאָנסן.

דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 3־טן דעצעמבער 1823

---

*) אין זיין לייטאַרטיקל שרייבט ר׳ מנשה איליער: „דאָס בישעלע וואס דר אובערשטער האט מיר דרלויכטען דיא אויגין איין צו זעהין אין דר וועלט שרייב איך דאָש צו לאָזין ווישן אַלע מענשען און שרייב דאָש אויף איין ברייגגען לשון, אַז עש זאָלן דאָס אַללע פרשטיין, חאָטשי פשוטע מענשען״.

און אינם משך פון דעם חדש זיינען ערשינען 5 נומערן צו 8 זייטלעך פאָרמאַט 4⁰. דעם צווייטן יאָר האָט די צייטונג אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט; עטלעכע נומערן זיינען אַרויס זאָגאַר מיט באַזונדערע הוספות*).

די צייטונג האָט אָבער ניט געהאַט קיין ערפאָלג, און שולדיק איז אין דעם געווען דער רעדאַקטאָר. נאָכטאָנדיק בלינד די אויס־לענדישע משכילים, האָט ער אויך אַיינגעפונען, אַז כדי צו דער־הויבן די קולטור פונם פוילישן יידנטום, מוז מען זיי, קודם כל, אָפּגעוואוינען פונם יידישן לשון און פאַרבייטן עס אויף דייטש. צוליב אָט דעם צוועק האָט אַייזנבוים אַרויסגעגעבן זיין בלאַט אויף אַ דייטשמערישן יידיש. דורך דעם האָט ער ווי בידים געמאַכט זיין צייטונג אומצוטריטלעך פאַר די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווייל דעם מאַסן־לעזער איז די שפּראַך פונם „בעאָבאַכטער" געווען לגמרי אומפאַרשטענדלעך.

כדי דער לעזער זאָל האָבן אַ באַגריף וועגן דעם יידישן סטיל פון דער דאָזיקער וואַרשעווער צייטונג, ברענגען מיר דאָ עטלעכע ציטאַטן פונם ערשטן נומער:

„לויט בריפען אויס סאלאניקא פאָם 15 נאָוועמבער האָט דער שלעכטעסטע אַללער מענשען זיינען פערדינטען לאהן בעקאמען. אבאלאבוט־פאַשאַ פאן סאלאניקא, וועלכער אים פאָריגען יאהרע איבער 5000 פאַמיליען האַט אומברינגען לאַסען, אונד דערנאָך זיך ריהמטע דאס אויף זיינען בעפעהל אן איינציגען טאַגע 1500 ווייבער אונד קינדער ערמארדעט וואָרדען זינד—איסט ענדליך זעלבסט אויף בעפעהל דעס סולטאַנס היגעריכטעט וואָרדען".

אויף אַזאַ שפּראַך זיינען געשריבן געוואָרן אין „בעאָבאַכטער" אַלע אַרטיקלען און די נייס. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אַז

---

*) אויספירלעכע ידיעות וועגן דער דאָזיקער צייטונג, וועלכע איז אַריבער גאַנץ אומבאַמערקט און האָט נאָך זיך אין דער יידישער ליטעראַטור ניט איבערגעלאָזן קיין שום זכר, קען מען געפינען אין ספּעקטאָרס איוויטעריאַנסן אַרטיקל „די ערשטע צייטונג ביי יידן" אין דער „יידישער פאָלקסצייטונג" 1903 נומ' 9.

די צייטונג האָט זיך געמוזט אינגיכן אָפּשטעלן, און דער נומער 39, וואָס איז אַרויס דעם 29 סעפּטעמבער 1824, איז געווען דער לעצטער.

אַזוי איז אונטערגעגאַנגען די דאָזיקע ערשטע יידישע צייטונג אין רוסלאַנד, און ס׳האָט נאָך געדאַרפט דויערן קרוב צו פערציק יאָר ביז ס׳איז אָנגעשטאַנען די צייט פאַר יענעם יידיש בלאַט, מיט וועלכן עס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער מאָדערנער יידישער פרעסע.

די חֶבלֵי=לֵידָה פון דער ערשטער יידישער צייטונג.

פערציק יאָר בערך זיינען אַריבער פון דעם ערשטן אייזנבוימס פּרוב, ביז ס׳האָט זיך גענומען שאַפן און אַנטוויקלען אין רוסלאַנד אַ יידישע פּרעסע. די פאָרשטייער פון דער השכלה=באוועגונג, וואָס נאָר זיי האָבן געדאַרפט און געקאָנט זיין די איניציאַטאָרן פון אַזאַ קולטורעל=ערציערישן אויפטו, האָבן זיך גלייך פון דער ערשטער מינוט אָן אַוועקגעלאָזן אין די דרכים פון די דייטשישע „משכּילים”, וואָס האָבן באַטראַכט דעם „זשאַרגאָן” פאַר אַ הייקער אויפן קערפּער פון פאָלק און אָנגעווענדעט אַלע מיטלען פון אים פטור צו ווערן. דער פאַקט מיט די ווילנער משכּילים, וועלכע האָבן אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן פונם ניינצעטן יאָרהונדערט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ יידיש בלאַט, ווי מיר האָבן אויבן דערציילט, איז געווען נאָר אַן אויסנאַמס=פאַל. די משכּילים בכלל האָבן זיך פאַרהאַלטן צו יידיש מיט פאַראַכטונג, און זי איז געווען אין זייערע אויגן „אַ מין געלע לאַטע, אַ סימבאָל פון פינסטערן גלות, פון קנעכטעשן לעבן”. ס׳איז אומבאַגרייפלעך ווי אַזוי די מענטשן האָבן אין זייער צייט ניט פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם, וואָס זיי שרייען: „דער זשאַרגאָן מוז אַראָפּ פון דער בימה און מ׳דאַרף אים פאַרבייטן דורך אַן אָנשטענדיקער שפּראַך”, לאָזן זיי דערווייל וואָס ווען אַרויס פון האַנט דעם בעסטן און דעם זיכערסטן שליסל צום האַרצן פון פאָלק, וועמענס טובה זיי זיינען אַזוי אויסן. מ׳מוז סיידן זאָגן, אַז די משכּילים האָבן אייגנטלעך געהאַט אין זינען צו באַזאָרגן מיט גייסטיקע שפּייז בלויז די אינטעליגענטע פאָלקס=שיכטן און פאַר דער גאַנצער יידישער מאַסע, וואָס פאַרשטייט אַ ספר דוקא נאָר אויף „זשאַרגאָן”, האָבן זיי ניט געדאַגה׳ט, און דעריבער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף

העברעאיש, אויף רוסיש, און אויסגעמידן יידיש. דער האַס צו יידיש האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, דאָס פון געוויסע משכּילשע קרייזן האָט מען געזוכט ווירקן אויף דער רעגירונג, אַז זי זאָל לגמרי פאַרבאָטן צו דרוקן ביכער אויף „זשאַרגאָן" ניט בעמענדיק אין אַכט, וואָס זי איז די איינציקע צוגענגלעכע שפּראַך פון דער יידישער פאָלקס=מאַסע*).

די צייט האָט אָבער דערווייל געטאָן איר זאַך, און אָנהויב די ניינציקער יאָרן הויבט זיך אָן צו מערקן אַן אומענדערונג אין די מוחות פון געוויסע משכּילים בנוגע יידיש. מ׳זעט זיך ביסלעכ=ווייז אַרום, אַז אָן דער הילף פון דער פאָלקס=שפּראַך וועט מען דעם קאַמף פאַר אויפקלערונג און בילדונג ניט קאָנען אויסשפּילן, און אָן דעם לשון פון דער מאַסע וועט מען אין דער היגזיכט גאָרנישט קענען אויפטאָן. ס׳איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז דער דאָזיקער איבערבראָך צו גוטן אין דער מיינונג וועגן יידיש האָט זיך באַ=וויזן צום ערשטן אין דרום=רוסלאַנד. די סיבה דערפון איז, וואָס אין יענעם קאַנט האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט די חסידות, ביז זי איז דאָרטן געוואָרן אַן עכטע פאָלקס-באַוועגונג, און די פאָרשטייער פון דער דאָזיקער באַוועגונג האָבן תּיכּף אָנגעהויבן צו באַנוצן פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע דעם לשון פון דער מאַסע. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די משכּילים האָבן צום סוף אויך געמוזט אָנווענדן יידיש אַלס כּלי=זין אין זייער מלחמה קעגן דער השפּעה פון חסידות.

אַלס רעזולטאַט דערפון איז דאָרטן, אויפן דרום, טריט פאַר טריט, צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר אַ יידישער צייטונג, און די צייט איז אויך געווען אַזעלכע, ווען אין דעם יידן פון תּחום האָט זיך דערוועקט אַ גרויס חשק צו באַקאָנען זיך מיט דער אַרומיקער וועלט דורך אַן אייגן בלאַט. ס׳האָט נאָר געפעלט דער

---

*) דער רוסישער שריפטשטעלער פּ. ס. אוסאָוו האָט אין „איסטאָריטשעסקי וועסטניק" יאָרגאַנג 1883, ביכל II, פאַרעפנטלעכט די קאָרעס=פּאָנדענץ, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1862 צווישן דעם אינע ין=מיניסטער מיט דעם בילדונגס=מיניסטער וועגן דעם פּלאַן צו פאַרווערן דרוקן ספרים אין יידיש.

מאַן, וואָס זאָל די דאָזיקע שטימונג פון דער גאַס אונטערכאַפּן און פאַרוואַנדלען אין אַ פאַקט פון דער ווירקלעכקייט.

אין יאָר 1858 האָבן די צוויי אָדעסער שריפטשטעלער יוסף ראַבינאָוויטש און חיים טאַרנאָפּאָל דערלאַנגט אַ בקשה, מ׳זאָל זיי ערלויבן אַרויסגעבן אין אָדעס אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג אין רוסיש: „ראַזסוועט״. כאָטש זייער בקשה איז שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרן פון דעם באַרימטן כירורג פּיראָגאָוו, וואָס איז דאַמאָלסט געווען קוראַטאָר איבער אָדעסער לערן־קרייז, דאָך האָט מען אָנ־פאַנגס ראַבינאָוויטשן און טאַרנאָפּאָלן ניט ערלויבט אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין רוסיש, נאָר אין „העברעאישער אָדער אויף דער פון די רוסישע יידן געברויכטער יידיש־דייטשישער שפּראַך״. ראַבינאָוויטש און טאַרנאָפּאָל האָבן אָבער די באַקומענע ערלויבעניש ניט אויס־גענוצט, און דאַן איז זי נאָך אַ לאַנגער, זייער אָנגעשטרענקטער השתדלות אַריבער צו אַן אַנדער אָדעסער שריפטשטעלער. דאָס איז געווען דער שפּעטער ביי יידן אַזוי פּאָפּולער געוואָרענער אלכסנדר צעדערבוים*).

ווי דער געשיכטע־שרייבער פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, אלעזר שולמאַן, האָט שפּעטער דערציילט, האָט זיך צעדערבוים לכתחלה געשעמט אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויף „פּראָסט זשאַרגאָן״, און האָט דערפאַר געבעטן, מ׳זאָל אים ערלויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג אין העברעאיש און אין דייטש מיט יידישע אותיות. דורך פּיראָגאָווס גוטשפּרעכן האָט צעדערביים די דאָזיקע ערלויבעניש באַקומען, און דעם 29־טן סעפּטעמבער 1860 איז אַרויס דער ערשטער נומער ה„מליץ״—„איין צענטראַל־אָרגאַן פאַר יידישע

*) נאָך פיל פריער פאַר צעדערבוימען האָט זיך משתדל געווען ביי דער מאַכט מכוח אַן ערלויבעניש אויף אַ צייטונג אין דער יידישער שפּראַך אויך דער ערשטער ענערגישער קעמפער פאַר יידיש יהושע מרדכי ליפשיץ פון באַרדיטשעוו, וועגן וועלכן ס׳וועט נאָך אונז ווייטער אויסקומען צו ריידן אויספירלעכער. ליפשיץ האָט זיך דאַן געווענדעט אויך צו פּיראָגאָוון, ער זאָל אים אין דעם באַהילפיק זיין. פּיראָגאָוו האָט אָבער ליפשיצן אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט נאָך דאַן „ניט געפונען פאַר נוצלעך צו אונטערשטיצן דעם דאָזיקן לעכערלעכן דיאַלעקט״.

אָנגעלעגנהייטן אין העבּרעאיש און דייטשער שפּראַך", ווי ס'איז געשטאַנען געשריבּן אויף דער קעפּל. די ערשטע צוויי יאָר איז דער „מליץ" ווירקלעך אַרויס אין ביידע שפּראַכן: צווישן די העבּרעאישע אַרטיקלען האָבּן זיך אָפּט געדרוקט אויף דייטשע מיט יידישע אותיות. דער פּראַקטישער צעדערבּוים האָט אָבּער באַלד איינגעזען, אַז די דייטשע אַרטיקלען אין בּלאַט זיינען, ממש, אַ ברכה לבטלה, קיינער דאַרף זיי ניט און קיינער לייענט זיי ניט, און ער איז געקומען צום געדאַנק אָוועקלייגן די בּושה אָן אַ זייט, און אויפן אָרט פון די דייטשע אַרטיקלען פּרובּן אַרויסגעבּן אַ באַזונדער בּלאַט אויף יידיש. צום 42-טן נומער ה„מליץ" האָט צעדערבּוים בּייגעלייגט אַ גרויסע הודעה געשריבּן אין יידיש אויף גאַנצע 4 זייטן, אין וועלכער ער זאָגט אָן די בּשורה, אַז אינגיכן הויבּט ער אָן אַרויסצוגעבּן אַ באַזונדער בּלאַט אויף פּראָסט יידיש מיטן נאָמען „קול מבשר".

מיט דעם „קול מבשר" הויבּט זיך אָן די ערשטע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע און אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

„קול מְבַשֵׂר"

א.

אלכּסנדר צעדערבוים, וואָס אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן צו לייגן דעם יסוד פון דער יידישער פּעריאָדישער פּרעסע, איז געבוירן אין זאַמאָשץ, לובלינער גובערניע, אין יאָר 1816. זאַמאָשץ איז איינע פון די פּוילישע שטעט, וואָס מחמת זייער נאָענטקייט צו דער דייטשער גרעניץ, איז צו זיי גיכער אַריינגעדרונגען די מענדעלסאָנישע השכלה; נאָך אין די פינסטערע יאָרן פון ערב דעם 19-טן יאָרהונדערט, האָט זי שוין געהאַט עטלעכע באַרימטע משכּילים. צעדערבוימס פאָטער איז געווען אַ זייגער-מאַכער, אָבער אַ גרויסער למדן און אַ משכּיל, קלאָר אין דער אַלטער און נייער פילאָסאָפישער ליטעראַטור, אַ קענער אין דייטש און פּויליש, אַ שיינער מליץ אין העברעאיש לויט דעם דאַמאָלסטדיקן געשמאַק, אַ מחבר און אַ איבערזעצער פון שירים. זיין הויז איז געווען אַ צענטער פון משכּילים און חכמים און בכלל פון יעדערן, וואָס האָט געפילט אַ דורשט צו בילדונג. צווישן זיינע שטענדיקע

באַזוכער זיינען געווען: דער באַוואוסטער מאַטעמאַטיקער און שפּעטערדיקער אינספּעקטאָר פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול, יעקב אייכנבוים, דער היסטאָריקער ר׳ שמשון בלאָך און דער ד״ר שלמה עטינגער, וועלכער האָט זיך קונה־שם געווען דורך זיינע יידישע פאַבעלן און לידער. צעדערבוים האָט זיך אין דער יוגנט געריבן אַרום די דאָזיקע משכּילים און האָט פון זיי געזאַפּט תּורה און השׂכּלה. ער האָט געלערנט גמרא מיט די מפרשים, דייטש און פּויליש און אַ ביסל פראַנצויזיש, און מער פון אַלץ העברעאיש. אין דער יוגנט,—ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ ווייב מיט קינדער,—האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן, לויטן מנהג פון די דאַמאָלסדיקע משכּילים, צו זוכן גליק אין דער גרויסער וועלט. אין יאָר 1840 איז ער געקומען קיין אָ ד ע ס. דאָרטן האָט ער צוערשט באַקומען אַ שטעל פון אַ בוכהאַלטער אין אַ טוך־געשעפט, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער פאַר זיך געעפנט אַ קלייט פון פאַרטיקע בגדים. כּדי מער געניט צו ווערן אין דעם עסק, האָט ער זיך אויסגעלערנט צושניידן קליידער. שפּעטער, אַז צעדערבוים איז געוואָרן אַ שריפט־שטעלער און אַ רעדאַקטאָר און פלעגט זיך אַריינלאָזן אין שאַרפע פּאָלעמיקעס מיט זשורנאַליסטן־קעגנער, פלעגן אים יענע גאַנץ אָפט וועלן אַ שטאָך טאָן מיט דעם וואָרט „שניידער“. ער האָט זיך אָבער דערפון קיינמאָל ניט געפילט באַליידיגט, און אַמאָל פלעגט ער נאָך מיט דעם שטאָלצירן קעגן אַנדערע משכּילים, וואָס שעמען זיך מיט אַ מלאכה. צייטנווייז, אַז אים פלעגט אויסקומען אַרומצורייידן אין זיינע אַרטיקלען וועגן דער נויטיקייט צו פאַרשפּרייטן אַרבעט צווישן יידן און אָנווייזן בשעת מעשׂה אויף ר׳ יוחנן דעם שוסטער און ר׳ יצחק דעם שמיד און אויף אַנדערע פון די חכמי־התּלמוד, וואָס זיינען געווען בעלי־מלאכות, פלעגט זיין שטייגער זיין צו פאַרענדיקן מיט די פאָלגנדע ווערטער: „און אויך מ י ר (ד. ה. איך דער רע־דאַקטאָר פון ה„מליץ“ און פון „קול מבשׂר“) האָבן אונז ניט גע־שעמט אויסצולערנען זיך אַ פּראָסטע אַרבעט, מיט וועלכער צו דערנערן זיך אין אַ נויט“.

אין אָדעס, וואָס איז דאַמאָלסט געווען דער קולטורעלער צענטער פונם דרומדיקן יידנטום, האָט זיך צעדערבוים פיל אָפּ־

געגעבן מיט כלל־טועריי, איז געוואָרן אַן עסקן אין אַלע וואוילטעטיקע און ערציערישע אינסטיטוציעס, און באַקומען אומעטום כמעט די גרעסטע דעה. דורכדעם איז ער געוואָרן אַ מקורב צו „נאַטשאַלסטווא". אַ מענטש מיט וועניק בילדונג און מיט אַ געבוירענעם צעקאַליעטשעטן רוסיש, האָט ער דאָך תמיד געוואוסט ווי צוצוקומען צום גרעסטן שררה און צו פועלן ביי אים אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. געבראַכט דערצו האָבן זיין טיפע איבערגעבנקייט צו קהלשער אַרבעט און זיין אייזערנע ענערגיע. מ׳מוז אָבער באַמערקן, אַז ניט קיין קליינע ראָל האָט אין דעם געשפּילט אויך דער אַלט־מאָדישער שתּדלנישער, אָדער ריכטיקער: פאַקטאָרשער שניט, וועלכן ער האָט געכאַפּט מיט זיין באַזונדער חוש פון דער ערשטער מינוט אָן און איז שוין ביי אים אַזוי פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן.

די דאַמאָלסדיקע אָדעסער יידישע אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען כמעט אינגאַנצן אַן אַנגעלאָפענע, באַזונדערס פון גאַליציע (דערפון דער נאָמען: „די בראָדער"), האָט מיט זיך אַריינגעטראָגן אין יידישן לעבן אַ גרויסן שטראָם פון גערמאַניזאַציע. די אומגאַנגס־שפּראַך איז געווען דייטש. דאָסגלייכן די אונטערריכטס־שפּראַך אין די שולן, און דער ראַבינער אין דער סינאַגאָגע האָט אויך געדרשנט בלויז אויף דייטש. ביז די זיבעציקער יאָרן האָט זיך די רוסישע רעגירונג צו דעם פאַרהאַלטן גאַנץ גלייכגילטיק; ס׳האָט נאָך אויסגעוויזן, פאַרקערט, עפּעס ווי זי וואָלט נאָך די דאָזיקע גערמאַניזאַציע־טענדענצן געשטיצט. ס׳איז געקומען אַזוי ווייט, למשל, אַז די רעגירונג גופא האָט געדרוקט פאַר די יידישע שולן דייטשישע לערן־ביכער. אָבער נאָך דעם פוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1863 האָט די רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן צו פירן אַ שאַרף נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק און האָט זיך דאַן גענומען ענערגיש צו רוסיפיצירן די יידן אין דעם גאַנצן לאַנד און אויך אין דער גערמאַניזירטער אָדעס. די „בראָדער" האָט די דאָזיקע „אָפּיציעלע" רוסיפיקאַציע גריילעך ניט געשמעקט. נאָר איין קליינער טייל האָט מיט איר סימפּאַטיזירט און צו דעם דאָזיקן הייפל איז צוגעשטאַנען אויך צעדערבוים. צעדערבוים איז מיט דער דייטשער שטרעמונג זייער ניט קאָנטעט געווען און האָט זיין מיינונג אַרויס־

בעזאַגט פריי און אָפן און דורך דער דאָזיקער שרייאיקער לאָיאַ־ליטעט האָט ער זיך איינגעקויפט אין יחוס ביי דער מאַכט.

צעדערבוים האָט אָבער אַראָפּגעבראַכט צו זיך אַן איידים אַ גאַליציאַנער דאָקטאָר, אהרן יצחק גאָלדענבלום, וועלכער איז געווען אַ פאַרברענטער „דייטש", און גראָד ער, אַ מענטש מיט אייראָפּעאיש־פעדאַגאָגישע קענטעניש, אָבער מיט אַ גאַנץ קנאַפּער נטיה צו רוסיפיקאַציע, איז דורך זיינע לאַנדס־לייט די „בראָדער", אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס הויפּט־אָנפירער פון דער אָדעסער תּלמוד־תּורה, אין וועלכער ס'האָט זיך דאַן קאָנצענטרירט די עלעמענטאַרע ערציאונג פון די יידישע נידעריקע און מיטעלע פאָלקס־שיכטן. צעדערבוים, וואָס האָט זיך געשראָקן פאַרן געדאַנק, אַז דורך דער השפעה פון זיין איידים קאָן נאָך די אָדעסער תּלמוד־תּורה אָננעמען אַ גערמאַניזאַטאָרישן כאַראַקטער, האָט זיך אַזוי לאַנג באַמיט, ביז אים איז געלונגען אויך „ארייַנצושטעקן אַ פּיסל" אין דער דאָזיקער אַנשטאַלט אַלס „פּאָטשאָטני בליוסטיטעל" (ערן־משגיח) ווי ס'האָט דאַן געהייסן. פון דאַמאָלסט אָן, איז אין וועלכער יידישער בילדונגס־אינסטיטוציע ד"ר גאָלדענבלום איז נאָר אַריין—און אַזעלכע זיינען געווען עטליכע—האָט זיך דאָרטן גלייך אַריינגעמאַכט אויך צעדערבוים, און אַלץ נאָר צוליב דעם, כדי אומשעדלעך צו מאַכן דעם דייטשישן איינפלוס פון זיין איידים. צעדערבוים איז אַזוי אַרום אַריינגעצויגן געוואָרן אין די ענינים פון חנוך און האָט דורך דעם זיין געשעפט אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט און געוואָלט אים צום סוף וואַרפן. מיט אַ ריי יאָרן שפּעטער, בעת ער האָט זיך געבויגן אין דרייען אונטער דער שווערער לאַסט פון זיין רעדאַק־טאָרשער און שתּדלנישער טעטיגקייט, דורך וועלכער ער האָט זיך דערוואָרבן אויך פיל קעגנער, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט בייז בלוט, האָט ער ניט איינמאָל אין זיינע בלעטער שטאַרק באַדויערט דאָס, וואָס ער האָט געוואָרפן „די מאָס־שנור מיט דער שער"...

בלייבנדיק אָן חיונה, האָט זיך דאַן צעדערבוים אָפּגעשטעלט אויפן געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג. ער האָט ניט גע־קוקט צי ער איז פּאַסיק צו דער זאַך לויט זיינע ידיעות און פע־היגקייטן; ער האָט נאָר געוואוסט, אַז מיטן מויל איז ער אַ

צרויסער מאַדים, אַי די פּען? וועט ער זיך שוין מסתמא אין דעם אַן עצה געבן. ליתר בטחון וועט ער עס מאַכן בשותפות מיט זיין געלערנטן איידים. און צעדערבוים איז געווען פון די מענטשן, וואָס—געטראַכט און געטאָן. באַלד האָט ער זיך אָנגעהויבן משתדל צו זיין וועגן אַן ערלויבעניש. אָבער אַז ס'איז געקומען צו דער זאַך, האָט צעדערבוים מיט אַמאָל באַקומען בושה—ווי מיר האָבן שוין דאָ פריער דערציילט—אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויף „פּראָסט זשאַרגאָן" און האָט אָנשטאָט איר אויסגעפּועלט אַ קאָנצעסיע אויף אַ דייטשעס בלאַט אין יידישע אותיות. זיין רעכענונג, ווייזט אויס, איז געווען, אַז אַזאַ בלאַט וועט האָבן אַ היבשן אָפּגאַנג צווישן די „בראָדער", דעם דאַמאָלסטדיקן פאַרמעגלעכן קלאַס פון דער אָדעסער יידישער באַפעלקערונג. די „בראָדער" האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן גאַנץ קנאַפּע בעלנים אויף זיין דייטשישער צייטונג. און דאָס האָט אים באַוואויגן ערשט אין אַ פּאָר יאָר אַרום איבערצוגיין אויף אַן אמת יידיש בלאַט. ער האָט שוין אָבער איצטער באַקומען די ער־לויבעניש ניט אויף אַ באַזונדער יידיש בלאַט—דאָס האָט דאַן די רוסישע מאַכט געגעבן פאַר צופיל,—נאָר אויף אַ יידישע ביילאַגע צום העברעאישן „המליץ" און אַלס אַזעלכע איז די צייטונג פאַרבליבן אַכט יאָר כסדר.

אָנזאָגנדיק דער וועלט די בשורה וועגן דער צייטונג, וואָס ער קלייבט זיך אַרויסצוגעבן „אויף פּראָסט יידיש, כדי דער פּראָס־טער עולם און אַפילו ווייבער זאָלן וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט", האָט צעדערבוים געהאַלטן פאַר נויטיק תיכף דאָרטן אויף אַן אָרט צו פאַרענטפערן זיך פאַר די קעגנער פון יידיש מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„מיר ווייסן דאָך, אַז די האַנטיגע אויפגעקלערטע שרייען מע זאָל דאָס פאָלק אָבגעוויינען יידיש רעדין, און זיי געוויינען צו רעדין דאָס לשון פון דער מדינה; אפשר זענין זיי אויך ניט אים גאַנצען אומגערעכט, וואָרין אין דער מדינה, ווי מע לעבט דאַרף מען פערשטעהן דאָס לשון; נאָר אויף וואָס פאַר אַ לשון זאָל מען מיט דעם פּראָסטען עולם רעדין, זיי זאָלען לערנען וואָס

גייסטיג איז פאַר איטליכען מענטש, אַז זיי פערשטעהען פאָרט ניט מעהר נאָר "יידיש".

ווי דער לעזער זעט, דערוועגט זיך נאָך צעדערבוים ניט אַרויסצוזאָגן מיט אַ פולן מויל, אַז ער קומט דאָ עפּעס אויפטאָן פאַר דער פאָלקס-שפּראַך. אויף דעם האָט ער נאָך דאַן, צו-טרעטענדיק צום "קול מבשר", ניט געהאַט קיין דרייסטקייט. ער האָט אַלץ גערעדט וועגן דער "פּראָסטער שפּראַך", וועגן דער "המון-שפּראַך". דערמיט האָט ער זיך נאָך אָבער ניט באַנוגנט און אין נום. 18 פונם "קול מבשר" (ערשטער יאָרגאַנג) געפינט ער פאַר נייטיק מודיע צו זיין אין אַ באַזונדער הערה, אַז ער האַלט חלילה ניט דעם זשאַרגאָן פאַר וואָסער עס איז בכבודיקע שפּראַך, ווי די איבעריקע שפּראַכן. אין אַן אַנדער אָרט געפינען מיר ביי צעדערבוימען אַ מיינונג, אַז דער זשאַרגאָן איז נאָר אַן איבערגאַנגס-שפּראַך, אַ שפּראַך אויף אַ ווײַלע, אַ צוטשעפעניש פון וועלכן מען וועט אײַנגיכן פטור ווערן. דאָס איז אָבער ניט געווען זיין גלויבן, זיין טיפע איבערצייגונג; ער האָט דאָס נאָר אַזוי געזאָגט פון יוצא וועגן. און מ'האָט באַדאַרפט קענען צעדערבוימען מיט דער צעדער-בוימישער פּסיכאָלאָגיע, כדי צו פאַרשטיין, אַז דאָס האָט ער גע-וואָלט יוצא זיין ניט פאַר די חסידים פון דייטש און פון רוסיש, נאָר פאַר די העברעאיסטן, פאַר די לעזער פון "מליץ", וואָס דער "קול מבשר" איז זיי נעגעבן געוואָרן אַלס אומזיסטע פּרעמיע, אַלס אַ צוציאונגס-קראַפט. דאָס איז אויך די סבה, וואָס ער האָט געגעבן זיין יידישע צייטונג אַ העברעאישן נאָמען און וואָס אין די ערשטע נומערן פונם "קול מבשר" האָבן זיך דאָס רוב אַרטיקלען אָנגערופן מיט העברעאישע נעמען. אָבער, ווי געזאָגט, איז דאָס אַלץ געווען די ערשטע צייט. וואָס ווייטער איז צעדערבוים אַלץ מער דרייסטער און זיכערער געוואָרן אין זיין מיינונג וועגן "זשאַרגאָן" און האָט בכלל גענומען רופן די שפּראַך נאָר יידיש און יידיש, ווי דער לעזער וועט זען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

ב.

דער ערשטער נומער פון „קול מבשר“ איז אַרויס דעם עלפטן אָקטאָבער 1862. ביי היינטיקן טאָג וואָלט אונז אויסגעקומען אַזאַ מין נומער, און באַזונדערס ווען ער איז דער ע ר ש ט ע ר, משונהדיק ווילד. אָנשטאָט אַ פּראָגראַם־אַרטיקל, הויבט ער זיך אָן מיט עטלעכע ווערטער וועגן — אַ מ ע ר י ק ע. דער תּמצית פון די עטלעכע ווערטער איז: „אַמעריקע איז אַ גליקלעך לאַנד, וואו מ׳פּרעגט ניט, צי דו ביסט איד, נאָר צו דו ביסט אַסוחר“. נאָכדעם קומען אַרויסגעקליבענע פון פאַרשיידענע אויסלענדישע בלעטער ספּעציעל יידישע פּאַסירונגען פון פּאַריז, מאַינץ, ווין, קאָפּענהאַגען און אויך פון ירושלים. נאָך די נייס גייט פון איינעם אַן אומבעקאַנטן פּאָעט אַ ש י ר מיטן נאָמען „ה כ ל ה ב ל“ (חוץ צדקה און מעשים טובים). דער נאָמען אַליין זאָגט שוין גענוג וועגן דעם כאַראַקטער פון שיר. ווייטער ברענגט דער נומער אַ קורצע מעשה וועגן אַ יידישן „יונגן בעטלער“, אַ קליינע באַשרייבונג „קדוש השם“ הייסט זי, וועגן דעם ווי די קרייציגער האָבן אַמאָל אָנגעטאָן יידן צרות; אַן אַרטיקל וועגן די „ברויט־בוימער“, וואָס וואַקסן אין אינדיע; אַן אָנהויב פון אַן איבערזעצטער ערציילונג „דער גזל“ און גאָר צום סוף אַ פּאַבל מיט אַ העברעאישן נאָמען „רופא ולא לו“ (אַ רופא און ניט פאַר זיך) פונעם דאַמאָלסט שוין פאַרשטאָרבענעם ד״ר שלמה עטינגער. וואָלט אויפן נומער ניט אָנגעצייכנט געווען קיין דאַטע, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז אַרויס מיט הונדערט, און אפשר מיט גאַנצע צוויי הונדערט יאָר צוריק; אויף אַזוי פיל האָט ער אויף זיך ניט געטראָגן דעם שטעמפּל פון זיין צייט.

דער דאָזיקער ערשטער נומער, און אויך איינִיקע פון די ווייטערדיקע נומערן, זיינען אונטער פאַרשיידענע פּסעוו־דאָנימען געווען אויסגעפילט פון צעדערבוימען אַליין, דאָס האָט מען גלייך געקאָנט דערקענען פון דעם צעשעדיקטן, לשון, — אַ מין קוידערוועלש. און ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט. צעדערבוים האָט אַנדערש ניט געקאָנט שרייבן. אַליין

אַ געבוירענער פון גרויס־פּוילן, וואו ער האָט פאַרבראַכט ביז ער איז אַראָפּ פון שווערס קעסט; דערנאָך אַ תושב פון וויפל יאָרן אין אָדעס, וואו די יידן האָבן נאָך דאַן ניט גערעדט דעם פיינעם זאַפטיקן וואָלינער יידיש, נאָר אַ מישמאַש פונם וואָלינער יידיש מיטן גאַליציאַנער דיאַלעקט (אַ ירושה פון בראָד); דערצו איז נאָך די אומגאַנגס־שפּראַך ביי צעדערבוימען אין הויז געווען דייטש (די השפּעה פון דייטשישן איידים ד״ר גאָלדענבלום),—דאָס אַלץ צוזאַמען האָט גורם געווען, אַז ביי צעדערבוימען האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ הילצערנער יידישער סטיל, וואָס האָט פּשוט געגרילצט אין די אויערן און איז אָפט געווען אומפאַרשטענדלעך.

אַ קליין ביישפּיל פון צעדערבוימס דאַמאָלסטדיקן יידיש און פון זיין אָרטאָגראַפיע:

„אשיינער זימטער טאָג האָט זיך אָנגעהויבין צו ווזין. דיא טונקעלקייט פין דער נאַכט האָט אנגעהויבין אַנטלויפין פאַר דעם רייטעלעכען שאַן פון מזרח זאַט. גאַנץ שטילל איז געווען אין אללע גאַססען פון פּראַג, ווארין דער שלאָף האָט נאָך צוגעהאַלטין דעם עולם אין דיא בעטין״.

און נאָך אַ ביישפּיל פון אַן אַנדער פאָרם לשון (אויך קענטיק, צעדערבוימס, נאָר שוין מיט ר ו ס מ ע ר י ש ע סימפּאַטיעס):

„דיא וואָס געהערין צו פּאָדאַטנע סאָסלאָוויע זעגין פּטור פון הערבאָוואָיע פּאַפּיר; סאַי באַם אָפּגעבען רעקרוטען צום נאַבאָרן סאַי באַם שרייבען צו נאַטשאַלסטווע אין אַללע זאַכען וואָס איז נוגע רעקרוטען, נאָר אַז מעקויפט נאַיאָמשטשיקיס אָדער קוויטאַנצעס וואָס מעהאָט אָבגעגעבען רעקרוטען עד לחשבון, דאַצו מוז מען געברויכען סטעמפּעל פּאַפּיר. אהאָטניקעס וואָס גייען פאַר זייערע סעמייסטוועס זאָל מען נעמען אָטשערעדני״ א. א. וו.

די יידישע שפּראַך האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין „קול מבשר״ ערשט אין אַ צייט אַרום, בעת צעדערבוים האָט שוין אויפגעהערט צו זיין געצוואונגען אָנצופילן דאָס גאַנצע בלאַט דורכאויס נאָר מיט זיינע אייגענע „שאַפונגען״ און איבערהויפּט זינט ס׳האָבן זיך אַרום אים געגומען גרופּירן וואָלינער שריפטשטעלער, און צווישן זיי אַזעלכע סטיליסטן ווי אַבראַמאָוויטש,

לינעצקי און אַנדערע. אונטער דער השפעה פון זיינע וואָלינער מיטאַרבעטער, האָט זיך צעדערבוים אַליין אויך אויסגעלערנט שרייבן יידיש אַלץ בעסער. מיט דער צייט האָט ער אַליין אויסגעאַרבעט אַן אַלגעמיינע שטענדיקע אָרטאָגראַפיע פאַר די שרייבער פונם „קול מבשר", האָט גענומען אַגיטירן פאַר דער נויטיגקייט פון אַ יידישער גראַמאַטיק און אַנדערע לערנביכער, און פאָרשלאָגן, לויט זיין שטייגער, פאַרשיידענע פּלענער ווי דאָס אַלץ צו פאַרווירקלעכן. דאָס איז געווען, בעת ער האָט שוין כּלומרשט די פאָן פון יידיש געטראָגן הויך און שטאָלץ.

קיין פּראָגראַם וועגן דעם, וואָס ער איז אויסן אויפצוטאָן מיט זיין בלאַט, האָט צעדערבוים ניט געהאַט. בכלל איז צעדערבוים געווען אַ מענטש, וואָס האָט, אויב מ׳קען אַזוי זאָגן, אָרגאַניש ניט אָנער־קענט קיין פּראָגראַמען. בטבע איז ער געווען אַ ווינט־מענטש, ד. ה. אַ מענטש אָן פעסטע איבערצייגונגען און וועלט־אָנשויאונגען, ביי וועמען ס׳איז רעכט אי אַזוי, אי אַזוי, היינט—טאָג, מאָרגן—נאַכט. פאַר סתירות האָט ער קיין מורא ניט געהאַט, טאָמער האָט אים ווער „געכאַפּט פאַרן אַרבל", אַז נעכטן האָט ער געשריבן פונקט דעם הפך פון היינט, האָט עס אים געאַרט ווי „צען מאָל גאָרנישט"; ס׳איז דאָך זיין בלאַט, בכן מעג ער דאָך שרייבן וואָס ער וויל. ניט תמיד האָט ער אָבער געוואוסט וואָס ער וויל. מיט דעם דערקלערט זיך דער אויפפאַלנדיקער פאַקט, וואָס, בעת אין דעם העברעאישן „המליץ" האָט ער שוין צוויי יאָר נאָכאַנאַנד געפירט אַ שטאַרקע מלחמה מיט די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן, די קעגנער פון „השכלה" האָט ער ניט געקאָנט כאַפּן דעם שניט פון דער „זשאַרגאָנער" פובליציסטיק. מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש איז צעדערבוים צוגע־גאַנגען צו זיין נייער, „פּראָסטער"—לויט זיין אויסדרוק—אוידיטאָריע, מיט שרעק פאַר אַ איבעריק וואָרט, וואָס קען ברענגען שאָדן, פאַר אַן איבעריקע עצה וואָס קאָן ווערן געפערלעך.

מיט דער צייט האָט זיך אָבער דורך דעם פרעמדן, צופעליגן מאַטעריאַל, גענומען אַנטוויקלען אין „קול מבשר" אַ פּראָגראַם מיט פעסטע טענדענצן, וואָס האָט שוין שפּעטער געפּעגטעט אויך דעם ווינטיקן צעדערבוימען אַליין, דעם ווירקלעכן טאָן־געבער פון

דער צייטונג. מיר וועלן אָבער ניט פֿאַרלויפֿן פֿאָראויס, און איידער מיר וועלן צוקומען צו דעם שפּעטערדיקן פּראָגראַם פֿון „קול מבשר", ווילן מיר באַטראַכטן וואָס פֿאַר אַ פֿיזיאָגנאָמיע דאָס בלאַט האָט געהאַט ביז ס'האָט באַקומען אַ פּראָגראַם.

פֿון דריטן נומער אָן פֿסדר האָט זיך דער „קול מבשר" אָנגעהויבן צו עפֿענען יעדען מאָל מיט אַ אַרטיקל אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען: „נייאיגקייטען". דאָס איז געווען אַ שורה פֿון פֿאַרשיידענע נייס, אָבער איטלעכע מיט איר באַלייכטונג, און אויסגעקומען איז עס תמיד אין אַזאַ פֿאָרם, אַז אויפֿן יסוד פֿון די נייס האָט צעדערבוים אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן אַלערליי פֿראַגן. דאָס האָט שוין ממילא געבראַכט צו דעם, אַז ער האָט זיך שטענדיק אויסגעקליבן אַזעלכע פֿאַקטן, אויף וועלכע ער האָט געקענט בויען דאָס, וואָס אים האָט זיך געוואָלט אַרויסזאָגן. און וואָסער פֿראַגע ער זאָל ניט האָבן באַרירט און וואָס ער זאָל ניט האָבן אַרויסגעזאָגט, האָט דאָס אַלץ געפֿירט צום גרונד-געדאַנק, אַז „רוסלאַנד איז אַ געבענטשט לאַנד און אַז יידן איז דאָרטן בעסער ווי אומעטום"; מ'שטיקט יידן אין רומעניע, מ'דריקט זיי אין מאַראָקע, אַפֿילו אין דער געבענטשטער דייטשלאַנד טוט מען זיי אָן די די געבערענסטע ליידן; בלויז אין איין רוסלאַנד, און אונטער די פֿליגלען פֿון אירע „מלכי-חסד", לעבט זיך יידן ווי אין אַ גן-עדן און דער פּועל-יוצא דערפֿון איז, געוויינלעך, אַז מ'דאַרף זיין גוט און פֿרום, האַלט האָבן דאָס לאַנד און דינען טריי דעם קיסר. דאָס איז געווען, באַזונדערס די ערשטע צייט, די איינ-איינציקע טעמע, וועלכע צעדערבוים האָט געזוכט צו אַנטוויקלען פֿאַר זיינע לעזער אַלץ מער ברייטער און טיפֿער, ווייל ער האָט אין איר געפֿונען אַ קלאָרע תשובה אויף אַלע פּראָבלעמען פֿון דעם יידישן לעבן כלפּי-חוץ.

שפּעטער אַביסל האָט שוין צעדערבוים אָנגעהויבן אויסצוניצן די „נייאיגקייטן" אויך אויף דער באַלייכטונג פֿון די אינעווייניקסטע יידישע פּראָבלעמען. ער שטעלט זיך אָפּ, למשל, אויף דעם פֿאַקט, אַז אין דער מאַראָקאַנישער שטאָט טעטואַן האָבן יידן געעפֿנט פֿאַר זייערע קינדער אַ שול, און ציט דורך אַ פּאַראַלעל צווישן זיי, וועל-

בע געפינען זיך אין אזא שלעכטן מצב, וועלכע זיינען אין לאנד ללעג ולקלס, און צווישן די יידן אין רוסלאנד, וואו פארן געבילדעטן „שטייט דיא גאנצע וועלט אפען; אין גאנץ ראסעי מעג ער וואהנען, ער מעג דיענען אין אללע פריסאטסטוועס, ער מעג זיין אפילו א פראפעססאר. וויפיל האט שוין אונזערע גאנץ געבילדעטע ברידער אין דייטשלאנד דאס געקאסט, מען זאל זיי צולאזן צו דיא אללע עהרענעמטער און זיי זענין נאך נישט פערטיג". דערביי באווארנט זיך צעדערבוים און זאגט, אז בילדונג איז זיך בילדונג, אבער „גיט אכטונג אז די קינדער זאללען ערנסט דאווינען, אין שיל געהען, גיט זיי צו לייענען מוסר ספרים" („קול מבשר" 1-טער יאהרגאנג נומ' 5). קיין באזונדערע פובליציסטישע ארטיקלען וועגן די פראבלעמעס פון יידישן חנוך האט נאך צעדערבוים נית געשריבן. ער האט נאך נית געהאט קיין מוט ארויסצוזאגן זיך וועגן דער דאזיקער פראגע מיטן פולן מויל, באזונדערס האט ער נאך נית געוואגט א טרייסל צו טאן די זיילן פון דער אלטער יידישער ערציאונגס-סיסטעם, און סאמער האט אים ווען ס'איז געפויסט צו זאגן עפעס וועגן דעם, האט ער עס מבליע געווען אין די שורות פון די „בייאיגקייטען".

אין די ערשטע אכט נומערן האט צעדערבוים געשפייזט דעם „קול מבשר" מיט זיינע אייגענע כחות. אויסער קליינע, נישטיקע איבערזעצונגען, וועלכע זיינען געווען אונטערגעשריבן מיט איניציאלן, אונטער וועלכע ס'האט זיך מייסטנס באהאלטן אליין דער זעלביקער צעדערבוים, האט מען אין „קול מבשר" קיין א י י ן פרעמדן נאמען נית באגעגנט. א נייער נאמען איז אויפגעטראטן צום ערשטן מאל אין דעם נ י י נ ט ן נומער. דאס איז געווען י ה ו ש ע מ ר ד כ י ל י פ ש י ץ, א בארדיטשעווער ייד, מיט דייטשישער בילדונג, א גרויסער ליבהאבער פון דער יידישער שפראך, אין וועלכער ער האט געגלויבט צו זען נית בלויז א באקוועמען און ניצליכן מיטל צו פארשפרייטן בילדונג, נאר אויך א גרויסן און באדייטנדיקן נאציאנאל-קולטורעלן ווערט. אט ד ע ר ליפשיץ, וועלכער האט צוערשט אליין געוואלט ארויסגעבן א יידיש בלאט, און האט עס נית געקאנט באווייזן, ווי מיר האבן שוין פריער דערציילט, האט זיך, געוויינלעך,

מיט דעם אַרויסגאַנג פון „קול מבשר" זייער דערפרייט געוויס האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז צעדערבוים וועט באַלד אויסנוצן די געלעגנהייט און זען פאַרשטאַרקן דעם פרעסטיזש פון יידיש, וועלכער איז זייער געווען געפאַלן ביי די דאַמאָלסדיקע משכילים. ער האָט אָבער דערזען, אַז לאַ די, וואָס אין „קול מבשר" ווערט ניט אָנגעפירט פאַר יידיש די קלענסטע אַגיטאַציע, האָט נאָך צע-דערבוים אַליין אַרויסגעוואָרפן אין אַ הערה דעם פאָלגנדן משונה-דיקן געדאַנק: „מיר ווילן ניט וואַרטען ביז לצים וועלין אונץ פרעגען, בעססער זאָגען מיר שוין, אַז אונזער פּראָסט יודיש איז אוודאי נישט גערעכענט פאַר אַ לשון, וואָרין עס איז גאָר אַ פער-דאָרבין דייטש" (זע ק"מ נומ. 5). דאָ האָט ליפשיץ אַליין אויף זיך גענומען די אַרבעט אויפצוקלערן דעם גאָר פשוטן לעזער די באַדייטונג פון יידיש. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן אין אַ פּוב-ליציסטישן אַרטיקל, נאָר אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישן יודל (דאָס יידיש פאָלק) און זיין ווייב יהודית (דאָס יידיש לשון). דער דיאַלאָג איז געשריבן אין חרוזים, האָט אָבער ניט קיין שום פּאָעטישן קלאַנג. דער עיקר איז דאָ דער אויספיר, דער מוסר-השכל.

יהודית האָט שטאַרק פאַראיבל אויף איר מאַן דערפאַר, וואָס פון איר „קיקט ער אַלץ אַוועק" און פון „אַנדערע" האַלט ער גאָר אַן עולם ומלואו:

„דו ווילסט נאָר אויף אַנדערע קיקען!
און זיך נאָר צו פרעמדע ביקען.
ביסט תמיד אַנדערע מקנא,
און אַן פרעמדע דיך מהנה".

און דער מאַן איז זיך מתנצל דערמיט וואָס
„אויף אַנדערע איז אַ תענוג צו קיקען,
דאַרומען מוז איך מיך נאָר צו זיי ביקען
ייא שיט זיך דען פּעריל פון מויל
פאַר דיין רעדין גייט זיך אָן אַ גרויל".

אויף דעם ענטפערט אים יהודית שטאָלץ:
„דאָס איז דען טאַקע

שוין איין אַלטע מכה,
אַ פרעמד ווייב געפעלט מיין,
זי איז קליג, גוט און שיין.

זיי זענען מיאוסער געווען ווי איך אַצינד,
האָבען געשריבען און גערעדט ווי אַ קינד.
נאָר זיי האָבען געהאַט גוטע דאָליעס,
מען האָט זיי געפּיצט טאָג און נאַכט;
דאַריבער שפּילען זיי גרויסע ראָליעס,
מע טאַנצט מיט זיי, מע שפּילט, מע לאַכט.

פּריוו נאָר מיך שיין אויספּיטצען,
מיך קעכלען און פּריליאָבען,
וועסט אפשר תחלת אַביסל שוויטצען,
דערנאָך וועסטו גענוג האָבען".

דער מאַן קריגט אַ שטאַרקע בענקעניש צו זיין „אימערווייבּ־
נאַ געוועזענע ווייב, געמיינט: העבּרעאיש) און זאָגט מיט באַדויערן:

אַ גרויסער ווייטאָג איז מיר אין לייב,
אַז איך דערמאָן מיך אָן מיין אימערווייבּ.
זי איז געווען גאָר אַ בּריליאַנט,
זי האָט געהאַט אַ שם אין גאַנצן לאַנד,
נאָר חוץ אַלע איהרע גולדענע מעלות,
איז זי דאָך געווען גאָלע יוחוס;
דיין יוחוס איז אָבער פיל שאלות,
דו בּיסט דעך פון אַלדע רוחות.
איהר נאָמען אַליין איז גאָר חידוש,
זיא הייסט „לשון קודש", ניט יודיש"

יהודית פאַלט אָבער ביי זיך כלל ניט אַראָפּ, און זאָגט:
„חלעבּען איך קען זיא גלייך מיט דיר,
און האָב זיא ליעב גאָר אָהן שיעור;
וואָס איך ווינש איהר
זאָל אָנגיין מיר.

האָב זיא פיינד, זאָג איך ניט,
פערקעהרט זייא מיט איהר גיט;
נאָר פערגעס ניט איין אויגענבליק
פון ווייב ביז אימטערווייב איז אַ חלום,
צו איהר קומסטו נאָר מיט אַ וויזיט
און צו מיר דאַרפסטו אַללע מינוט.
עס איז אמת, זיא איז זעהר שיין
נאָר אָהן מיר קענסטו דיך ניט באַגיין,
זיא איז טאַקע אַ גאָטטס ווינדער,
מיט מיר האָסטו אָבער שוין קינדער״;*)

צום סוף באַטאָנט יהודית, אַז זי איז נאָר אויסן די טובה פון איר מאַן:

„איך מיין אסור ניט אַזוי מיך,
איך בעדויער אַ סך מעהר דיך״.

ביים סוף פון דיאַלאָג אינסצענירט, כלומרשט, ליפשיץ אויך די מיינונג פון דער רעדאַקציע אין דער זאַך. כדי שטאַרקער צו מאַכן דעם רושם, לאָזט ער אין דעם נעמען דאָס וואָרט ניט דער רעדאַקציע פונם יידישן „קול מבשר״, נאָר די רעדאַקציע פון העברעאישן ה„מליץ״. ליפשיצן לוינט בעסער, אַז העברעאיש אַליין זאָל באַשטעטיקן, אַז זי איז ביי יודלען בלויז אַן „אימטערווייב״, אַז העברעאיש אַליין זאָל באַשיטן יהודיתן מיט תהלות ותשבחות און זאָל קומען צום אויספיר:

„איך קען מיך מיט אייך וועטען
יודעל וועט יהודיתן ניט גטן,
ווי לאַנג עס איז איהר באַשערט נאָך צו לעבן
וועט ער איהר תמיד כבוד אָבגעבען״.

עס קען גרייַלעך זיין, אַז צעדערבוימען אַליין, וועלכער

*) ביי דער דאַזיקער פשרה=מיינונג איז ליפשיץ ניט פאַרבליבן. אין דער הקדמה פון זיין יידיש=רוסישן ווערטער=בוך (זשיטאָמיר 1876) איז ער שוין אַ גאַנץ בולט'ער קעגנער פון העברעאיש.

האָט נאָך דאַן זיין לעצט וואָרט איבער יידיש ניט אַרויסגעזאָגט, האָט אויך געפונען פאַר גלייכער, אַז דער „קול מבשר״ זאָל דער־ ווײַלע וואָס ווען וועגן דעם ענין מאַכן אַ שווייג...

ביים 13־טן נומער האָט זיך דער „קול מבשר״ (צוזאַמען מיטן „המליץ״, געוויינלעך) אָפּגעשטעלט מיט אַמאָל אויף גאַנצע דריי חדשים. מיר זאָגן: מ י ט אַ מ אָ ל, ווייל צעדערבוים האָט דערביי די לעזער ניט מכין געווען; ער האָט נאָך, פאַרקערט, אין לעצטן נומער דערמאָנט וועגן דער באַנייאונג פון אַבאָנעמענט צום צווייטן פערטל יאָר. דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאַמאָלסדיקער באַציאונג פון אַ יידישן צייטונגס־אַרויסגעבער צו זיינע אַבאָנענטן. ערשט שפּעטער האָט צעדערבוים געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן, אַז דער אָפּשטעל פון דער צייטונג איז געווען צוליב דעם, וואָס מ׳האָט איר איבערגעטראָגן אין אַ נייער ט י פּ אָ ג ר אַ פ י ע.

דאָס ערשטע פערטל יאָר האָט אין דעם טעכנישן צוזאַמענ־ שטעל פון „קול מבשר״ געהערשט אַן אמתער תוהו ובוהו. ס׳איז געווען רעכט, למשל, אַז כמעט אין דער שפּיץ פון בלאַט זאָל געדרוקט ווערן אַן אַרטיקל „דיא מערת־המכפלה״, אַז נאָך די „ניי־ איגקייטן״, (דער לייט־אַרטיקל) זאָל קומען: „איין רפואה צו דער קראַנקהייט וועלכע הייסט קאַרבונקיל״, אָדער, אַז אין רעכטן מיטן נומער זאָל מען ברענגען מיטלען, „ווי אַרויסצונעמען זשאַווער־ פלעקן פון ווייסצייג״. ס׳איז רעכט געווען, אַז אַ שיר, וואָס האָט ניט קיין טעם און קיין ריח („דאָס גראַבער־ליד״) זאָל זיך דרוקן אין קליינע שטיקלעך אין עטלעכע נומערן נאָכאַנאַנד. מ׳דאַרף דאָ באַמערקן, אַז צעדערבוים האָט געהאַט אַ געוויסע שוואַכקייט צו „פּאָעזיע״, ד. ה. צו גראַמען. ס׳זיינען געווען אַזעלכע נומערן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געדרוקט צו צוויי, דריי שירים מיט אַמאָל. צווישן דעם מיסט האָט זיך אָבער אַמאָל פאַרוואַלגערט אויך אַ פּערל — אַ קליין ליד „ד ע ר אָ ר י מ אַ ן״, געשריבן אין דעם שפּע־ טערדיקן אַברהם רייזענס זשאַנר. מיר ערלויבן אונז צו ברענגען דאָ עטלעכע אויסצוגן פונם דאָזיקן שיר

„איך לייף אַרום און זוך
פון אין דער פריה ביז נאַכט;

איך צורייס אומזיסט די שוך,
און קום אַהיים פאַרשמאַכט.

קום איך אַהיים צוגיין
האָב איך ערשט דעם פסק:
די קינדער מיט אַ געוויין,
און דאָס ווייב צום טאָג.

דו האָסט אָן אונז פאַרגעסען
— שרייען זיי מיט אַ קלאָג —
מיר האָבן ניט גיגעסען
שוין דעם דריטען טאָג".

ווייא איז מיר און ווינד
שרייט און בעט דאָס ווייב;
אין וויגעל וויגנט דאָס קינד,
עס גרווילט מיר אַזש דאָס לייב:

מיר ליידען הונגער און פיין,
אין שטיב איז קאַלט און נאַס;
דער רעגען רינט אַריין,
אַזוי וויא אויף דער גאַס".

דער דאָזיקער שיר, אויף וועלכן עס זייגען געחתמעט די איניציאַלן י. וו. ש. (קענטיק: יוסף ווייבשטיין, אַ נאָמען, וועלכן מיר באַגעגענען שפּעטער אָפּט אין „קול מבשר"), קלינגט ווי אַ דיסאָנאַנס הן לויט זיין איינהאַלט הן לויט זיין שפּראַך לגבי די אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס האָבן זיך גלייכצייטיק געדרוקט אין „קול מבשר".

נעמען פון ריכטיקע שריפטשטעלער האָבן זיך נאָך אין „קול מבשר" ניט געוויזן. די שרייבער האָבן, הפּנים, געוואָלט אָפּוואַרטן און זען פריער וואָס פאַר אַ מין „באַשעפעניש" ס'וועט זיך אויספּיקן פון צעדערבוימס יידישער צייטונג. נאָר א י נ ע ם אין די שפּעטערדיקע יאָרן גוט באַקאַנט געוואָרענעם יידישן שריפטשטעלער, געפינען מיר אין די ערשטע

נומערן פון „קול מבשר”, און ניט אייגנטלעך זיין מפורשן נאָמען, נאָר דערוויילע זיין פסעוודאָנים: יוסף יואל הערדנער. דאָס איז געווען יוסף יהודה לערנער, דער איבערזעצער פון „אוריאל אקאָסטאָ” און פון אַנדערע טעאַטער-שטיק און פון דער יידישער געשיכטע, וועלכער האָט זיך אויף דער עלטער געשמדט.

דאָס איז דער סך-הכל פון „קול מבשר” אין זיינע ערשטע דריי חדשים. דער דאָזיקער סך-הכל האָט עפּעס יאָ און ניט מבטיח געווען אויף דער צוקונפט. צעדערבוים האָט נאָך אַלץ געטאַפּט דעם וועג.

ג.

אויך אין די ערשטע נומערן פון אַנדער האַלב יאָר „קול מבשר” האָט נאָך צעדערבוים ניט געפונען זיין ריכטיקן וועג. נאָך אַלץ האָט ער זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, נאָך אַלץ האָט ער ניט געקאָנט כאַפּן דעם געהעריקן טאָן און נאָך אַלץ האָט ער אָנגעפילט דאָס בלאַט כמעט ווי מיט גאָלע שטרוי. נאָר ווען ניט ווען האָט זיך דורכגעוואָרפן אין „קול מבשר” אַ זאַך, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל טעם. צו דעם סוג געהערט דער אַרטיקל „די 4 קלאַסען” פון ל. (דאָס איז דער זעלבער מרדכי יהושע ליפשיץ, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין אויבן גערעדט). דאָס איז אַ מין לאַנגער וויסנשאַפטלעך-פּובליציסטישער אַרטיקל, אין וועלכן דער שרייבער קערט זיך ווידער אום צו דער „זשאַרגאָן-פראַגע” און זאָגט דאָס מאָל אַרויס זיין מיינונג וועגן דעם פיל שאַרפער און דייטלעכער. נעמט מען ניט אין אַכט דעם האַרטלעכן לשון פון דעם אַרטיקל, וועל= איז נאָך פאַרפעפערט מיט פיל פרעמד-ווערטער, קען זיך דוכטן, אַז מיר הערן אין אים די טענות פון די היינטיקע, מאָדערנע יידישיסטן.

„מען זאָגט אַלץ—אַזוי שרייבט ל.—: זי (ד. ה. די יידישע שפּראַך) איז פערדאָרבן! איך מוז מודה זיין, אַז איך פאַרשטיי איבערהויפּט ניט מיט וואָס פאַר אַ רעזאָן מען קען אויף אַ שפּראַך וואָס עס לעבען, האַנדלען און וואַנדלען אין איהר אַזוי פיעל טויזענדער מענטשען, אַ גאַנץ פאָלק, זאָגען: זיא איז פערדאָרבען.

פערדאָרבען געשיקט זיך נאָר צוזאָגען אויף אַזאַ זאַך, וואָס איז בעסער געוועזען און איז קאַליע געוואָרען. נאָר פון וואַנען איז עס אַזוי געדרונגען, אַז אַנדערע שפּראַכען זענען פון דעם גרונד אָן בעסער געוועזען? זענען זיי דען אַזוי מסיני בעגעבען געוואָרען? זייא קימען דאָך אויך אַרויס, וויא אונזער לשון, פון אַנדערע פערשידענע לשונות, נאָר פאַר וואָס הייסען זייא ניט פערדאָרבען? נאָר דער אמת איז, אַז בייא אַ לשון געשיקט זיך ניט צו זאָגען גלאַט (אַבסאָלאַט) פערדאָרבען, וואָרין אַ לשון איז דאָך נאָר צייכען פון געדאַנקען, דעראיבער מעג זיך איין פאָלק מאַכען וואָס פאַר צייכען עס וויל אַבי (אום דאַמיט) עס זאָל זיך דורך זיי איינס דאָס אַנדערס פערשטעהען!"

ל. טענהט זיך דורך מיט די רוסיפיקאַטאָרן, וואָס זאָגן, אַז צוליב רוסיש מוז מען פאַרטרייבן דעם „זשאַרגאָן":

„אַז מען וועט מיך אפשר וועלין פרעגין: עס וואָלט זיך אַ סך גלייכער געוועזין, אַז מיר זאָללען גאָר פערגעסען אין אונזער זשאַרגאָן און זאָללען זיך בעסער געוועהנען מיט דער געבילדעטער שפּראַכע פון דעם פאָלק, וואָס מיר לעבען צווישען דעם, קאָן איך ענטפערען, אַז מען דאַרף נישט קיקען אויף דעם וואָס עס איז. מעגליך עס וואָלט אויך גלייכער געוועזען, אַז די גאַנצע וועלט זאָלל גאָר רעדין איין לשון, זאָל זיין איין מלוכה, איין אמונה, אָדער עס זאָל זיין אימעטים איין מטבע, איין געוויכט, איין מאָס, עס זאָלל... מאַלע וואָס עס וואָלט בעססער געוועזען! לעת עתה רעדין מיר יודיש, און ווי עס ווייזט אויס, וועלין מיר פוילישע יודען נאָך אַזוי געך ניט רעדען צווישען זיך ניט קיין רוסיש, ניט קיין דייטש און אפילו ניט קיין לשון קודש. דאַריבער מוז מען קיקען אויף דעם וואָס עס איז און מען זאָלל בעססער אויסבילדען די יודישע שפּראַכע, וועט מיט גאָטס הילף די מיה אָם נעכסטען, אָם זיכערסטען און אָם בעסטען אָנגעלייגט (עושה פּרי) זיין".

און ליפשיץ איז ניט געוועזן פון די מענשן, וואָס פאַרלעגען אַליין אַ האַנט אויף אַ האַנט און הייסן נאָר דעם אַנדערן טאָן. כדי צו פאַרשפּרייטן די יידישע שפּראַך, האָט ער זיך גענומען

צוזאמענשטעלן אַ דייטשיש־יידישן און אַ יידיש־דייטשישן ווערטער־בוך, וועלכן ער האָט אויך איינגיכן אַרויסגעגעבן. *)

דער דאָזיקער אַרטיקל האָט אַרויסגערופן מצד צעדערבוימען אַ גרויסע און אינטערעסאַנטע ערקלערונג, וועלכע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער יידישער פרעסע. צעדערבוים דערציילט, אַז די מיינונגען פון עולם וועגן „קול מבשר" זיינען צוטיילט. „טהייל שרייען נאַגעוואַלט און האָבען אַפילו געשריבען, אַז מיר טוהען אומרעכט, וואָס מיר דערהאַלטען די פערדאָרבענע שפראַכע, וואָס וואָלט שוין צייט געוועזען לאַנג זיא צו פערגעסען, וואָרין זי מאַכט אָן אַללע צרות, איבער איהר קען קיין יוד ניט רעכט רעדין קיין שום לשון און ניט לערנין קיין שום הכמה; איבער איהר איז ער מבוזה ביי אַנדערע נאַציעס און איז אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. אַנדערע ווידער האָבען זעהר געלויבט אונזער מיה. זיי מיינען, אַז דאָס איז זעהר נוצלעך צו בילדען דאָס פּראָסטע פאָלק וואָס וועלען שוין ניט געהן אין שולע אריין לערנין אַנדערע לשונות, און מען עפענט זיי דיא אויגען אין דעם לשון, וואָס זייא פערשטעהען. מיר האָבען אָבער ניט געוואָלט זאָגען, אַז מיר טוען גלייך, מען וועט אונץ חושד זיין, אַז דאָס איז מחמת אינטערעס. נאָר עס מעג שוין איצט לאַכען ווער עס ווילל, מיר ווייסען ביי זיך, אַז מיר געהען אויף אַ זיכערען וועג צו אונזער ציעל אונזערע ברידער אויף פשוט יודיש בעקאַנט צו מאַכען מיט דער וועלט און וואָס עס טוהט זיך אויף איהר, זיי לערנען אורטהיילען ריכטיג איבער זייערע פפליכטען געגען זייער רעליגיע, געגען דעם קאַיסער און דער רעגירונג, געגען דער מענשליכען געזעללשאַפט בכלל און געגען זייער נאַציע בעזונדער, אויך געגען יעדען מענש וויא גאָטטס בעשעפּניש".

*) צעדערבוים, וועלכער איז געווען געשטימט קעגן דער גערמאַניזאַציע און האָט שפּעטער געצויגן צו רוסיש, האָט געפונען פאַר נויטיק צו באַמערקן אין אַ באַזונדער הערה, אַז ס'וואָלט פיל גלייכער געווען צוזאַמענצושטעלן אַ רוסיש־יידישן ווערטער־בוך. אין עטלעכע יאָר אַרום, האָט דאָס דער זעלבער ליפשיץ אויך געטאָן.

בכן איז שוין, דוכט זיך, אַלץ גוט: דער „קול מבשר" האָט שוין אַ שטיקל פּראָגראַם און צעדערבוים איז שוין געוואָרן אַ חסיד פון יודיש. אין אמתן איז דאָס נאָך אָבער נ י ט אַזוי. ווי דער לעזער וועט ווייטער זען, גייט נאָך אַריבער אַ גאַנץ היבשע צייט ביז מ'הויבט זיך ערשט אָן צו שטויסן וואָס אַזויגס וויל דער „קול מבשר" אַריינטראָגן אין יידישן לעבן, און איידער יידיש ווערט באַטראַכט פון צעדערבוימען אַלס עכטע שפּראַך, קען ער זיך בשום אופן קיין עצה ניט געבן וואָס צו טאָן מיט איר, צי „אויסצומישן זי וואָס מער מיט דייטשישע ווערטער, כדי זי זאָל ווערן מיט דער צייט אַן אַרט „גערינג דייטש און זאָל גילטען פאַר אַ ביכער־שפּראַכע, ווי די דייטשע שפּראַכע אַלליין וואָס האָט פיעלערליי אויסשפּראַכען", אָדער מ'זאָל אויסבילדן יידיש אין אַ באַזונדער שפּראַך. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז צעדערבוימען, דעם אַנטיגערמאַניזאַטאָר, לייגט זיך גאָר מיט אַמאָל אויפן זין צו גערמאַניזירן יידיש! דאָס ווייזט אַן איבעריקן מאָל ווי ניט פעסט, ווי ווינטיק, דער מענש איז געווען אין זיין דענקען. געבליבן איז ער ביי דעם באַשלוס, אַז מען דאַרף געפינען „עפּיס אַ מיטטעלוועג, מיר זאָללען קעננען יוצא זיין אַלע דעות, כדי מיר זאָללען קעננען אַללגעמיין ווירקען". יוצא זיין אַלע דעות, ד. ה. דרייען מיט דער צונג אַהין און אַהער, און קיינמאָל ניט ריידן קיין קלאָרע דבורים, — דאָס איז געווען און פאַרבליבן דער אמתער, ריכטיגער צעדערבוימישער לאָזונג אין אַלע פראַגן און אויך בנונע צו י י ד י ש.

אין די ווייטערדיקע נומערן פון „קול מבשר" הויבן זיך שוין אָן צו באַגעגענען פנים חדשות: מענשן שוין מיט פ אַ ר ט י ק ע נעמען, ווי דער העברעאישע דיכטער ג אָ ט ל אָ ב ע ר, און מענשן מיט ש פּ ע ט ע ר ד י ק ע נעמען, ווי אַ ב ר ה ם ג אָ ל ד פ אַ ד ע ן. אין דעם פּרט האָבן די ערשטע עטלעכע און צוואַנציק נומערן פון „קול מבשר" שוין געהאַט די ווירקונג, וואָס די משכילים, וועלכע האָבן ביי זיך ניט געקענט פועלן צו דרוקן זייערע ווערק אויף פּראָסט מאַמע־לשון און עפנטלעך אַרויסטרעטן אַלס מחברים פון זשאַרגאָנישע שאַפונגען, האָבן זיך איצט אָנגעהויבן אָפּצושעמען מיט יידיש. דאָס האָט צעדערבוימען אַביסל מוטיקער געמאַכט. ער האָט שוין אַליין

דורך בריוו געגומען וועקן די משׂכּילים צו באַטייליקן זיך אין „קול מבשׂר". דער עולם האָט זיך ביסלאַכוויז אָנגעהויבן אָפּצורופן, און אין דער צייטונג איז לעבעדיקער געוואָרן. ס'האָבן זיך אין איר פון צייט צו צייט באַוויזן אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע צייט־פראַגן, אויך קאָרעספּאָנדענציעס פון גרעסערע און קלענערע שטעט. צע־דערבוים, וועלכער האָט ביז אַהער זיין הויפּט־פּובליציסטישע טע־טיקייט אָפּגעגעבן דעם העברעאישן „המליץ" און האָט זיין יידי־שער צייטונג צוגעוואָרפן נאָר ברעקלעך, האָט זיך שוין איצטער מער גענומען פאַרן „קול מבשׂר". קודם כּל האָט ער אין אים גענומען אַיינפירן דעם פּובליציסטישן לייט־אַרטיקל. דעם אָנהויב האָט ער אַליין געמאַכט.

צעדערבוים האָט תּמיד געהאַט וועגן וואָס צו ריידן מיטן עולם. שטענדיק האָט זיך ביי אים געפונען אַ וועלכער ס'איז פאָר־שלאָג, אַ וועלכע עס איז עצה, אויף וואָס אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם לעזער, און אַפילו ווען ער פלעגט באַהאַנדלען אַן ענין, וועל־כער האָט, אין פלוג, קיין שום געזעלשאַפטלעכן ווערט ניט, אַפילו ווען זיינע רייד האָבן געשמעקט מיט בטלנישער פלוידעריי, האָט ער דאָך אין יעדן אַרטיקל אַרויסגעזאָגט עפּעס אַ נייס, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל אינטערעס. נאָך אַלע פעלערן פון זיין בילדונג, פון זיין שפּראַך און פון גאַנצן געביי פון זיין סטיל, האָבן זיך דאָך תּמיד אין זיינע אַרטיקלען אַרויסגעוויזן זשורנאַליסטישע פע־היגקייטן און זשורנאַליסטישער טעמפּעראַמענט. די טעמעס פון זיינע אַרטיקלען, ד. ה. די פראַגן, וועלכע ער פלעגט באַהאַנדלען, זיינען יעדן מאָל געווען אינטערעסאַנט. די סבה דערפון דאַרף מען זוכן אין זיין פּראַקטישן חוש. צעדערבוים איז אַריין אין דער צייטונג ניט פון דעם מלמדישן קרייז, ניט פון בית־מדרש, נאָר פון דער פּראַקטישער וועלט. ער איז געווען אַ סוחר, אויסגעמישט מיט לייטן, האָט געקענט דאָס לעבן און די מענשן, און צו אַלעם דעם האָט ער באַזעסן אַן אייזערנע ענערגיע און אַ גרויסע אַרבעטס־קראַפט. נאָך איידער ער איז אַ רעדאַקטאָר געוואָרן, איז ער שוין געווען פון די פּאָפּולערסטע געזעלשאַפטלעכע טוער אין אָדעס און באַזונ־דערס אויף דעם געביט פון בילדונג און ערציהונג. דאָס אַלץ האָט

אין אים אַנטוויקלט די פעהיגקייט צו פאַרשטיין די לעבנס־באַדערפענישן און צו פילן די נויטן פון דער שעה.

צעדערבוים האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די פובליציסטישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט אַליין געשריבן, און האָט געהאַט אַ טבע אַריינצומישן זיך אויך אין די מאמרים פון אַנדערע. ער האָט ניט דורכגעלאָזן קיין איין בריוו און קיין איין אַרטיקל, צו וועלכע ער האָט עפּעס ניט צוגעלייגט פון זיך. שטענדיק און אין יעדער זאַך האָט ער געפונען וואָס אָנצומערקן. די ערשטע צייט פלעגט ער זיינע אָנמערקונגען מוסיף זיין צו די פּראָווינציעלע קאָרעספּאָנדענציעס. אַ קאָרעספּאָנדענט, למשל, האָט מודיע געווען וועגן דעם צי וועגן יענעם צופאַל, וואָס האָט פּאַסירט אין יידישן לעבן פון זיין שטאָט, האָט זיך באַלד צעדערבוים באַנוצט מיט דער געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן וועגן דער זאַך זיין צופרידנהייט, אָדער זיין אומצופרידנהייט, צו לויבן אָדער צו שענדן, האָט ניט געקאַרגט די שאַרפסטע אויסדרוקן און האָט געגאָסן אויף די אומגערעכטע, לויט זיין מיינונג, ממש „פּעך און שוועבל״. עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז אַ קאָרעספּאָנדענט האָט אַריינגעשיקט אין „קול מבשר״ אַ ידיעה, וואָס ס'איז וועגן איר ניטאָ וואָס אָנצומערקן, און דאָך האָט דער רעדאַקטאָר געפונען פאַר נויטיק צוצוגעבן צו איר אַ הערה לאַנג ווי דער גלות.

אַ סך אַ גרעסערן אָרט פלעגן פאַרנעמען די הערות, וואָס צעדערבוים פלעגט צוגעבן צו די פובליציסטישע אַרטיקלען פון אַנדערע שרייבער וועגן פאַרשיידענע צייט־פראַגן. די דאָזיקע הערות זיינען אין אַ באַוואוסטן זין געוואָרן „היסטאָריש״. צעדערבוימס שטייגער איז געווען צו לאָזן פריער דעם שרייבער אַרויסזאָגן וואָס זיין האַרץ געלוסט, און דערנאָך פלעגט ער קומען און אָנמערקן אויף דעם, וואָס ער האָט געפונען פאַר נויטיק, און גאַנץ אָפט פלעגט טרעפן, אַז די הערה איז געווען פיל גרעסער פאַר דעם אַרטיקל גופא. און צעדערבוימס הערות האָבן געהאַט אַ פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער: אַמאָל פלעגט ער שטאַרק אונטערשטיצן די מיינונגען, וואָס דער שרייבער האָט אַרויסגעזאָגט, און אַמאָל פלעגט ער זיך אַמפערן און קריגן מיטן שרייבער. אין לעצטן פאַל פלעגט צעדערבוים ניט שאַנעווען אַפילו די פּאָפּולערסטע און ביי אים באַליבטעסטע

מיטאַרבייטייער, וועלכע ער פלעגט גאַנץ אָפט מאַכן ממש „אויסצודרייען". אַזוי איז ער זיך באַגאַנגען מיט גאָטלאָבערן און מיט אַבראַמאָוויטשן (דעם שפעטערדיקן מענדעלע מוכר ספרים), וואָס ער האָט געדרוקט זייערע אַרטיקלען און זיי באַלד אויפן אָרט געמאַכט „כפרא דארעא". צעדערבוים האָט געהאַט אַ טבע צו טשעפן זיך ניט בלויז צו די מיינונגען פון די שריפטשטעלער, נאָר אויך צו זייערע איינצלנע אויסדרוקן, וואָס זיינען אים ניט געפעלן געוואָרן. וויפל מאָל פלעגן די שריפטשטעלער קומען מיט טענות צו צעדערבוימען: מיר ווילן ניט אייער האָניק און ניט אייער ביס! איר קענט אייך לכתחלה אויסמעקן פון אונזערע אַרטיקלען די אויסדרוקן, וואָס געפעלן אייך ניט, באַליידיקט אונז אָבער ניט עפנטלעך פאַר לייטן. אויף צעדערבוימען האָט דאָס אָבער גאָרניט געווירקט. ער פלעגט זיך אָפדרוקן די דאָזיקע טענות פון די שריפטשטעלער מיט זייער גאַנצער שאַרפקייט און ביטערקייט, אַמאָל פלעגט ער זיך ביי דער זייט אַנטשולדיקן, און שוין אויף מאָרגן זיך טאָן דאָס זייניקע.

אום דער לעזער זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקל באַגריף פון צעדערבוימס הערות, וועלן מיר דאָס אילוסטרירן דורך אַ צוויי, דריי קליינע פאַקטן:

מיר האָבן דאָ שוין פריער דערמאָנט ליפשיצעס אַרטיקל „דיא פיר קלאַסען", און האָבן דערביי אָנגעמערקט, אַז דער שרייבער באַנוצט זיך מיט פרעמד-ווערטער. צווישן אַנדערע האָבן זיך ביי אים געפונען אויך די ווערטער „פאָזיטיוו" און „נעגאַטיוו". צעדערבוים האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגן און האָט געפונען פאַר נויטיק אָנצומערקן וועגן דעם אין אַ באַזונדער הערה פאָלגנדעס: „אונזער קאָררעספאָנדענט (אַ שרייבער פון אַ כמעט וויסנשאַפטליכן אַרטיקל הייסט ביים רעדאַקטאָר פון „קול מבשר": „קאָררעספאָנדענט"!) האָט וויא עס זעהט אויס פערגעססען אַז ער רעדט דאָ אויך מיט דעם פראָסטען עולם, וואָס האָבען ניט געלערענט קיין פהיזיק און ווייסען ניט וואָס דיא ווערטער: פאָזיטיוו און נעגאַטיוו בעדייטען". און באַלד אויפן אָרט קומט צעדערבוים פאַריכטן דעם פעלער פון זיין „קאָררעספאָנדענט" און קלערט אויף דעם פראָסטן

לעזער דעם ריכטיקן פשט פון די ווערטער. און זיין ערקלערונג איז ממש אַ שעדעווער פון אויסטייטשונגס־קונסט, אויב ס׳איז ערלויבט אַזוי צו זאָגן. „אַ סך זאַכען—אַזוי טייטשט אויס צעדערבוים וואָס הייסט „פּאָזיטיוו״ און „נעגאַטיוו״—האָבען אין זיך אַ כּח אַנדערע צו זיך צו צוהען, ווי למשל גלאָז און סמאָלע, אַז מען רייבט זייא אַביסיל; דאָס הייסט עלעקטריציטעט. נאָר עס איז אַ חילוק צווישען דער אָנציהונגס־קראַפט בייא גלאָז און ביי סמאָלע: ווען מען ריהרט אָן צוויי זאַכען, וואָס האָבען אין זיך גלאָז־עלעקטריציטעט, ציהען זייא זיך איינס צו די אַנדערע, און די וואָס האָבען סמאָלע־עלעקטריציטעט שטויסען זיי זיך אַוועק. דאַריבער רופען די חכמים די גלאָז־עלעקטריציטעט „פּאָזיטיווע״ און די סמאָלע־עלעקטריציטעט „נעגאַטיווע״. שאַרף און גלאַט. איצטער וועט שוין דער פּראָסטער עולם געוויס פאַרשטיין דעם ריכטיקן פשט פון „פּאָזיטיוו״ און „נעגאַטיוו״.

איינער אַ אוריה קאהען דרוקט אין „קול מבשר״ אַן אַרטיקל: „עטליכע ווערטער איבער דער ווייבערישער בילדונג״, אין וועלכן ער ווייזט אָן אויף דעם אונטערשייד צווישן די אַמאָליקע אומוויסנדיקע באָבעס מיט די היינטיקע געבילדעטע פרויען. קומט צעדערבוים מיט אַ הערה, וועלכע פאַרנעמט דריי מאָל אַזוי פיל ווי דער אַרטיקל, און גיט דעם מחבר אַ פאָרציע פאַרוואָס „ער מאַכט אַוועק מיט דער האַנד אונזערע עלטערבאָבעס, וואָס נאָר זייא האָבען מיר אין גאַנצען צו פערדאַנקען וואָס דאָס יודישקייט האָט זיך דערהאַלטען אין די ביטטערע צייטען״.

איינע אַ דאַמע שרייבט אַ לאַנגן אַרטיקל. „נייעס פון פּעטערסבאָרג״, און געפינט פאַר נויטיק ניט צו חתמענען זיך. אין עטלעכע וואָכן אַרום קומט צעדערבוים צו די לעזער מיט דער פריילעכער בשורה, אַז „אונץ טוהט אַ גרויסע הנאה, אַז זיא (די דאַמע הייסט עס) איז אַזוי גוט געוועזען און האָט אונץ ערלויבט איהר נאָמען אַרויסצושרייבען, זיא הייסט ליבע יאַסינאָווסקע״. דערביי דערציילט צעדערבוים איר גאַנצע ביאָגראַפיע, אַז „פריער האָט זיא געלעבט אין זיטאָמיר, דערנאָך אין באָברויסק און איצט איז זיא אין פּעטערסבאָרג, וואו זיא האַלט אַ יודישע רעסטאָראַציע״,

א. א. ווי צעדערבוימען איז גאָר ניט אַיינגעפאַלן, אַז די דאָזיקע אַלע פּרטים, מיט וועלכע ער פאַרנעמט אַ היבשן אָרט, קענען דעם לעזער גאָר ניט אינטערעסירן און האָט אַזעלכע אומגעלומפּערטע בטלנישע שטיקלעך אַרויסגעוואָרפן כמעט ווי אין יעדען נומער פון „קול מבשר". דער עולם האָט אָבער, ווי עס ווייזט אויס, דערפון שטאַרק הנאה געהאַט און ממש „די פינגער געלעקט".

ד.

ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז דוקא דאָס צופיל ריידן, דוקא די איבע־ריקע פלוידערייען און דער גאַנצער צעדערבוימישער „היימישער" טאָן האָבן דאָס ביסלעכווייס אַריבערגעטראָגן אין „קול מבשר" דעם גייסט פון אמתער פאָלקסטימלעכקייט מיט דער התקרבות און פאַרבונדנקייט צו די ברייטע פאָלקס־שיכטן. אויף דעם האָבן גע־וויזן די בריוו, וואָס די רעדאַקציע פון „קול מבשר" האָט אָנגע־הויבן צו באַקומען פון די פשוטע לעזער. אַ געוויסער „הערשעלע קצב" פון בערדיטשאַנסק האָט אַריינגעשיקט אַ שיר לכבוד דעם רע־דאַקטאָר. דער משורר איז שטאַרק באַגייסטערט פון דעם, וואָס עס

האָבען זיך אָבגעזוכט טהייערע מענשען
גאָטט זאָל טאַקע זייערע מעשים בענשען
און האָבען אויף אונז רחמנות געהאַט
פאַר אונז צו דרוקען דאָס „קול מבשר" בלאַט,
וואָס מיט גרויס אַהבה און פיל דאַנק
נעמען מיר אָן ווי אַ טייער געשאַנק.
חאָטשע אונזער לשונ'דיל איז טאַקע זייער געמיין,
מיר קענען דעך אָבער קיין אַנדערס פאַרשטיין
חאָטשע מיינסטען זעַנען מיר ווייבער,*) פראָסטע לייט
מיר ווילען דאָך מיט געהן מיט דער לעכטיגער צייט.

כמעט יעדער לעזער, און, נאָך עפטער, לעזערקע, איז געקו־מען פאָרלייגן דעם „קול מבשר" איהר עצה וועגן דעם, וואָס מען דאַרף שרייבן אין א י ה ר בלאַט. איינע אַ בעל־הביתטע, למשל, האָט

*) פון די ווערטער איז צו זען, אז „הערשעלע קצב" איז דערפּסעוו־דאָנים פון א פ ר ו י.

געפונען פאַר גלייך, אַז מ׳זאָל דרוקן אין „קול מבשר״ וואָס מער אַרטיקלען וועגן עניניס, וועלכע האָבן אַן אינטערעס פאַר בעלי־הביתטעס. אַלס ביישפיל באַהאַנדלט זי דערביי די פראַגע, ווי אַזוי די שבתדיקע מעל זאָל אויסקומען וועלוועלער, און ווי מען דאַרף זיך נוהג זיין ביי חלות באַקן, כדי זיי זאָלן אַרויסקומען געראָטן.

דאָס האָט שוין געבראַכט, ממילא, אויך דערצו, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרמערן די צאָל אַבאָנענטן פון דער צייטונג.

„איצט זעהען מיר לויט די אַבאָנענטן—אַזוי דערקלערט צעדערבוים שוין אין נומער 24—אַז דער עולם איז מיט דער צייטונג צופרידן. אויך האָבען מיר זיך אַליין איבערצייגט און אַנדערע האָבען אונז דערצעהלט ווי מיטעלע מענשען און פּראָסטאַקיס, אַלטע לייט און ווייבער זיטצען אויף דעם מאַרק אָדער פּריי־טאָגצונאַכטס אין שטיב, אָדער בעלי־עגלות, לאָפּאַטניקיס, בעלי־מלאכות אין טשאַיניס, מענשען וואָס קענין קיין אַנדער לשון ניט לייניז, ניט פערשטעהען און זיי לייגען „קול מבשר״ מיט אַזאַ הונגער, שטעללען אויף מויל און אוהרין, האָבען הנאָה פון אַללעם וואָס זייא לעזען, זיי פרייהען זיך צו הערען וואָס עס געהט פאַר אין דער וועלט, און אַלץ וואָס מען דערצעהלט זייא פון אַלטע געשיכטען און פון וויססענשאַפטען איז ביי זייא נייעס, זייא רעדין דערנאָך איבער און באַאורטהיילען״.

פון דער אַנדער זייט האָבן זיך די אַבאָנענטן געפילט ווי שטיקלעך בעלי־בתים אויפן „קול מבשר״, וועלכע מעגן אַמאָל אַרויסזאָגן צעדערבוימען אַ דעה ווי צו פירן דאָס בלאַט, וועלכע מעגן אים אויך שטאַרק אויסרעדן, ווען זיי געפעלט עפּעס ניט אין דער צייטונג. צעדערבוים, ווי קאַפּריזנע ער איז ניט געווען פון דער נאַטור, האָט זיך תמיד די אַלע אויסריידן מצד די אַבאָנענטן געלאָזן געפאַלן און פאַרעפנטלעכט זיי כסדר אין „קול מבשר״, געוויינלעך מיט אַ לאַנגער תשובה ביי דער זייט. אַמאָל, למשל, האָט פּאַסירט, אַז איינער אַ קאַמעניץ־פּאָדאָליער אַבאָנענט פון „קול מבשר״ איז געקומען צו צעדערבוימען מיט אַ גוואַלד: סטייטש, ווי ערלויבט ער זיך דאָס אָפּצודרוקן ביי אים אין בלאַט, אַז „די ריעזענוועלדער אין קאַליפאָרניע זענען אַלט אַ כ ט טויזענד יאָהר אוודאי נאָר אפשר

נאָך גאָר צ ע ה ן טויזענד! דוא ביסט דאָך אַ יוד, דוא גלייבסט דאָך
באמונה שלמה אַזוי, ווי אַ יוד בעדאַרפט צו גלויבען, אַז די וועלט
וואָס גאָטט האָט בעשאַפפען איז ערשט אַלט 5623 יאָהר. דאָס איז
דאָך אַ שטיק פונדאַמענט פון אונזער הייליגער נאמנה". דערביי
איז מודיע דער דאָזיגער אַבאָנענט, אַז „איך בין געוועזען דער
ערשטער, וואָס האָב היע אויסגעשריעבען דעם „קול מבשר" נאָך
איידער איך האָב איהר געזעהען און געוואוסט אויב עס איז כדאי
אויף איהם געלד אויסצוגעבען". אַ צווייטער אַבאָנענט, פון טשי=
טשילגיק, איז געקומען מיט אַ טענה צו צעדערבוימען פאַרוואָס ער
האָט געלאָזן שרייבן איבים „קול מבשר", אַז די תורה האָט רעכט
וואָס זי האָט פאַרבאָטן עסן חזיר, ווייל עס איז געפערלעך פאַרן
געזונט. דער טשישעלניקער שרייבער איז אויף דער דאָזיקער דער=
קלערונג שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט געמאַכט אַ „יעלה":
סטייטש! „אונזערע הייליגע חכמים האָבען דאָך בפירוש געשריבען
אין תורת=כהנים פ' קדושים פרק ט', אַז אַ מענש זאָלל ניט זאָגען
חזיר שלעכט אָדער מיאוס, נאָר ווייל דער הייליגער גרויסער באַ=
שעפער האָט פערבאָטען טאָהר מען עס ניט עסין! וואָרין אַז עס
איז געפעהרליך, וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ זאַך מען זאָלל דער=
פאַר מקבל זיין שכר פון גאָטט ב"ה וואָס מען עסט עס ניט?"

אַזעלכע אָנפאַלן מצד די אַבאָנענטן אויף צעדערבוימען זיינען
געמאַכט געוואָרן אין „קול מבשר" גופא גאַנץ אָפט. צעדערבוים
האָט פון די דאָזיקע בריוו ניט אויסגעמעקט אַפילו דעם קלענסטן
שטאָכוואָרט; ער האָט אָפּגעדרוקט אַלץ ווי „עס שטייט און גייט".
באַלד אויפן אָרט, ביי דער זייט, האָבן אָבער די אַלע בעלי=הטענות
פון אים באַקומען אַזאַ גאָב, און אָפט מיט די גרעסטע זלזולים,
דאָס זיי האָבן שוין „אַ צענטן פאַרזאָגט" צו קלאָגן זיך אויפן
„קול מבשר".

פון דער אַנדער זייט האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע, וואָס
האָבן דעם „קול מבשר" געמאַכט קאָמפּלימענטן און געזונגען אים
לויב=געזאַנגען. אַזוי שרייבט, למשל, אַ געוויסע א. ג. ה א ָ ר י נ פ ע ל ד
„אים נאָמען פון אללע קרעמעניצער מיידליך": „טהייערער און גע=
ליעבטער „קול מבשר", דערוועק מיט דיינע זיסע רייד דיא הער=

צער פון די קרעמיניצער יודען״. צעדערבוים האָט זיך אויפן וואָרט ניט פאַרלאָזן. און איידער ער האָט אָפּגעדרוקט דעם בריוו, האָט ער פריער געמאַכט אַ חקירה ודרישה צי דאָס איז, חלילה, ניט די אַרבעט פון עפּעס אַ פאַרשטעלטן מאַנסביל. „מיר האָבען זיך ער־קונדיגט—שרייבט צעדערבוים—און זענין געוואָר געוואָרין, אַז דעם אַרטיקעל האָט טאַקי באמת געשריבען אַ מיידיל, האָבען מיר איהם כמעט גאָר נישט פערענדערט״. אַ צווייטער גיסט אויס זיינע געפילן צום „קול מבשר״ אויף אַ זאַ שטייגער: „מיט וואָס פאַר אַ קול רעדסט דוא דאָס! עס איז דאָך פּשוט אַ מחיה״. אַ דריטער שרייבט: „געבענשט ביסט דוא טהייער בלאַטט! געבענשט זאָללען זיין דיינע רעדאַקטערס! געבענשט אַללע וואָס שרייבען צו דיר סטאַטיאַס; געבענשט אַללע וואָס וויסען דיך צו שאַטצען ניט נאָך דעם וואָלוולין פרייז וואָס דוא נעהמסט אַ יאָהר, נאָר פאַר דיין אמתין ווערטה! געבענשט אַללע וואָס אַבאָנירען זיך; דוא זאָללסט בע־שטעהען אויף לאַנגע יאָהר״.

די פאַמיליערע באַציאונגען צווישן צעדערבוימען מיט זיינע אַבאָנענטן־לעזער האָבן דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז איינע אַ לע־זערקע, וועלכע האָט פריער אין אַ בריוו לאַנג ווי אַ מגילה אויס־גערעכנט דעם „קול מבשרס״ זעלטענע מעלות, האָט אים צום סוף פאַרענדיקט מיט דער פאָלגנדער אָפנהאַרציגקייט: „איך האָף, אַז די רעדאַקטאָרען וועללין אויפנעמען מיינע ערשטע ווערטער וואָס קוממען פון האַרץ, אָדער וועללין על כל פנים ענטווערן אויפ׳ס בלאַטט צו וויללען זייא מיך אָנגעהמען פאַר אַ קאָרעספּאָנדענטין און וואָס זייא וויללען בעססער, פּראָזע אָדער געדיכטע און וואָס פאַר איינע איבערזעצונגען. וואָרין פילע קענן איך ניט שרייבען, איך הייב ערשט אָן מיך צו פּריווען. לעת־עתה מוז איך נאָך הערען זעהן און שווייגען, און ערשט אַז די רעדאַקציע וועט מיר ענטווערן וועלל איך וויססען צו זאָלל איך שרייבען, אָדער זאָל איך חרטה האָבען אויף דעם וואָס איך האָב געשריבען״. און צעדערבוים מאַכט זיך גאָרנישט דערפון, וואָס די שרייבערקע „הויבט זיך ערשט אָן צו פּריווען״ און ענטפערט איר תיכף אויפן אָרט: „מיר בעטען אייך אונז אָפט צו שרייבען, ניט קיין געדיכטע, דאָס וואַקסט בייא

אינזערע יודען וויא שוואָמען, נאָר נאָוועללען יודישע, איבערזעצונגען פון וויסענשאַפטליכע צייטונגען, אַנעקדאָטען פון קלוגע מענשען וכדומה זאַכען, וואָס דאָס פאָלק זאָלל דערפין מאָראַל און נוטצען ציהען. מיר דאַנקען אַייך זעהר וואָס איהר האָט אַייך אַלליין אָנגעבאָטען, און הלואַי עס זאָללען זיך פיעל דאַמען נעהמען דערצו, וואָרין פרויען האָבען איידעלע געפיהלע און זייערע ווערטער געהען אין האַרץ אַריין". די דאָזיקע לעזורקע האָט אָבער, קענטיק, מער ווי דאָס ניט פאַרלאַנגט, וואָרום פון דאַמאָלסט אָן איז זי „ווי אַריין אין וואַסער" און מ'האָט איר שוין מער אין „קול מבשר" קיינמאָל ניט אָנגעזען.

די פאַרגרעסערטע צאָל פון די אַבאָנענטן האָט געווירקט אויך אויף די אַנאָנסן פון „קול מבשר". דאָס ערשטע האַלב־יאָר האָט דער מין אַנאָנסן כמעט ווי אויסגעפעלט אין „קול מבשר". דער עולם האָט, קענטיק, געוואוסט דעם סוד, אַז די צייטונג האָט ניט קיין לעזער. איצטער האָבן זיך שוין ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַווייזן מודעות, און אין אַנדערע נומערן איז שוין מיט זיי געווען פאַרנומען די גאַנצע לעצטע זייט. עס איז אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, אַז אַלע אַנאָנסן פון „קול מבשר" זיינען געווען געשריבן אין יידיש, אויסער די אַנאָנסן פון דעם צווייטן רעדאַקטאָר ד"ר גאָלדענבלום, וועלכער איז פאַרבליבן אַ פאַרעקשנ'טער דייטש און האָט זיך מיטן „פראָסטן זשאַרגאָן" בשום אופן ניט געוואָלט באַנוצן. און דעם ד"ר גאָלדענבלומס אַנאָנסן זיינען תמיד געווען דוקא וועגן אַ שול, וועלכע איז געווען באַשטימט אויסשליסלעך נאָר פאַר דער פראָסטער יידישער מאַסע, פאַר בעלי־מלאכות וכדומה. מיר ברענגען דאָ אַלס ביישפיל איינע פון די דאָזיקע אַנאָנסן: „אין דעם פאָן מיר פאָר אייניגען טאַגען פערטהיילטען פיערטען יאַהרעס־בעריכט איבער די פאָן מיר געגרינדעטע „ערסטע סאַבבאַט־שולע פיר איזראַעליטישע האַנדלונגס־אונד האַנדווערקסלעהרלינגע היער זעלבסט, האָט זיך איין פעהלער אַיינגעשליכען" א. א. וו.

בכלל דאַרף מען באַמערקן, אַז בנוגע דער שפראַך האָט דאָס גאַנצע ערשטע יאָר געהערשט אין „קול מבשר" אַן אמתער כאַאָס. וויפל מאָל צעדערבוים האָט ניט איבערגעחזרט, אַז מ'מוז זיך האַלטן

פֿאַר אײן סטיל און פֿאַר אײן אָרטאָגראַפֿיע, האָט ער פֿונדעסט־ װעגן געלאָזן שרײבן יעדערן װי ער װיל און װי ער געפֿינט פֿאַר גוט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַנדערע האָבן געשריבן אַ דײטש־ מערישן און אַנדערע אַ רוסמערישן לשון. מ׳רעדט שוין ניט װעגן דעם סטיל פֿון די פֿאַרשײדענע אָפֿיציעלע באַקאַנטמאַכונגען, אין װעלכע ס׳האָט זיך צװאַנציק רוסישע װערטער געפֿונען קוים אײן יידיש װאָרט, נאָר אַפֿילו אין דער שײנער ליטעראַטור, אין נאָװעלן און ערצײלונגען, האָט מען זיך אין „קול מבשר" באַנוצט אויך מיט אַזעלכע מיני פֿראַזן: „כּפּי זאַפּראָדאַשזני סדיעלקא, װאָס מיר האָבין פּאָדאַװיט אין דער פּריסאָטסטװע דרײא טאָג צוריק האָט דער פּאָלקאָװניק גיטענשטערן געקױפֿט בײא מיר דאָס דאָרף קאָזלאָװקי פֿאַר 120 קערבליך, און „איך בין פּטור פֿין אַללע אָב־ יאַזאַנאָסטין איהם צו פּערקױפֿען מײן אימעניע" ; „די קאָפּטשי, אַזױ װיא סיז איזװעסטני דער פּריסאָטסטװיע, איז געמאַכט געװאָרין פּאָ זאַקאָנגאַ" *).

אין די לעצטע עטלעכע נומערן פֿון יאָר האָט צעדערבוים גענומען רופֿן דעם עולם צו אַבאָנירן דעם „קול מבשר", און ניט זײענדיק בטבע קײן גרויסער ענו האָט ער זײַן צײטונג באַשאָטן, ממש, מיט תהלות ותשבחות—װי למשל: „נאָ, איז דאָס ניט אַ װאָילע זאַך? און קענן מען נאָך זאָגען עפּיס אַ חסרון אויף דער צײטונג? דאָס האָבען שוין עדות געזאָגט גרויסע חכמים אין זײערע בריעף צו אונז". דערבײ רופֿט צעדערבוים דעם „קול מבשר": „די ערשטע צײטונג אין דער װעלט אויף פּראָסט יודיש". צעדערבוים קען זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעװאױנען פֿון דעם געדאַנק, אַז יידיש איז אַ פּראָסטע שפּראַך פֿון פּראָסטן בעל־הבית, און אַז איר גאַנצע קראַפֿט און חן באַשטײט נאָר אין אירע װערטלעך און װיצן; פֿאַר דעם מיטעלערן קלאַס בעל־הבית איז זי שוין צו פּראָסט. עס דאַרף נאָך אַריבער אַ לאַנגע צײט ביז צעדערבוים זאָל ערשט אָנהויבן צו באַקומען װעגן יידיש דעם ריכטיקן בליק.

---

* זע „קול מבשר" צװײטער יאָרגאַנג נומ. 39.

מיט דעם אָנהויב פון צווייטן יאָר זיינען אין „קול מבשר" פאָרגעקומען פאַרשיידענע טעכנישע ענדערונגען. די רובריק „ניי-איגקייטען", וואָס האָט צעדערבוימען געדינט אַלס לייט-אַרטיקל, איז בטל געוואָרן לגמרי; אַנשטאָט איר איז שוין געקומען דער אמתער לייט-אַרטיקל. די נייס, וועלכע זיינען ביז אַהער געווען צוזאַמענגעמישט יידישע מיט אַלגעמיינע, אינלענדישע מיט אויסלענדישע, זיינען פון איצט אָן אַיינגעטיילט געוואָרן אין באַזונדערע רובריקן: „יודישע נאַכריכטען" „אַללגעמיינע בעגעבענהייטען", „וועלט-בעגעבענהייטען" (פּאָליטיק). דערצו האָט נאָך צעדערבוים אַיינגעפירט אַ ניי-אָפּטיילונג: „בילדער פון מזרח לאַנד" (געמיינט: פון ארץ ישראל).

אַ היבטן אָרט האָט צעדערבוים אָנגעהויבן אָפּצוגעבן אין „קול מבשר" אויך פאַר פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, וואָס האָבן כמעט אַלע (אויסער די איבערזעצטע) געהערט צו דער פעדער פון דעם שוין אויבנדערמאָנטן י. מ. ליפשיץ. מיר געפינען דערביי פאַר נויטיק אָנצווייזן דאָ אויף דעם מערקווירדיקן פאַקט, אַז דער זעלביקער ליפשיץ, וואָס האָט אויסגעוויזן צו זיין אַן אייראָפּייאיש-געבילדעטער מאַן, לויט זיין צייט, און וועלכער האָט געטענהט מיט איין קול, אַז די אינטעליגענץ דאַרף און קען באַפרידיקן איר דאָרשט צו וויסנשאַפט דורך דער יידישער שפּראַך, האָט אין זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אַריינגעטראָגן אַזוי פיל בטלנות און אַזוי פיל נאַרישע פּלוידערייען, אַז זיי האָבן נאָר געקאָנט אָפּשטויסן דעם יידישן אינטעליגענט פון יידיש. דאָס, וואָס די אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן אין דער פאָרם פון שמועסן צווישן באַקאַנטע, וואָלט נאָך גאָר ניט אויסגעמאַכט; אָבער איידער דער געשפּרעך קומט צו צום עצם ענין, גייען דערווייל אַוועק צוויי, דריי פּאָרזעצונגען אין פּוסטע, זייטיקע רייד, וואָס געהערן זיך אָן צו דער הויפּט-טעמע ווי „אַ פינפטע ראָד צום וואָגן".

צו אילוסטרירן דאָס אַלץ דורך ביישפּילן וואָלט אונז צו וייט פאַרפירט. נאָר כדי צו געבן דעם לעזער אַ שטיקל באַגריף פון די דאָזיקע „וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען", וועלן מיר די:

ברענגען בלויז איין ביישפּיל פון דעם אָנהויב אַרטיקל, וועלכער הייסט: „וויא דערריך קומט אהין״, און איז איבערגעגעבן אַלס געשפּרעך צווישן מאַן (ר׳ יודל), און ווייב (פרימעלע).

„פרימעלע: וואָס האָסט דיא מיך גערופן מיין מאַן?

ר׳יודל: איך וויל דיך ביטען זאָללסט אַזוי גוט זיין און מיר הייסען מאַכען עפּיס אַ מילכיג וועטשערינקעלע.

פרימעלע: אָך! אַפילו נאָך פאַר זאַריס. נאָר וויא פיעל האַלט דען דער זייגער? ערשט זייגער 6, און פון דער בר־מצוה איז מען זיך ערשט צוגאַנגען זייגער 3, איז נאָך צו פריה מיין לעבען.

ר׳יודל: איך מיין טאַקע ניט זאַריס, נאָר שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה און איידער עס וועט פּאַרטיק ווערען וועט מען שוין מעגען עסען מילכיגס.

פרימעלע: אַלזאָ יאָ. וואָס זשע זאָל איך דיר הייסען צוגרייטען?

ר׳יודל: עפּיס אַזוי, ניט צום וואַשען, נאָר עפּיס גרינגע לאַקיטקילעך—זאָללסט אַרויסגיבען דעם שענצטען און בעסטען זשורנאַל צום קאָכען.

פרימעלע: הלוואי וואָללסט דיא נאָר אַזוי געגעססען מיט אַפּעטיט וויא איך וועל מיך שוין פלייסען פון דאַנעטוועגען. וואָס זשע ווילסט דיא דערנאָך פערטרונקען? אפשר ראַגאוואָט? ווייל דיא ביסט עפּיס ניט מיט אַלימען.

ר׳ יודל: פון דער בעסטער שאָקאָלאַדע וואָס איך האָב ערשט בעצויגען״. א. א. וו. א. א. וו.

דאָס איז נאָך אָבער ניט גאָר. פון דעם גייט אַריבער דער שמועס אויף סוחרים און אויף וועקסלען און אויף אָנזעצערס. אַזוי גייען אַוועק גאַנצע צוויי פּאָרזעצונגען, און וועגן דעם וואוהין עס קומט אַוועק דער רויך איז נאָך דערווייל ניטאָ אַפילו קיין איין־איינציק וואָרט. אין דער דריטער פּאָרזעצונג ווערט דערציילט אַ מעשה וועגן דעם ווי אַ „סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו״ האָט אַ מאָל געכאַפּט אַ חסיד אָן אַ פּאַס. ערשט ביים סוף פון דער פערטער פּאָרזעצונג, נאָך דעם ווי מ׳האָט אָפּגעשמועסט וועגן „דיא

פראַוויטעלסטוואָ, וואָס נאַדיעעט זיך אַז יודען וועלין דאָס בעטראַכטען פאַר אַ גוטען זנאַק ווי אַזוי זיא איז ראַספּאָלאָזשעט צו זיי און וועללין זיך מסתמא זעהן פלייסען אַז זייא זאָללען זיין דאָסטאָינע און ספּאָסאָבנע צו פּאָלאָטשען אַללע איבריגע גראַזשדאַנסקע ספּראַ־וועס״,—ערשט נאָך דעם קוגט מען צו צו דער הויפּט־טעמע און מען הויבט אָן צו רעדן וועגן דעם ר ו י ך. און אין דעם זעלביקן בטלנישן זשאַנר זייגען געשריבן אַ ל ע ליפשיצעס „וויסנשאַפטליכע״ אַרטיקלען אין „קול מבשר״.

צווישן די נייע אַיינפירונגען געפינען מיר אויך דעם „ב ר י ע פ־קאַסטען״, אין וועלכן צעדערבוים פלעגט געבן פון צייט צו צייט די שרייבער און די קאָרעספּאָנדענטן פון „קול מבשר״ די געהעריקע אָנווייזונגען און ערקלערונגען ווי אַזוי מען באַדאַרף צו שרייבן. אַ באַגריף וועגן צעדערבוימס קוק אויף פּאָעזיע קען אונז געבן זיין פאָלגנדע ווענדונג צו די דיכטער פון „קול מבשר״: „בכלל מוזען מיר אויפמערקזאַם מאַכען דיא וואָס שיקען אונץ איין געדיכטע: 1) זייא זאָללען זיין קורץ, העכסטענס זאָללען זייא פערנעמען איין שפּאַלט (עמודיל); 2) זאָללען דיא שורות אַלליין ניט זיין צו לאַנג, די אנדערע קורץ, וואָרין עס פערליערט דאַריבער דעם טעם; 3) זאָלל דאָס לשון ניט זיין געקוועטשט פון דעם גריים וועגען, נאָר עס זאָלל פליעסען ווי איינער רעדט צום אַנדערין פּראָסט יודיש; 4) זאָללען זיך דיא גריימען פּאַססען און זאָללען קלינגען; 5) וואָס דער עיקר איז דאָס געדיכט זאָל עפּיס האָבען אַ שיינעם געדאַנ־קען, אַ צוועק, אַ מוסר אַרויסצונעהמען, עפּיס אַ וויטץ וכדומה, ניט גלאַט גריים־שטריים ווי אַ מאַרשעליק; 6) דאַרף דער שרייבער אַכטונג געבען וויא אַזוי ניר לעגען אויס און זעהן ווי מעגליך נאָכצוטוהן״. דערביי איז צעדערבוים מבטיח, אַז ער וועט זין אינ־גיכן נעמען צו „מאַכן מיט דער הילף פון בעריהמטע שרייבער אַ גראַמאַטעק״.

דורך צעדערבוימס לייט־אַרטיקל האָט זיך נעלאָזט מערקן, אַז דער „קול מבשר״ הויבט אָן צו באַקומען אַ פּראָגראַם, וואָס קאָנ־צענטרירט זיך נאָך לעת־עתה אין דעם איין וואָרט: ב י ל ד ו נ ג. אין אַלע זיינע אַרטיקלען האָט צעדערבוים אויפמערקזאַם געמאַכט

אויף דער גרויסער נויטיגקייט פון פארשפרייטן בילדונג. די ערשטע צייט האָט ער אַלץ גערעדט וועגן בילדונג אַלס אַבסטראַקציע, דאָס הייסט, ניט דערקלערנדיק דערביי אין וואָס די בילדונג דאַרף באַשטיין און ווי אַזוי און אויף וועלכן אופן מ׳זאָל זי ערווערבן: ער האָט בלויז יעדעס מאָל באַוואָרנט, אַז ער איז נאָר פאַר יענער בילדונג, וועלכע איז ניט קעגן דער אמונה און די יידישע טראַדיציעס. שפּעטער אָבער האָט שוין ביי אים אָנגענומען די בילדונג אַ ממשותדיקע, רעאַלע פאָרם — די פאָרם פון פאָלקס־ערציהונג, און אין זיינע אַרטיקלען האָט ער שוין באַהאַנדלט די פראַגן וועגן שולן און לערער און וועגן יידישע און אַלגעמיינע למודים. דערביי דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז די ערשטע צייט האָט זיך דער „קול מבשר“ אָפּגעגעבן דער עיקר מיט דער פראַגע וועגן דער ערציהונג פון די מיידלעך. דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן צופעליג, נאָר גאַנץ אויסגערעכנט: צעדערבוים האָט אַ לאַנגע צייט באַטראַכט דעם „קול מבשר“ אַלס צייטונג פאַר פרויען און האָט דעריבער באַזונדערס זיי געזוכט צו פאַראינטערעסירן. נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דאָס אים שוין, אפשר ניט ווילנדיק, אַריינגעצויגן אויך אין די פּראָבלעמען פון דעם יינגלשן חנוך.

לייענט מען היינט די אַרטיקלען פון „קול מבשר“ וועגן דער מיידלשער ערציהונג, קומען זיי אויס זייער פּרימיטיוו. ס׳איז, למשל, באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, צי אַ מיידל מעג לייענען ראָמאַנען און וועלכע? צעדערבוים אַליין האָט וועגן דעם אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז יידישע מיידלעך טאָרן קיין ראָמאַנען ניט לייענען; דערביי גיט ער אָפּ די פאָלגנדע ערקלערונג: „מיר מיינען אַללע ביכליך, וויא עס ווערט נאָר געשילדערט אַ פערליבעניש, וויא אַזוי דער בחור שטאַרבט נאָך דער מויד און זיא נאָך איהם, צו נעמען זייא זיך יאָ, אָדער נישט; וואָרין דאָ ווערין געשילדערט דיא חתן כלה איבערטריעבען, ניט נאַטירלעך, דערוויל קלעפּיט זיך איין אין דעם איידעל הערציל פון אַ יונג מיידיל אַזעלכע געדאַנקען פון אַ מין חתן וואָס איז גאָר נישט פאָרהאַנדען אין דער וועלט, נאָר אין דעם ביכעל“. העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט — די ערשטע וועכציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט — איז דער פאַקט, וואָס די

אַרטיקלען פון „קול מבשר" וועגן דעם חנוך פון די טעכטער האָבן געהאַט גרויס ערפאָלג אין דעם זין, און אין דער פּראָווינץ האָט מען זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו באַשעפטיקן מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם. אין פאַרשיידענע גרעסערע און קלענערע שטעט האָט מען גענומען ריידן וועגן גרינדן שולן פאַר מיידלעך אָדער וועגן אויסבעסערן די אַלטע שוין עקסיסטירנדיקע מיידלשע חדרים. אַזוי לייענען מיר, למשל, אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ווילנא די פאָלגנדע ידיעה: „דען 26 יאַנוואַר איז געגאַנגען אַ יודישע דעפּוטאַציע פון די גרעסטע לייט מיט דעם רב (דער קורסיוו איז אונזערער) צום גענעראַל־גובערנאַטאָר איהם דאַנקען פאַר דעם, וואָס ער האָט גריגגער געמאַכט יודישע מיידליך זאָללען קענען אַריין אין מאַריענסקי גימנאַזיום".

עס קען גרייַלעך זיין, אַז צעדערבוימס וואַרימע באַציהונגען צו דעם גורל פון דער יידישער טאָכטער בכלל, האָט דאָס געבראַכט דערצו, אַז ביי די שרייבער פון „קול מבשר" איז אין אַ „שיינעם פרימאָרגן" אַרויפגעשוואומען אַ העכסט אָריגינעלע פּראָבלעם—דאָס פּראָבלעם פון „די שוויגערס מיט די שניר". די פראַגע איז: וואָס טוט מען דערצו, אַז די שוויגערס זאָלן אויפהערן צו זיין שלעכט? דערביי זיינען, געוויינלעך, דערציילט געוואָרן פאַרשיידענע מעשיות ווי אַזוי בייזע שוויגערס דאָ און דאָרטן רודפן אומברחמנותדיק זייערע יונגע איידימס, פאַרוואָס זיי לייענען טרייף־פסלען ווי יודישע גאַזעטן וכדומה. צעדערבוים האָט פון די אַלע מעשהלעך געמאַכט „אַ גאַנצן צימעס", האָט אויסגעבעטלט צו די שוויגערס אַלע זיינע חלומות און אָפּגעלייענט זי אַ היפּשן מוסר־דרוש. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די אַרטיקלען וועגן די שוויגערס האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויפרעגונג צווישן די שניר. איינע אַ „באַרדיטשעווער שנור" איז אַרויס געגן צעדערבוימען מיט די פאָלגנדע טענות: „אייער אַרטיקל „דיא בייזע שוויגער" האָב איך געלעזען. איך האָפּפע דורך דעם אַרטיקעל זאָללען זיך אַ סך שוויגערס בעססערן געגען זייערע איידעמיס, נאָר אָן דער שנור פערגעסט איהר גאָר. פאַר דער שנור וויללן זיך גאָר קיינער ניט אָננעמען, אָפּילו אַ גוט וואָרט זיך אָנרופען, וואָרין אַ

מאנספערזאָן אינטערעסירט עס אוודאי גאָר נישט, ער איז דערמיט קיין מאָהל ניט געפריוועט געוואָרען. אונזער גורל איז נאָך א סך ערגער וויא פון דעם איידעם, וואָרין ווער איז נאָך מיט דער שוויגער אזוי פיעל אין איינעם ווי מיר?" צעדערבוים האָט געפונען פאר נויטיק צו פאַרענטפערן זיך פאַר דער „באַרדיטשעווער שנור" און אין א לאַנגער הערה צו איהר אַרטיקל שרייבט ער: „מיר קענין ניט לייגנען אַז מיר האָבען אפשר איין עוולה געטהון וואָס מיר האָבען ניט געשילדערט דאָס באַהאַנדלין פון דער שוויגער געגען דער שנור, נאָר דער אמת איז, מיר האָבען זיך דעך נישט פון העללער הויט אָנגעהאַפּט שילדערין א שוויגער, עס איז נאָך דאָ א סך אַנדערע זאַכען צו שילדערין און אויף אַללעם ועט קומען א צייט, אַז גאָט וועט אונץ געבין כוח צו אַרבייטען לטובה פון זיינע יודעליך, און אַז זיי וועללין אונץ אונטערהאַלטען מיט פיעל אַבבאָנענטין".

מיט אַזעלכע „היימישע" פראַגן און פּראָבלעמען האָט זיך דער „קול מבשר" באַשעפטיגט כמעט ווי אין יעדען נומער, און דאָס האָט איהם אזוי אַרום ביסלעכווייז צוגעגעבען דעם כאַראַקטער פון אַן אמתער פאָלקס-צייטונג. כדי ניט צוצושטערן דעם דאָזיקן כאַראַקטער האָט זיך צעדערבוים באמיט מיט קיינעם ניט איינצורייסן, ער האָט זיך געהיט ווי וויט מעגלעך ניט אָנצורירן מיט א שאַרף וואָרט קיין איין פּאַרטיי. אַגיטירענדיק פאַר בילדונג איז ער ניט אַרויסגעטראָטן קעגן די וואָס באַקעמפן איר. ער האָט אפילו ניט געטשעפעט די פאַרביסענסטע קעגנער פון השכלה—די חסידים און האָט זיך פאַרהאַלטן צו זיי גאַנץ נייטראַל. נאָכמער: בעת אין דעם העברעאישן „המליץ" האָט שוין צעדערבוים דעם קאַמף געגן חסידות און חסידים לאַנג אָוועקגעשטעלט אויפן סדר-היום, האָט ער ניט דערלאָזן צו מאַכן אויף זיי אין „קול מבשר" דעם קלענסטן אָנפאַל, ווי עס באַווייזן די פאָלגנדע שורות, וועלכע מיר געפינען אין א „בריעפקאַסטען" פון „קול מבשר": „איבערהויפּט מוזען מיר אויפמערקזאַם מאַכען אונזערע קאָרעספּאָנדענטען, זייא זאָללען ניט מיינען, אַז דערמיט ווערט מען איין אויפגעקלערטער אַז מען רעדט אויף חסיד ם און אויף גוטע יודען, און מען לעגט אַלע אין איין

גורל אַריין. עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. מיר האָבען געזעהן אמתע חסידים און אמתע צדיקים, מוז מען טאַקי פאַר זייא דרך-ארץ האָבען, זייא זענען איידעלערע גרעסערע מענשען". צעדערבוים האָט נאָך דאַן גערעכענט, אַז אַ צייטונג אין יידיש דאַרף זיין אַ „דבר השוה לכל נפש", אַ זאַך, וואָס זאָל אַלעמען באַפרידיקן, קיינער זאָל צו איר ניט האָבען קיין פרעטענזיעס, און אַז אַנדערש וועט זי ניט האָבען קיין פאָלקס-אינטערעס. שפּעטער, אָבער, האָט צעדערבוים וועגן דעם אומגעביטן זיין מיינונג לגמרי, ווי דער לעזער וועט זען אין די וייטערדיקע קאַפּיטלעך.

ו.

סוף יאָר 1864 איז ש"י אַבראַמאָוויטש אַרויסגעטראָטן אין „קול מבשר" מיט זיין ערשטער ערציילונג „דאָס קליין מענשעלע", אָדער איין לעבענס-בעשרייבונג פון יצחק אַברהם תקיף. אין אַ יאָר 15 אַרום, בעת אַבראַמאָוויטש האָט אַרויסגעגעבן די דערמאָנטע ערציילונג אין אַ באַזונדער ווערק, האָט ער עס פאַר-עפנטלעכט אונטער דעם פסעוודאָנים „מענדעלי מוכר ספרים", מיט וועלכן ער האָט זיך שוין באַנוצט אויך צו זיינע איבעריקע ספרים, וואָס ער האָט פון דאַמאָלסט אָן פאַרפאַסט הן אין יידיש והן אין העברעאיש.

דער דאָזיקער פסעוודאָנים „מענדעלי מוכר ספרים", אונטער וועלכן אַבראַמאָוויטש איז אַריין אין דער ליטעראַטור און איז שוין אַזוי פאַרבליבן באַוואוסט דעם לעזע-פּובליקום, האָט הינטער זיך אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, וועלכע איז באַקאַנט געוואָרן אין דער עפענטלעכקייט ערשט נאָך אַבראַמאָוויטשעס טויט. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז אַבראַמאָוויטש אַרויפגעפירט געוואָרן אויפן דאָזיקן פסעוודאָנים דורך צעדערבוימען. כדי צו זען ווי די זאַך איז פאָרגע-קומען, דאַרף מען פאַרגלייכן דעם אַריינפיר צום „קליין מענשעלע", ווי ער איז איבערגעדרוקט אין „קול מבשר", צו דער הקדמה פון דער זעל-ביקער ערציילונג אין איר שפּעטערדיקער באַזונדערער אויסגאַבע. אין „קול מבשר" הויבט זיך אָן „דאָס קליינע מענשעלע" מיט די פאָלגנדע ווערטער: „אַלליין בין איך אַ געבוירענער פון צביאַטשיץ. איך הייס

מענדעלי דער מוכר ספרים. יאָהרענלאַנג בין איך כמעט אונטערוועגס, דאָ אַהין דאָ אַהער, מען קענן מיך אומעטום. איך פאָהר אַרים אין גאַנץ פוילין מיט אַללערלייא זשיטאָמירער ספרים, אַ חוץ דעם האָב איך טליתים, טלית=קטנ׳ס, כפול=שמונה׳דיגע ציצית, שופרות, רצועות, הייעליך, מזוזה׳ליך, וואָלפ=ציינדליך, און אַ מאָהל קריעגט מען בייא מיר אויך מעש און קופּערוואַרג; יאָ פראַוודע, זינט דער „קול מבשר" איז אַרויסגעקוממען פיהר איך אַ מאָהל פון איהם מיט מיר עטליכע נוממערין". די דאָזיקע טיראַדע, און אויך גאַנצע ווייטערדיקע שטיקער, געפינען מיר שוין לגמרי ניט, אָדער אין אַ גאַנץ אומגעענדערטן אופן, אין דער שפּעטערדיקער אויסגאַבע פון דער זעלביקער ערציילונג. די סבה דערפון זאָל זיין דאָס, וואָס לכתחלה האָט אַבראַמאָוויטש געוועסט אָנגעפירט די גאַנצע געשיכטע אין נאָמען פון אַ געוויסן ס ע נ ד ע ר י ל ד ע ר ב ע ל = ע ג ל ה, אין וועלכן ער האָט געהאַט בדעה צו שילדערן דעם פּראָטאָטיפּ פון צעדערבוימען אַליין. זייענדיק אַפילו אַ מיטאַרבעטער פון צעדערבוימס ביידע צייטונגען, האָט אַבראַמאָוויטש דאָך וועגן אים געהאַט אַ גאַנץ נידעריקע מיינונג און האָט אויף אים תמיד געקוקט ווי אויף אַ בעל=עגלה, וואָס פירט פונאַנדער זיין סחורה אין די יידישע שטעט און שטעטלעך. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער אַפילו אַמאָל ביי אַ געוויסער געלעגנהייט אַרויסגעזאָגט, אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם געווינלעך, אין איינער פון צעדערבוימס בלעטער גופא*). צעדערבוים, וועלכער האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז אַבראַמאָוויטש מיינט דאָס א י ם, האָט קודם כל אויסגעמעקט די ווערטער „סענדעריל (צעדערבוים האָט געהייסן, כידוע, אַ ל כ ס נ ד ר, און אויף פּראָסט יידיש: ס ע נ ד ע ר) דער בעל=עגלה" און האָט אָנשטאָט זיי אַוועקגעשטעלט „מענדעלי דער מוכר ספרים". דאָס האָט שוין באַוואויגן אַבראַמאָוויטשן אומצוענדערן דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער הקדמה ווי אויך פון עצם ספור המעשה; ער איז שוין אָבער פון דאַמאָלסט אָן פאַרבליבן ביים פּסעוודאָנים „מענדעלי מוכר ספרים".

---

*) אין זיין פעלעטאָן אין יובליי=נומער פון „המליץ" 1885, זע דעם דריטן טייל פון מיינע „דריי ליטעראַרישע דורות".

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט פאַרעפנט־לעכט אין אַ צייט אַרום *), דערציילט ער, אַז געטריבן צו שרייבן זיינע ווערק אין יידיש האָט אים דער ווונש צו ברענגען נוצן דעם המון־עם. דאָס באַציט זיך אָבער אַלץ נאָר אויף די שפּעטער־דיקע זיבעציקער יאָרן, בעת אַבראַמאָוויטש האָט אויפגעהערט צו שאַפן אין העברעאיש און האָט זיך גענומען פאַר יידיש. דעם ע ר ש ט ן שטויס צו שרייבן יידיש האָט אים געגעבן ד ע ר, וואָס האָט אים געגעבן דעם ערשטן שטויס צו שרייבן ה ע ב ר ע א י ש; דאָס איז געווען דער שוין דאַמאָלסט באַוואוסטער העברעאיש־יידי־שער דיכטער ג אָ ט ל אָ ב ע ר, וועלכער האָט אַבראַמאָוויטשן אריינ־געפירט אין דער ליטעראַטור בכלל.

דאָס „קליין מענשעלע" האָט ביי דעם עולם שטאַרק אויס־גענומען באַלד פון דער ערשטער מינוט. ווי נידעריק עס איז נאָך דאַן געווען דער קולטורעלער ניוואָ פון „קול מבשר"־לעזער, אויף וויפל אומאַנטוויקלט ס'איז נאָך דאַן געווען זיין ליטעראַרישער גע־שמאַק, האָט ער דאָך באַלד דערשפּירט דעם אונטערשייד צווישן די טאַלענטלויזע קינדערשע מעשיות, וועלכע ער האָט ביז אַהער בעלייענט אין „קול מבשר" און „דאָס קליין מענשעלע". דער לעזער האָט דערפילט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ קינסטלער פון „גאָטס־גענאָד", און פון אַלע זייטן האָט מען בעשאָטן צעדערבוימען מיט דאַנקען פאַר דער שיינער מתנה.

דאָס „קליין מענשעלע" האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם „קול מבשר"־גופא, אויף דער אַנטוויקלונג פון זיין שפּראַך און פון זיין גאַנצער ליטעראַרישער פיזיאָנאָמיע. פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אין „קול מבשר" אַ געזונטע פאָלקסטימלעכער הומאָר אין די בריוו און קאָרעספּאָנדענציעס פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע עס ווערן אויסגעלאַכט די פינסטערע זייטן פון יידישן לעבן די שטיקלעך און המצאות פון די יידישע בעלי־טובות, פון די קהלשע קליאַמקעס, די משונהדיקע הנהגות פון אַלע מיני יידישע חברות און מוסדות. ניט ווילנדיק, איז צעדערבוים אַליין אַרונטער־

*) אין האַקאַלאָוס „ספר זכרון".

געפאַלן אונטער דער השפעה פון זיינע שרייבער. מ'האָט געזען באַשיינפּערלעך ווי זיין טאָן הויבט אָן צו ווערן דרייסטער און שאַרפער. ווי ער וואַגט זיך צו ריידן וועגן אַזעלכע ענינים, וועלכע ער האָט זיך תמיד באַמיט אויסצומיידן. אין אַ „שיינעם פרימאָרגן" איז ער מיט אַמאָל אַרויסגעטראָטן קעגן חסידות און חסידים. ווי ער האָט נאָכדעם דערקלערט, איז ער דערצו געווען געצוואונגען פון די משכילים. „מען האָט אונז—אַזוי קלאָגט זיך צעדערבוים—שוין גענוג געשמירט פאַר דער רעגירונג, אַז מיר האַלטען מיט דיא פאַנאַטיקער, שיטצען חסידים, און גערעטהען די רעדאַקציע צו שליעסען". אין אַן אַנדער אָרט דערציילט ער אָבער, אַז ער איז געווען גענויט אַרויסצוטרעטן געגן די צדיקים און רבנים מחמת דעם, וואָס עס האָבן זיך דאַמאָלסט, אין די מיטעלע זעכציקער יאָרן, זעהר געשטאַרקט די מחלוקתן צווישן פאַרשיידע גוטע יידן; די רדיפות קעגן די בראַסלאַווער חסידים האָבן אָנגענומען מיאוסע פאָרמען, עס זיינען פאַרפירט געוואָרן גאַנצע פּראָצעסן, וועגן וועלכע מ'האָט פיל געשריבן אין דער אַלגעמיינער רוסישער פרעסע. צעדערבוים האָט דעריבער קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט אַרויסטרעטן אַנטקעגן די מחלוקתן, וואָס האָבן, לויט זיין מיינונג, געמאַכט יידן צו שפּאָט און צו שאַנד ביי „נאַטשאַלסטוואָ" און סתם ביי קריסטן אין די אויגן. צוליב די דאָזיקע ביידע טעמים האָט צעדערבוים צום סוף געעפנט די טויערן פון „קול מבשר" פאַר בייסנדיקע סאַטירעס געגן די רבנים און זייערע אָנהענגער. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער בלויזער נאָמען פון „קול מבשר" האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די חסידים. ניט אומזיסט האָבן די חסידים געטענהט, אַז זיי אַרט ווייניק ווען מען שרייבט וועגן זיי אין די רוסישע בלעטער, אָדער אַפילו אין „המליץ", אַבי נאָר ניט אין „קול מבשר". וואָרום די הומאָריסטישע קאָרעספּאָנדענציעס און אַרטיקלען, וואָס אין זיי פלעגן אין „קול מבשר" אויסגעלאַכט ווערן די רבנים מיט זייער הנהגות, האָבן געלייענט די ברייטע שיכטן פון פאָלק. אַזוי אַרום איז דער „קול מבשר" געוואָרן איינער פון די געפערליכסטע קעגנער פון דעם צדיקיזם, ווייל ער האָט מלחמה געהאַלטן מיטן שאַרפסטן כלי-זיין: מיט פיילן פון שפּאָט און געלעכטער.

די גרויסע ערביטערונג, וואָס דער „קול מבשר״ האָט אַרויסגערופן ביי די חסידים, איז צעדערבוימען ניט אַוועק אומזיסט. די חסידים האָבן אים ניט געשוויגן און געזוכט זיך אָן אים נוקם צו זיין אויף פאַרשיידענע אופנים. אין אַ לייט־אַרטיקל „צייט צו אַבאָנירען״ באַקלאָגט זיך צעדערבוים אויף די צרות, וואָס ער האָט אויסצושטיין צוליב דעם „קול מבשר״. „מיר האָבען שוין איבערגעטראָגען קאַלטס און וואַרימס. עס האָבען זיך שוין געפונען ווייסע חברות וואָס האָבען אונז געוואָלט שלאָגען פאַר איין אמתער בעמערקונג. עס האָבען זיך שוין געפריווט לייטישערע אונז צו מסרין, מען האָט זיך שוין נוקם געוועזען אָן אונז און אָן אונזערע קינדער, גיט חס ושלום פאַר עוולות, פאַר פאַרברעכען, נאָר פאַר דעם וואָס מיר האָבען זיך ערלויבט אַ מאָל אַ ווינק צו געבען אויף אומגערעכטיגקייטען וכדומה״. די אַלע מלחמות האָבן אָבער צעדערבוימען ניט אָפּגעשראָקן, זיי האָבן אים נאָך פאַרקערט, צוגעגעבן מוט און חשק דעם קאַמף קעגן די חסידים נאָך פיל ענערגישער פאָרצוזעצן.

„מיר ווייסען אונזער אויפגאַבע — שרייבט צעדערבוים — דעם כלל ישראל לטובה צו ווירקען. דאַראיבער געהט אונז נישט אָן וואָס איינצעלנע וועלן זיך געקרענקט פיהלען. אַדרבה, דאָס איז אַ סימן, אַז מיר ערפיללען אונזער פפליכט געטרייא. איז דען דער אַ גוטער דאָקטאָר וואָס גיט זיסע מעדיצין, אָדער לייכטע וועססערליך צו וואונדען ביז דער קראַנקער ווערד געפעהרליך, אָדער עס חאַפּט זיך דיא בראַנד אַריין אין אַללע גליעדער. בעססער איין גליעד אויפשניידען, לאָז דאָס בעזע בלוט אַרויס; בעססער ווען קיין אַנדער מיטעל פארהאנדען איז, דאָס פערדאָרבענע גליעד גאַנץ אָבשניידען, אַבי די איבריגע צו ראַטעווען״.

אַזוי איז צעדערבוים געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז צופרידנשטעלן אַלעמען איז אַ זאַך וואָס ס'איז אוממעגלעך, און אַז דער „קול מבשר״ קען אַנדערש קיין תקומה ניט האָבן וואו ער וועט זיך ניט שטיצן אויף אַ געוויסן צד פון פאָלק.

וועלכער טייל פון פאָלק קען אָבער זיין יענער צד, אויף וועלכן דער „קול מבשר״ זאָל זיך שטיצן גייסטיק און עקאָנאָמיש?

אויף דער דאָזיקער פראָבלעם האָט זיך צעדערבוי

אָפּגעשטעלט, צוקומענדיק צום פ ע ר ט ן יאָר פון „קול מבשר״.

ז.

נאָכדעם ווי צעדערבוים האָט אָנגעהויבן גערודפט צו ווערן
מצד די חסידים און די פינסטערע עלעמענטן בכלל, האָט ער גע־
נומען אָנווענדן אַלע זיינע קרעפטן צוצוציהען צום „קול מבשר״ די
פּראָגרעסיווע פּאָלקס־שיכטן. מיט יעדן טאָג האָט זיך דער „קול
מבשר״ גענומען אַלץ מער באַגייסטערן פאַר די אידעאַלן פון דער
השכלה, די „טאָכטער פון הימל״, האָט אָפּגעמעלט מיט די שענסטע
פאַרבן דאָס גליק, וואָס דערוואַרט די, וועלכע וועלן זיך לאָזן
בילדן, ווי דער „קאיסער מיט זיינע האַררען וועלן זיי באַשירמען
אונטער זייערע פליגלען, און דאָס גאַנצע לאַנד וועט פאַר זיי ווע־
רען אַ גן־עדן״, און געוואוסט צו דערציילן פּיקאַנטע מעשות ווי
ד ע ר און י ע נ ע ר איז צוליב זיין בילדונג נתעלה געוואָרן. און
נאָך אַלעם דעם האָט דאָך דער „קול מבשר״ די משכילים נ י ט
באַפרידיגט. די סבה דערפון איז, ווייל ס׳האָט זיך נאָך אַלץ גע־
שפּירט, אַז צעדערבוים מיידט אויס ווי ווייט מעגלעך אַרויסצוזאָגן
זיך וועגן די פראַגן, וואָס קערן זיך אָן מיט בילדונג, מיט אַ פולן
מויל. נאָך אַלץ האָט ער ניט אַרויסגעזאָגט קיין פעסטע מיינונג
וועגן דער ש פ ר אַ ך, אַפילו ווען ער האָט זיך אָפיציעל אַרויסגע־
געבן פאַר אַ הייסן רוסיפיקאַטאָר. עס איז אים נאָך, קענטיק, שווער
געווען איינצורייסן בגלוי מיט דעם קליין הייפל „בראָדער״, וואָס
האָבן געצויגן צו ד י י ט ש. דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז דער
רב מנין ורב בנין פון די משכילים האָבן זיך פאַרהאַלטן צום „קול
מבשר״ מיט גרויס תרעומות. באַזונדערס אומצופרידן מיטן „קול מבשר״
איז מען געווען אין די משכילישע קרייזן פון ל י ט אַ. דאָרטן, וואו די
חסידות האָט קיין פעסטע וואָרצלען קיינמאָל ניט געשלאָגן, האָט מען גע־
האַלטן דעם גאַנצן קאַמף פון „קול מבשר״ געגן די חסידים כמעט
ווי פאַר איבעריק, און מ׳האָט זיך געוואונשן, אַז די צייטונג זאָל
זיך בעסער אָפּגעבן אינגאַנצן מיט די פּראָבלעמען פון בילדונג אין
דעם גייסט פון רוסיפיקאַציע. אין יענער צייט האָבן שוין די ליט־
ווישע משכילים באַוויזן צו באַפרייען זיך פון דער אַזויגערופענער

„בערלינער" השכלה, אַרויסצושטופּן ביסלעכווייז פון אומגאַנג און פון דער שול די דייטשישע שפּראַך און פאַרבייטן זי אויף רוסיש, און האָבן געשטרעבט צו דעם, אַז די דאָזיקע באַפרייאונג מיט דער רוסיפיקאַציע, אַלס איר דירעקטער פּועל־יוצא, זאָל באַהערשן דעם גאַנצן רוסישן יידנטום. אין די דאָזיקע קרייזן האָט מען לכתחלה אין דעם זין געלייגט באַזונדערע האָפענונגען אויפן „קול מבשר" נאָך דער שטאַרקער אָפּאָזיציע, וואָס ער האָט אָנגענומען קעגן די אָפּ־געשטאַנענע עלעמענטן; זעענדיק אָבער ווי ווייט צעדערבוים איז ניט אויסגעהאַלטן, ווי ער לאַווירט אין דער שפּראַכן־פראַגע צווישן די פאַרשיידענע מיינונגען, זיינען זייערע באַציהונגען צום „קול מבשר" געוואָרן זייער קאַלט.

אַ שטאַרקן קעגנער האָט דער „קול מבשר" געהאַט אויך אין דער דאַמאָלסט נאָך יונגער חברה „מפיצי השכלה". די דאָזיקע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די יידן אין רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך פון דער ערשטער מינוט אָן אַוועקגעשטעלט אויפן ריין רוסיפיקאַטאָרישן שטאַנדפּונקט, און איז בכלל געווען געשטימט געגן יידיש, האָט זיך דאָך גערעכנט מיטן „קול מבשר" אויף וויפל ער קען דינען אַלס מיטל פון איין זייט צום קאַמף מיט דער אומוויסנהייט און פון דער אַנדער זייט צו דער רוסיפיקאַטאָרישער אַגיטאַציע, און האָט אים באַשטימט אַ יערלעכע געלט־שטיצע, אָבער נאָר מיט דעם תנאי, אַז צעדערבוים זאָל זוכן צו פאַרבעסערן און פאַרפיינערן דעם יידישן סטיל. דערביי דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז די חברה, וועלכע האָט זיך, ווי די ליטווישע משכילים, באַצויגן אַזוי שטאַרק קעגנעריש צו דער דייטשישער בילדונג, האָט פאַרלאַנגט פון צעדערבוימען, אַז ער זאָל „דעם לשון—פון „קול מבשר" רייניגען פון זשאַרגאָן און פּראָסטע אויסדריקען און אַזוי זיא נעהנטער צו מאַכען צו דער דייטשער שפּראַכע". צעדערבוים, וועלכער האָט ניט געוואָלט פאַרלירן די עטלעכע הונדערט רובל, וואָס ער האָט באַקומען צוגעזאָגט פון דער חברה, האָט ממלא געווען איר רצון, אָבער נאָר אויף דער העלפט: ער האָט זיך באַמיט צו פאַראיידע־לערן און צו פאַרשענערן די שפּראַך פון „קול מבשר", און מיט דעם צוגלייך אויך אָפּהיטן איר יידישן כאַראַקטער. די חברה

האָט אָבער געהאַט מעַנוֹת צו צעדערבוימען פאַרוואָס ער ווייזט אַרויס צוויי=פּנימ־דיגקייט אין די פראַגן פון רוסיפיקאַציע. באַזונדערס אויפגעבראַכט איז זי געוואָרן אויפן „קול מבשר״ פאַר זיין נעגאַטיווער באַציהונג צו די ראַבינערס, וואָס האַלטן זייערע רעדעס אין די בתי=מדרשים אויף רוסיש. „נאָך וואָס, אייגענטליך — אַזוי האָט געפרעגט דער „קול מבשר״—דאַרף מען האַלטען רעדעס אויף רוסיש, וואָס כמעט קיינער פערשטעהט עס ניט? צי וואָלט דען ניט גלייכער געווען האַלטען רעדעס אויף פשוט מאַמע=לשון?״ אַזוי אַרום א״ז די חברה „מפיצי=השכלה״ צוגעשטאַנען צו יענעם טייל משכילים, וועלכע האָבן זיך גענומען אָפּטרייסלען פון צעדערבוימען מיט זיין „קול מבשר״.

דער פראַקטישער צעדערבוים האָט דאָס באַלד באַמערקט און האָט אומגעביטן אין „קול מבשר״ די טאַקטיק אויפן גאַנצן פראָנט. ער איז שוין געוואָרן בגלוי אַ פייערדיקער חסיד פון דער רוסישער שפּראַך, און האָט ביי יעדער געלעגנהייט מאַניפעסטירט זיין „אַני מאמין״, אַז אין דער רוסישער שפּראַך ליגט די גאַנצע ישועה, און אַז זי איז דער איינציקער און דער זיכערסטער מיטל פאַר יידן צו באַקומען בירגער=רעכט. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט צעדערבוים דורכגעפירט אין אַלע זיינע אַרטיקלען. די הויפּט=טעמע האָט זיך געמעגט זיין וועגן פסח צי סכות, אָדער וועגן אַן אַנדער ענין, וואָס האָט, אין פלוג, גאָר ניט צו טאָן מיט דער שפּראַכן=פראַגע, האָט דאָך תמיד צעדערבוים געפונען אַן אויסרייד ווי צוצושטעפּן צו איר זיין רוסיפיקאַטאָרישן „אַני מאמין״. אויף יעדן טריט האָט מען זיך שוין געקענט אָנשטויסן אין „קול מבשר״ אויף אַזעלכע מיני טיראַדן:

„נור דורך רוסיש קענען מיר געווינען די רעגירונג, דאָס רוסישע פאָלק, זיי זאָלן אונז בעטראַכטן פאַר וואַהרע לאַנדעסקינדער פון דער יודישער רעליגיע, וואָס נאָר דאַדורך קאָן אונזער מזל אין לאַנד דערהייכט ווערן״.

„אַז מיר וועלען זיך געוועהנען מיט דער לאַנדסשפּראַכע, וועט ערשט די רוסישע רעגירונג, די רוסישע נאַציע זיך איבערצייגן, אַז מיר זיינען אמתע רוסישע אונטערטהאַנען, רוסישע יודן״.

„די רעגיערונג האָט צוטרויען צו יודען, ווינשט זי אויך פון זיי ז[?]ך טרייע בירגער צו מאַכען, און וועט זיי דערפאַר געוויס זעהר בעגינסטיגן. היינט פערשטעהט אום וויפיעל מעהר מיר מוזען בעשטרעבען אונזער ליעבע רעגיערונג און אונזערע רוסישע לאַנדעסברידער צו ווייזען אַז מיר ווילן זיין נוצליכע און טרייע רוסישע אונטערטהאַנען".

אונטער די דאָזיקע פאַטריאָטיש־רוסיפיקאַטאָרישע לאָזונגען איז דער „קול מבשר" אַריין אין זיין פינפטן יאָר.

ח.

אויך אין דעם זין איז דער „קול מבשר" געבליבן טריי זיין פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער. אין אים האָט זיך אַם בולטסטן גע־פילט דער בטחון, וועלכער האָט אין יענער צייט באַלעבט ניט בלויז די משכילים, נאָר אויך די ברייטע פאָלקס־שיכטן. דאָס איז געווען דער בטחון אין באַלדיקע ישועות ונחמות אויף יידן, ווען די רעגירונג וועט זיי מזכה זיין מיט מענטשן־רעכט.

און אַז ס'איז אַרויס די פאַראָרדענונג, אַז יידישע בעלי־מלאכות האָבן דאָס רעכט צו וואוינען אין די אינעווייניגסטע רוסישע שטעט, איז באַלד דער „קול מבשר" אַריין אין גרויס התלהבות פון די העכסטע גנאָדן, וואָס די רעגירונג טוט מיט יידן, און האָט, באַ־הערשט פון אַ נאַאיוו־קינדישער אמונה, געשריבן:

„דער חובת הלבבות זאָגט, אַז עס ליעגט קליינע קינדער אין דער נאַטור זייא זאָללען זיך פריילאַסקען צו די עלטערין כדי זיי זאָללען זיי ערציהען. דאָס דאַרפן מיר אויך טהון. מיר זענען אויך יונגע קינדער ווי ערשט ביי געבוירען אין דער מדינה; מיר מוזן זיך צולאַשטשען צו דער רעגירונג, אונזער מאַמע, וועט זיא אונז אָנזייגן מיט איר גוטער מילך, און אובהיטן און ערציהען. איטליכער וועט איצט איינזעהען ווי וויכטיג עס איז יעדעס קינד זאָלל פון קינדווייס אָן לערנען רוסיש. דאַריבער זעט פאָלגט די רעגירונג און שיקט אייערע קינדער אין די שולען".

ס'איז צו באַוואונדערן די קינדערש[?] נאַאיווקייט, מיט וועל־כער דער „קול מבשר" האָט געגלויבט צו געפינען אין יעדע־

קלייניגקייט אַ סימן מובהק, אַז אַט, אַט „וועט דער יידישער מזל דערהויכט ווערן"; אַז איינער אַ „געענדיקטער" האָט באַקומען פון דער רעגירונג אַ „טשין", איז דאָס ביי צעדערבוימען געווען אַ צייכן, אַז „אונזער רעגיערונג מיינט טאַקע ערנסט מיט אונז יודען". אַז אַ געוויסער סוחר איז געוואָרן אָנערקענט אַלס ערב־בירגער, איז דאָס ווייטער אַ ריכטיקער „באַווייז", אַז „עס דערוואַרטן אונז גליקען". וואו נאָר אַ פאַקט פון קריסטלעכער טאָלעראַנץ קעגן יידן, האָט עס באַלד דער „קול מבשר" „צעלעגט אויף טעלערלאַך" און גלייך צעפויקט מיט גרויס התפעלות בכל תפוצות ישראל, יידן זאָלן וויסן וואָס פאַר אַ קיסר מיר האָבן און זיך פרייען.

איצטער האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן גאַנץ דייטלעך, אַז דער „קול מבשר" האַלט זיך פעסט אָן דעם פּראָגראַם פון די משכילים און טראָגט הויך די פאָן פון דער השכלה. אין צעדערבוימס מיי־נונג האָט שוין מער קיין צווייפל ניט געקענט זיין; מ'האָט געזען באַשיינפערלעך, אַז ער גייט צוזאַמען מיט דעם פּראָגרעסיוון טייל פון יידישן פאָלק. ערשט דאָס האָט אים מעגלעך געמאַכט דורכצוברעכן זיך אַ וועג אויך קיין ליטא, וואו ער איז ביז אַהער געווען גאַנץ ווייניק, צו כמעט גאָרניט, פאַרשפּרייט. דאָס האָט שוין ממילא גע־בראַכט צו דעם, אַז דער „קול מבשר" זאָל זיך מערער פאַראינ־טערעסירן מיט ליטע און מיט אירע ספּעציעלע פראַגן. אין קורצן איז די שטאָט גראָדנע געוואָרן אין „קול מבשר" אַ מין „הויפּט־קוואַרטיר" פאַר די באַזונדערע ליטווישע אינטערעסן. צעדערבוים האָט באַשטעלט אין גראָדנע אַ פּעאיקן זשורנאַליסט, וועלכער האָט פון צייט צו צייט באַלויכטן אין „קול מבשר" ניט בלויז דאָס שטאָטישע לעבן, נור דאָס לעבן פון יידן אין ליטע בכלל. דורך דעם האָט זיך מיט דער צייט געשאַפן אַ מין גייסטיקער קאָנטאַקט צווישן די דרום־יידן מיט די ליטווישע יידן. ווען ביז אַהער האָט זיך געשפּייזט דער „קול מבשר" כמעט אויסשליסלעך פון די דרום־שריפטשטעלער, האָט ער איצט אָנגעהויבן צו באַקומען יניקה אויך פון די ליטווישע שרייבער.

דער ערשטער ליטוויש־יידישער שריפטשטעלער, וועלכן מיר באַגעגענען אין „קול מבשר", איז געווען דער שוין דאַמאָלסט

באַרימטער העברייאישער דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן. דער דאָזיקער דיכטער, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן פאַר אײנעם פון די גרעסטע יידיש-פרעסער (אַפילו אין דער צייט, וואָס ער האָט פאַרעפנטליכט אַ קליין ביכל יידישע שירים *), האָט אָפּגע-דרוקט אין „קול מבשר” אַ ליד אונטערן נאָמען „דער מוטער אָבשיעד”. דאָס איז לויט דער שפּראַך און דער גאַנצער סטרוקטור אַן אמתע פאָלקסליד, אין וועלכער עס ווערט געשילדערט ווי אַ מוטער זעגנט זיך מיט איר זון, וואָס גייט אַוועק פאַר אַ סאָלדאַט. אין דעם דערמאָנטן געדיכט שפּיגלט זיך אָפּ דער דאַמאָלסטדיקער קוק פון די רוסישע יידן אויפן מיליטער-דינסט, און קען דאַריבער באַטראַכט ווערן אַלס היסטאָרישער דאָקומענט.

„דער מוטטער-אָבשיעד” איז איינע פון די ערשטע יידישע לידער, וואָס זיינען געשריבן אין אַ ריינעם, לייכטן יידישן סטיל, ווי ס'איז צו זען פון די אייניקע פערזן, וועלכע מיר ערלויבן אונז דאָ צו ברענגען:

„זיי געזונד מיין טהייער קינד
איך וועל דיך מעהר ניט זעהן;
געה וואו אַהין דיך טראָגט דער ווינד—
וואָס גאָטט ווילל זאָלל געשעהן!
אַז איך האָב אויף דיר פערבראַכט
געזונד און בלוט און גוט,
האָב איך אַודאי ניט געטראַכט
אַז דו וועסט זיין אַ רעקרוט.

איך האָב דיך געטראָגען, דיך געבאָרען
געזייגט מיט מיינע ברוסט,
דיך דערצויגן אַזוי פיעל יאָהרען —
פון קיין נחת ניט געוואוסט;
דערלעבט צו שיקן דיך אין חדר,
דו האָסט שוין געלערנט גמרא,

*) „שיחת חולין”, ווארשע 1886.

געהאָפפט דיר צו נעהען חתונה־קליידער
און דערלעבט אַזאַ צרה. — — —

פינף און צוואַנציג פינסטער יאָהר
מוזט דוא אין קאַזאַרמע לעבען;
פאַר אַללע צרות, איך ווייס דאָס קלאָר,
וועט מען דיר קיין בעלאָהנונג געבען.
דערדיינען קענסט דו זיך אים לעבען ניט,
מעגסט זיין דער גרעסטער חוואַט —
דו ביסט און בלייבסט סאָלדאַט. —

אַ קליין סדורל און אַ פּאָר תּפילין
אויך ציצית גיב איך דיר מיט,
פערגעסס מיין קינד, אום גאָטטעס וויללען,
פערגעס דיין גלויבן ניט,
און אַז דוא האָסט אַ ווײלע צייט
קענסט אָבקומען אָהן סכּנה
לעג דיא תּפלין און געה אָן אַזייט
און דאַווען מיט כּוונה״.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך באַוויזן אין „קול מבשר„ אויך אַ צווייטער שוין דאַמאָלסט באַוואוסטער העברעאישער שריפט־שטעלער, וועלכער האָט זיך געחתמעט אונטער זיינע אַרטיקלען מיט דעם פּסעוודאָנים: „שלשום בר יענטע״. ווי ס׳האָט זיך ערשט ניט לאַנג אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען דער פּסעוודאָנים פון ד״ר י. ל. ק אַ נ ט אָ ר. *)

אַזוי האָט דער „קול מבשר״ געקראָגן אַ גרויסע מאָראַלישע

---

*) ביז אַהער האָבן פיל געמיינט, אַז דאָס זאָל האָבן געווען דער פּסעוודאָנים פון דעם העברעאישן שריפטשטעלער י ש ר א ל ב ע ר נ ש ט י י ן, און אויף ד ע ם סמך, האָב איך, דער שרייבער פון די צײלן, דאָס געבראַכט אַלס פאַקט אין מיין „ג ע ש י כ ט ע פ ו ן ד ע ר ה ע ב ר ע א י ש ע ר פּ ר ע ס ע״ („העולם״ 1913). פון אַ ריכטיקן מקור האָט מען מיר דאַן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם טעות.

שטיצע מצד די אינטעליגענטנע קרייזן אין ליטא, וועלכע האָט שוין ממילא מיטגעהאָלפן צו דער פאַרשפּרייטונג פון בלאַט. דורך דעם איז די צייטונג תּקיפער געוואָרן אויך ביי די פאָרשטייער פון דער חברה „מפיצי השכלה", און אויף איינער פון זייערע זיצונגען האָבן זיי באַשלאָסן צו געבן צעדערבוימען אַ ספּעציעלע געלט־סובסידיע אויף אַרויסצוגעבן צום „קול מבשר" באַזונדערע וויסנשאַפטלעכע ביילאַגעס, וועגן וואָס ער האָט שוין מודיע געווען די לעזער צום סוף פון דעם פערטן יאָר.

אָבער צעדערבוים מיט זיין עקספּאַנסיווער נאַטור, וואָס האָט ליב געהאַט כּסדר צו רעשן און צו טומלען און אויסזוכן זיך כּמעט צו יעדן נומער פון „קול מבשר" נייע קרבנות פאַר זיינע זשורנאַליסטישע אָנפאַלן, האָט אָרגאַניש ניט געקאָנט אויסטיילן די משׂכּילים אַלס אַ באַזונדערע קאַסטע, מיט וועלכער מ׳מוז זיך תּמיד צאַצקען און זען היטן זיך ניט אָנצורירן איר חלילה, מיט אַ וואָרט. און ווען מען האָט אים נאָר איבערגעגעבן פון וואַנען עס איז קאָנטראָלירטע פאַקטן וועגן ניט קיין שיינע מאַכינאַציעס מצד משׂכּילים, האָט ער זיי תּיכף פאַרעפנטלעכט און, ווי זיין שטייגער, נאָך מיט אַ גרויסן צוגאָב פון אייגענער קריטיק. אַזוי אַרום פלעגט ניט זעלטן טרעפן, אַז דער „קול מבשר" פלעגט וואַרפן די פיילן פון שפּאָט און געלעכטער ניט קעגן די פאַנאַטיקער, די אַזויגערופענע „מורדי־אור", נאָר קעגן זיין אייגענער מחנה גופא: אין די משׂכּילים און אויפגעקלערטע. אַזוי האָט געטראָפן, למשל, אַז אַ קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט זיך געחתמעט „אַ בעל־הבית אָסטראָווסקי", האָט דערציילט אין „קול מבשר" גאָר ניט קיין שיינע מעשׂה, וואָס ס׳האָט אָפּגעטאָן אין זיין שטעטל איינער אַן אויפגעקלערטער יונגערמאַן, וועלכער האָט געענדיקט ראַבינער־שול. דאָס האָט באַוואויגן דעם דאָזיקן בעלי־הבתּישן שרייבער זיך צו ווענדן צו די משׂכּילים מיט אַזאַ טענה:

„איהר מעגט אונז אַוודאי גלייבען, וואָרין איך זאָג אייך דעם גאַנצען אמת, אַז מיר זענין גאָרניט אַזוי שולדיג ווי איהר שרייבט אין אייערע גאַזעטען אויף אונז, אַז מיר ווילליצן אונזערע קינדער ניט בילדען. באַרעכנט דאָס אַליין, אַז אַרום אונז זענין דאָ גע־

שטודירטע לעת עתה זעהר וועניג, ובכל זאת זענין זייא פאַרט גע-ניג אָבצושרעקען דעם עולם מען זאָל ניט וועלין דיא קינדער אויף אַזאַ מין מדרגה ברענגען. עס איז בייא מיר גאַנץ זיכער אַז ווען עס זאָל זיך בייא אונז טרעפען טאַקי אַזוינער ער זאָל זיין גיט צו גאָט און צו לייט, דאָס פאָלק זאָל זיך אין איהם מתקנא זיין וויא אין אַ פיינעם אָרדענטליכען מענשען, וואָלטען פיעל חשק געקרוגען זייערע קינדער אויך לאָזען שטודירען. דאַריבער דאַרפט איהר זעהן פריהער דיא לייט צו שטראָפען און אויסצובעסערען, וועלען מיר שוין בעצמו בעסער ווערען״.

דער „קול מבשר״ איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט זיך אויך ערלויבט אָפֿן צו באַרירן איינע פון די טונקלסטע ערשיי-נונגען, וואָס האָט ניט זעלטן באַשמוצט און באַפלעקט די גאַנצע אויפקלערונגס-באַוועגונג. ווער עס איז באַקאַנט מיט דער דאָזיקער באַוועגונג אין גאַליציע און רוסלאַנד, דער ווייס זייער גוט, ווי אָפט די משכילים פלעגן אין קאַמף מיט די פאַנאַטיקער זיך ווענדן צו דער הילף פון דער רעגירונג און פון אירע פּאָליציי-אַגענטן. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז דער ספּעציעלער ליכט-שטייער, וואָס איז צו ערשט איינגעפירט געוואָרן אין גאַליציע, די גזרה וועגן הלבשה, וואָס איז אַרויסגעקומען אין רוסלאַנד אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, און נאָך פיל אַנדערע גזרות—האָט מען ספּעציעל צו פאַרדאַנקען די קעמפער פאַר אויפקלערונג. דאָס וואָס אויך יענער צד, בפרט די חסידים, פלעגן אויך ניט זעלטן זיך באַ-נוצן מיט דעם שמוציקן געווער פון מסירות און רכילות, פאַרקלע-נערט דאָך ניט די שולד פון די אויפגעקלערטע. *).

„קיינער—אַזוי האָט געשריבן דער „קול מבשר״—טהוט יודען ניט אַזוי פיעל שלעכטס, ווי זייערע אייגענע ברידער, און צום מייסטען דורך זייערע אייגענע מסירות: וויל איינער אַ חשוב ווערען ביי דער רעגיערונג, זיך אַ שטעלע זוכען דורך חניפות, בעלאָהנונג, אויסצייכנונג בעקומען, איז דאָס ערשטע, ער מסירט זיינע ברידער,

---

*) זע י. צינבערגס ארטיקל אין „די יודישע וועלט״ פאַר 1913, מערץ-ביכל.

י ט אויף פ׳ענע יודען צו דריקען, גיזרות אַרויסצוגעבען... עס דאַרף אונז אין רוסלאַנד צו קיין גנאי ניט זיין, וואָס אַזעלכע מענשעלעך האָבען אונז ניט איין מאָל אין די גרעסטע צרות גע־בראַכט. מיר געפינען דאָס אויך בייא אויסלענדישע יודען, וואָס האַלטען זיך פאַר פּראָגרעסיסטען״.

דערביי דערציילט דער „קול מבשר״ וועגן צוויי זייער פּי־קאַנטע אויפטואַכצן פון עסטרייכישע „פּראָגרעסיסטן״. נאָך דער שרעקליכער מפּלה, וואָס עסטרייך האָט אין יאָר 1866 געהאַט פון פּרייסן אין דער שלאַכט ביי קעניגרעץ, האָט איינער פון די פּאַטריאָ־טיש־געשטימטע אויפגעקלערטע יידן פאָרגעלייגט דער רעגירונג זי זאָל צווינגען די גרויסע יידישע קהלות אין עסטרייך, אַז יעדע פון זיי זאָל אַלס באַוויז פון איר פּאַטריאָטיזם שטעלן אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטן, באַוואָפנט און פאַרזאָרגט מיט אַלץ. דער רעגירונג איז לכתחלה דער פּלאַן זייער געפעלן געוואָרן, און ערשט ווען די עסט־רייכישע פּרעסע האָט געמאַכט דעריבער אַ גרויסן ליאַרם, איז די רעגירונג אָפּהענטיג געוואָרן. אַן אַנדער אויפגעקלערטער, דערציילט ווייטער דער „קול מבשר״, האָט געמאַכט דער רעגירונג אַ פאָר־שלאָג, זי זאָל אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע שטעמפּל־מאַרקע פון 15 קרייצער און יעדער ייד זאָל זי מוזן קויפן, בעת ער דאַרף אַ טלית אָדער אַ פּאָר תּפלין... „די רעגירונג, פאַרענדיקט דער „קול מבשר״, האָט אין דעם אַרכיוו זעהר פיעל אַזעלכע פּראָיעקטען, וואָס יודען שלאָגען פאָר גזירות אויף יודען״.

דורך דאָס אַלץ האָט דער „קול מבשר״ ווידער אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט ביי די משכּילים, וועלכע האָבן חושד געווען צעדערבוימען, אַז צוליב פּראַקטישע טעמים האָט ער געשלאָסן אין דער שטילן אַ נייעם שלום־אָפּמאַך מיט די רעאַקציאָנערן, און ניט האָבנדיק קיין ווערטן צו קעמפן, האָט ער זיך גענומען פאַר די „פּראָגרעסיסטן״.

ווי ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, איז דאָס אָבער געווען נאָר אַן אומזיסטער חשד.

ט.

די ערשטע עטלעכע נומערן פון פינפטן יאָר „קול מבשר״

(1867) האָבן מיט זיך געבראַכט אַ ריי נייע תּקונים, וועלכע האָבן באַוויזן ווי ווייט צעדערבוים באַמיט זיך אויסצובעסערן דאָס בלאַט און עס פֿאַרפֿולקומען אין מאָדערנעם זין. באַלד פֿון ערשטן נומער האָט ער איינגעפֿירט דעם פֿעליעטאָן, און פֿון דאַמאָלסט אָן האָט ער אים שוין געגעבן וועכנטלעך. די פֿעליעטאָנען פֿון „קול מבשר“ האָבן געטראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער: פֿאַרשיידענע באַשרייבונגען פֿון יידישן לעבן אין שטעט און שטעטלעך, פֿאַרווירצט מיט הומאָר און סאַטירע. אַ באַזונדער גרויסן אָרט אין די דאָזיקע באַשרייבונגען האָבן פֿאַרנומען: חסידים מיט זייערע גוטע יידן מלמדים, באַהעלפֿערס, ראש-ישיבֿות, מיט דער גאַנצער כּנופֿיה „כּלי-קודש“, קהלשע רעדל-פֿירער און סתּם מאַכערס, קאָכ-לעפֿל, תּקיפֿים, וואָס רייטן אויפֿן המון-עם. ס׳איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש, אַז כּמעט אַ ל ע מחבּרים פֿון די פֿעליעטאָנען האָבן מורא געהאַט צו חתמ׳ענען זיך מיט זייערע מפֿורשע נעמען און האָבן זיך באַהאַלטן אונטער פֿאַרשיידענע משונהדיקע פּסעוודאָנימען ווי למשל: „פֿאַלק באַנק מעזרא-קאָוונע“, „איין אונטערהערער יאָקיל הויכבערגער“, „יוסל דער בעל-עגלה“, „וואַרהאַפּטיג שלומ׳ס אַ קרובֿ“ וכדומה. די פֿעליעטאָנען פֿון „קול מבשר“ פֿלעגן גאַנץ אָפֿט אַרויס-רופֿן, באַזונדערס אין די קליינשטעטלעך, גרויסע סקאַנדאַלן. די, וואָס פֿלעגן זיך פֿילן געטראָפֿן פֿון דיקוילן, פֿלעגן זיך זוכן נוקם זיין אָן דעם פֿעליעטאָניסט, און ניט וויסנדיק גענוי ווער דער שרייבער איז, פֿלעגן זיי דאָט רוב אויסלאָזן דעם כּעס צו גאַנץ אומשולדיקע מענטשן, וואָס עס האָט אָפֿט געבראַכט צו זייער טרויעריקע רעזולטאַטן. צעדערבוים פֿלעגט זיך מיט אַזעלכע געשיכטעס שטאַרק איבערנעמען, זעענדיק אין דעם אַ סימן, אַז דער „קול מבשר“ האָט אויפֿן פֿאָלק אַ גרויסע ווירקונג.

צו די נייע תּקונים, וואָס צעדערבוים האָט איינגעפֿירט אין „קול מבשר“, דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן די רובריק „ק ל ו ג ע ו ו ע ר ט ל אַ ך“, אין וועלכער עס זיינען אַריין פֿאַרשיידענע אַנעקדאָטן און וויצן, יעדער איינציקער מיט זיין קריטיק און מיט זיין מוסר-השכּל. די אָפּטיילונג פֿון די גלייכווערטלעך איז דאָס רוב צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פֿון דער רעדאַקציע גופֿא, באָר צייטו-

ווייז פלעגן קומען אויך וויצן צוגעשיקט אונטער אַלערליי פּסעוו-
דאָנימען פון דער פּראָווינץ.

אין דער רעדאַקציע איז אויך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן די
רובריק „הויז-מיטלען" קעגן פאַרשיידענע קראַנקייטן, עצות ווי אָפּ-
צוהיטן זיך פון אַנשטעקנדיקע חולאתן, ווי זיך נוהג צו זיין אין
דער צייט פון עפּידעמיעס א. א. וו. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז,
דאָ האָט זיך געהאַנדלט ניט בלויז וועגן ריין מעדיצינישע מיטלען
נאָר אויך וועגן די אַזויגערופענע „באַבסקע סגולות", פון וועלכע
מ'האָט דאַמאָלסט, ווייזט אויס, פיל געהאַלטן.

אין עקסטרע פאַלן האָט צעדערבוים אָנגעהויבן געבן אין
„קול מבשר" אויך טעלעגראַמעס, וועלכע ער האָט אַרויסגענומען פון
פאַרשיידענע רוסישע טאָג-בלעטער. העכסט כאַראַקטעריסטיש איז
געווען דאָס קעפּל פון דער דאָזיקער רובריק: „ט ע ל ע ג ר אַ פ י ש ע
ד ע פּ ע ש ע ן", עפּעס אַזוי ווי ס'וואָלט נאָך אויך עקסיסטירט אַ מין
דעפּעשן, וואָס ווערן נ י ט געשיקט דורכן טעלעגראַף...

אין דעמזעלבן יאָר איז צוגעקומען אין „קול מבשר" אַ
גרויסע ליטעראַרישע קראַפט אין דער פּערזאָן פון י צ ח ק י ו א ל
ל י נ ע צ ק י. דאָס איז ניט געווען אַפילו אַזאַ שטאַרקער טאַלענט
ווי אַבראַמאָוויטש, דאָך האָט ער געשאַפן אייניקע גאַנץ טאַלענט-
פולע זאַכן. אַרויסגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור איז ער
מיט אַ זאַמלונג פון סאַטירישע לידער אונטערן נאָמען „דער בייזער
מאַרשאַליק"; נאָכדעם האָט ער פאַרפאַסט עטלעכע נאָוועלן, האָט
געשריבן אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע צייט-פראַגן און אויך אי-
בערגעזעצט אייניקע ווערק פון דייטש. זיין ליטעראַרישע רעפּו-
טאַציע האָט ער זיך אָבער דערוואָרבן נאָר דורך א י י ן בוך. דאָס
איז „ד אָ ס פ ו י ל י ש ע י ו נ ג ע ל", וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט
אין פעליעטאָן פון „קול מבשר". „ד אָ ס פ ו י ל י ש ע י ו נ ג ע ל"
האָט געהאַט אין זיין צייט אַ גוואַלטיקן ערפאָלג. מענטשן פון אַלע
פּאַרטייען, זאָגאַר חסידים, וועלכע האָבן זיך געפילט דורכן בוך
אָנגעגריפן, האָבן אויסגעשריבן דעם „קול מבשר", נאָר כדי צו האָבן
די געלעגנהייט עס צו לייענען. „דאָס פּוילישע יונגעל", איז אויף
אַזוי פיל געפעלן געוואָרן דעם עולם לעזער, אַז נאָך איידער ער

האָט זיך פאַרענדיקט דרוקן אין „קול מבשר", האָט צעדערבוים, װעלנדיק צופרידנשטעלן די בקשה פון אַ גרויסער צאָל אַבאָנענטן, אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע אויפלאַגע פון דעם ספר אַלס הוספה צום בלאַט.

אויסער דעם „פּוילישן יונגעל", װעלכן לינעצקי האָט אָפּגע־דרוקט אונטער דעם פּסעוודאָנים „עלי קצין הצחקיאולי", האָט ער נאָך פאַרעפנטלעכט אין „קול מבשר" אונטער זיין מפורשן נאָמען אַ גאַנצע ריי בריװ פון דער פּראָװינץ, װעלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער געזונטן, פריילעכן הומאָר און סטיליסטישער פרישקייט און זאַפטיגקייט. כמעט יעדן מאָל איז געװען זיין טעמע װעגן חסידות און חסידים, פון װעלכע ער האָט אָבער ניט אָפּגעשפּאָט און אָפּגעחוזקט. אויב מען באַגעגנט אַמאָל ביי לינעצקין אָנפאַלן אויף די העסלעכע פאָרמען, װאָס די חסידישע באַװעגונג האָט אָנ־גענומען אין דער עפּאָכע פון איר ירידה, האָט דאָס אים אָבער ניט געשטערט אָפּצושאַצן װי געהעריק די הויכע אידעען, מאָראַ־לישע און רעליגיעזע, װאָס זיינען געלעגן אין איר יסוד און האָבן באַרעכטיקט איר זכות־הקיום. פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף לינעצקי באַטראַכט װערן אַלס איינער פון די באַדייטנדע פּיאָנערן פון יענער ראָמאַנטישער באַװעגונג, װעלכע האָט שפּעטער מיט פּרצן געמאַכט איר אַריינטריט אין דער יידישער ליטעראַטור, און דער הויפּט־אינ־האַלט פון װעלכער ס'איז געװען לויבן און רימען דעם חסידיזם.*) בכלל דאַרף לינעצקי גערעכנט װערן נאָך אַבראַמאָװיטשן אַלס דער גרונד־לעגער פאַר דער השכלה־ליטעראַטור אין יידיש.

ט.

ביים אַריינטריט אין זעכסטען יאָר (1868) האָט צעדערבוים געגעבן דאָס װאָרט דעם „קול מבשר" זיך אויסצוזעגנהן מיט דעם לעזער. ער האָט עפּעס װי ניט געפונען פאַר פּאַסיק אַװעק־צושטעלן זיך פאַרן עולם מיט אַ שיר ושבחה פאַר זיך אַליין, און

*) זע „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" פון ד״ר י. פינעס 1־טער טייל.

האָט דאָס ליבערסט געטאָן דורכן „קול מבשר". און דער „קול מבשר", צעדערבוימס „טריי־קינד", ווייסט ניט פון קיין ענווות בלאָזט זיך אָן און זאָגט וועגן זיך פאָלגנדעס: „מיין נאַרישער שכל פאַרטראָגט, אַז איך האָב פערדינט אַ קניפּ אין בעקל, איטליכער זאָלל מיך מקרב זיין, ובפרט איך בין ניט שטאָלץ בייא מיר און לאָז מיך צו צו איטלעכען, יעדער קענן מיך פערשטעהען. נאָר צו מיין אומגליק זעה איך, אַז איך האָב שונאים ווי עפּיס רעכטס און טאָמיר מיינט איהר נאָר פאַרכּיס, ליידאַקיס, יונגליך וואָס קענען ניט מיין שיחת חולין; ניין, אַפילו לייטישע מענשן טראָגן מיר אויך נאָך אַ האַס, חאָטש איך בין גאָטט די נשמה שולדיג. איך בערעכען מיך נאָר היינט אין בעקלאָג מיינע יונגע יאָהרן, וואָס בין איך שוין ניט אויסגעשטאַנען אין דער צייט?! דאַכט זיך קיין באַשעפעניש מיינסגלייכען האָט דאָס ניט איבערגעליטען אים גאַנצען לעבען, וואָס איך אין די 5 יאָהר. איך זעה דאָך ביי לייטען, אַז אַזעלכע קינדער ווי איך ווערן בעשפּיננען און בעוואַקסען, זיי האָבן כבוד און געלט און אַלדעס גוטס און איך מוז דאַרען און קוואַרען, קוים קוים איך האָב כדי חיונא און מוז מיך נאָך אָנהערען בזיונות און טהייל רודפין מיך אויפ׳ס לעבען. איז אַזוי דער יושר?!".

נאָך דער דאָזיקער טיראַדע לייענט אָפּ דער „קול מבשר" אַ גאַנצן צעטל פון די גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער האָט פאַר דאָס יידיש פאָלק, פון זיינע אויסטערלישע אויפטואַכצן אויף די פאַר־שיידענע געביטן פון יידישן לעבן, און פון דעם, וואָס ער האָט נאָך ערשט בדעה אויפצוטאָן און וואָס אים שטייט נאָך פאַר „אויס־צוטראָגען אויף זיינע ברייטע פלייצעס", און פאַרענדיקט מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט מאריך ימים זיין מער פון אַנדערע און שרייבט זיך אונטער: „אַדיע פון מיר „קול מבשר".

אין אַזאַ היימישן פאַמיליערן טאָן פלעגט זיך צעדערבוים דורכשמועסן מיט זיינע לעזער גאַנץ אָפט, און צייטנווייז פלעגט ער זיך אין דעם אַזוי פיל פאַרגאַלאָפּירן, אַז ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פון אָנצורירן זיינע אייגענע אינטימסטע אינטערעסן, מאַכנדיק זיך דערביי כלא ידע, אַז ער רעדט דאָ פאַר גאַנץ אומבאַקאַנטע מענשן, וואָס זיי גייט גאָר ניט אָן צו וויסן, למשל

ווען ער האָט זיך געלעגט שלאָפן און ווען ער איז אויפגעשטאַנען און וועמען ע ר האָט באַזוכט און ווער עס האָט א י ם באַזוכט, וכדומה.

און דער דאָזיקער צעדערבוימישער טאָן האָט שוין ממילא געבראַכט דערצו, אַז אויך זיינע שרייבער און מיטאַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פירן אין „קול מבשר" גאַנץ היימיש. חברה האָט זיך צעשפּרייט אין „קול מבשר" „אויף אַלע פיר", האָבן געשאָטן מיט נאַרישע „חכמות" און פּאַרפּוילטע וויצן, האָבן געַ׳בעל־הבתעוועט מיט ווערטער און מיט אויסדרוקן ווי ביי זיך אין קאַבינעט. ביי אַנדערע איז אויסגעקומען, ממש, „וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג", און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אָן בייזע כוונות, חלילה, נאָר טיילס אויס בטלנישער נאַאיווקייט און באַזונדערס מחמת דעם, וואָס זיי האָבן זיך גענומען פאַר אַ מוסטער דעם רעדאַקטאָר אַליין, וועלכער האָט תמיד אַרויסגעוויזן גאַנץ ווייניק אָפּשיי פאַרן לעזער.

דער דאָזיקער „היימישער עלעמענט", אויב מ׳קען אַזוי זאָגן, האָט דערלאַנגט אין „קול מבשר" זיין אַפּאָגיי אין צעדערבוימס אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „אַ ג אַ ס ט א ו י ף אַ ו ו י י ל ע, ז ע ה ט א ו י ף אַ מ י י ל ע". דאָס איז געווען אַ מין דין וחשבון פון אַ נסיעה, וואָס צעדערבוים האָט סוף יאָהר 1868 געמאַכט איבער רוסלאַנד. ווי ער דערציילט, האָט ער אונטערגענומען זיין רייזע לטובת הכלל: ניט קענענדיק זיך פאַרלאָזן אויף זיינע קאָרעספּאָנדענטן, האָט ער אַליין געוואָלט זען מיט די אויגן ווי אַזוי יידן לעבן אין די פאַרשיידענע געגנטן, באַטראַכטן זייערע אינסטיטוציעס, אויספאָרשן זייערע מאַטעריעלע און גייסטיגע באַדערפענישן, און איבערצוגעבן נאָכדעם אין דער עפנטליכקייט זיינע איינדרוקן איבער דעם, וואָס ער האָט אומעטום געזען און געהערט. אגב וועט ע׳ זיך באַזאָרגן מיט נייע מיטאַרבעטער, וועלכע ער וועט אויסשטעלן מונדליכע אָנווייזונגען און דירעקטיוון ווי אַזוי צו שרייבן; און אויסקלייבן וועט ער זיך נאָר „די פעהיגסטע און אומפּאַרטהייאישסטע" מיטאַרבעטער, וועלכע וועלן האָבן „אָפּצופּאַססען איהרע בעריכטע נאָך אונזער וואונש". מיט אָט ד ע ם צוועק איז ער אַרומגעפאָרן אַ חדשים דריי בערך איבער גרעסערע און קלע־

נערע שטעט, און שוין פון דער ערשטער סטאַציע האָט ער אָנ־געהויבן אין „קול מבשר" זיין רייזע־באַשרייבונג, וועלכע האָט זיך געצויגן אין המשכים עטלעכע חדשים נאָך דער ריי, און יעדער המשך האָט פאַרנומען כמעט דריי פערטל נומער!

און וואָס האָט צעדערבוים ניט אויסגעדערציילט זיינע לעזער אין דער דאָזיקער רייזע־באַשרייבונג?! אָנגעהויבן האָט ער מיט דעם „שאָנעם הערבסט־אָבענד" און מיט דעם „אויסגעשטערנטען הימעל" אין דער נאַכט, וואָס ער איז אַרויסגעפאָרן. פון דעם איז ער אַריבער אויפצווייזן, דאָס „אויף דער אַייזענבאַהן לערנט ערשט דער מענש וואָס אַ מינוט בע־דייטעט". „אין 3 מינוט אויפענטהאַלט—אַנטוויקלט צעדערבוים זיין גע־דאַנק—וואָס טהוט דער פאַסאַזשיר ניט אָב? ער געהט זיך אַביסל איבער. גלייכט אויס די ביינער וואָס ווערין דאָרט אויסגעשטרענגט פון זיטצען, וויא בעקוועהם אפילו די קאַנאַפּיס זענין אַיינגעריכטעט, געניעסט עטוואָס, זעהט ווי פאַסאַזשירען שטייגען אויס און אַיין אויף יעדער סטאַציאָן, געפעקע ווערדען אויס־און אַיינגעלאַדען, דער לאָקאָמאָטיוו נעממט קוילען, וואַססער, און אַללעס פינקטליך וויא אַ מאַשין". דער מוסר השכל דערפון איז, אַז „צייט איז געלט". דער־נאָך קומט אַ כאַראַקטעריסטיק פון די רוסישע יונגע דאַמען, וואָס זיינען מיט אים געפאָרן אין איין וואַגאָן און האָבן זיך אונטער־האַלטן „מיט פוסטע שמיעסען", און פון אייניגע אָפיצערן, וועלכע האָבן „מעהרסטענס געדרימעלט". און אַזוי פערלירט ער זיך אין גאָלע קלייניגקייטן און טרינקט זיך אין אַ מבול פון זייטיקע זאַכן, וואָס קלעפן זיך צום ענין ווי אַן אַרבעס צום וואַנט, און ערשט נאָך פילע אָפּווייכונגען און אַרומוועגן קומט ער צו צו דער עצם טעמע, וועלכע האָט אין זיך כמעט תמיד אַ געזונטן קערנדל. אין יעדער שטאָט באַזוכט ער קודם כל די חדרים מיט די שולן, זיצט אויף די לעקציעס, שטודירט די פּראָגראַם מיט דעם לערן־פּלאַן און זאָגט נאָכדעם אַרויס זיין מיינונג וועגן יעדן פונקט באַזונדער און זיינע מיינונגען זיינען זייער אינטערעסאַנט. אומעטום באַקענט ער זיך מיט די פאָרשטייער פון קהל און פון די פאַרשיידענע אַנ־שטאַלטן, פאַרפירט מיט זיי שמועסן און מאַכט זיי אויפמערקזאַם אויף דאָס און אויף יענץ. וואו ער געפינט אַ חסרון מאַכט ער

באַלד אויף דעם אויפמערקזאַם וועמען מען באַדאַרף, ער מוסרט גבאים, קריטיקירט שאַרף גבירים, שוינט ניט אַפילו קיין רבנים. זיין אויג דרינגט אַריין אומעטום, „אין באָד און אין הקדש״, און לאָזט ניט דורך קיין איין ווינקעלע פון יידישן לעבן, ביי וועלכן ער שטעלט זיך ניט אָפּ. אַלץ באַשרייבט ער אויספירלעך, לאָזט ניט דורך דעם קלענסטן פרט, און גאַנץ אָפט פאַרפאָרט ער אין דעם אַזוי ווייט, דאָס „צוליב די פיל בוימער, זעט מען ניט דעם וואַלד״. אין איטלעכער שטאָט פילט ער זיך היימיש, און די דאָזיקע היימישקייט טראָגט ער אַריבער אין זיין באַריכט־אַרטיקל, און בלייבט אין איר שטעקן אַזוי לאַנג, ביז עס פערלירן זיך די פעדים פון די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, און וואו ער מאַכט, אין פלוג, אַ שטיקל רושם, גייט דאָס באַלד אַוועק ווי אין רויך.

ווען מ׳זאָל אַראָפּוואַרפן דריי פערטל פון צעדערבוימס רייזע־באַשרייבונג, וועלכע טראָגן אַ צו היימישן, אינטימען כאַראַקטער, וואָס פאַסט, אפשר, אין אַ הויזלעכן שמועס, אָבער אויף קיין פאַל ניט אין אַ צייטונג, בלייבט דאָס איבעריקע גאַנץ אינטערעסאַנט, און אַנטפלעקט אין דעם שרייבער גרויסע זשורנאַליסטישע מעגלעכקייטן. אין די כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס מיר געפינען אין צעדערבוימס בריוו וועגן געוויסע יידישע באַרימטע פערזענליכקייטן, זעט זיך אַרויס פיל באַאָבאַכטונג, מענשן־קענטעניש; זיינע מיינונגען וועגן קהלשע ענינים ווייזן אויף אַ שטאַרק אַנטוויקלטן געזעלשאַפטלעכן חוש, און זיינע אורטיילן וועגן שולוועזן אַנטפלויזן ביי אים אַ געוויסן זין פאַר פעדאַגאָגיק.

די צייט, וואָס צעדערבוים האָט זיך געפונען אין וועג, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ משונהדיקע אַרבעטס־קראַפט. איבערלאָזנדיק די רעדאַקציע אויף די הענט פון זיין „דייטשמערישן״ איידים, ד״ר גאָלדנבלום, מיט אַ יונגן סטודענטל פון אָדעסער אוניווערזיטעט, וועלכע זיינען ביידע געווען גאַנץ ווייניק פראָדוקטיוו, האָט ער אַליין אָנגעפילט כמעט דעם גאַנצן „קול מבשר״. אין יעדן נומער געפינען מיר פון אים דריי, פיר אַרטיקלען, און אַלע אין גרויסע און לאַנגע פאָרזעצונגען. נעמענדיק אין אַכט, אַז ער האָט אין וועג געהאַט צו פאַרריכטן פיל אַנדערע אינטערעסן, וועגן וועלכע

מיר וועלן נאך ווייטערריידן, מוז מען באוואונדערן, ווי אזוי ער
האט באוויזן אזוי פיל אנצושרייבן און אזוי פונאנדערצוווארפן
זיך אויף פארשיידענע טעמעס.

יא.

צוריקקערנדיק זיך פון זיין נסיעה אהיים, האט צעדערבוים
אנגעזאגט די לעזער צוויי בשורות: ערשטנס, אז ער האט געפועלט
ביי דער רעגירונג אפצוטיילן דעם „קול מבשר" פון דעם „המליץ"
און ארויסגעבן אים אלס א באזונדער בלאט און אין א באזונדער
טאג. דערביי דערציילט ער, אז אים האט שיר אן אומגליק גע-
טראפן: בשעת ער איז געקומען צום אויבערצענזאר בעטן אן ער-
לויבעניש אפצוזונדערן דעם „קול מבשר" פון „המליץ", האט ער
זיך געכומען גריבלען און האט איינגעפונען, אז דער „קול מבשר"
האט בכלל ניט קיין גזעצלעכע באשטעטיגונג, און אז צעדערבוים
האט נאר גענעגט ארויסגעבן א געמישט בלאט פון העברעאיש מיט
דייטש. דערביי האט זיך ארויסגעוויזן, אז אין צענזור זיינען אנ-
געקומען מסירות אויפן „קול מבשר", אז ער איז עס אינגאנצן שול-
דיק אין דעם, וואס יידן שטייען אפגעזונדערט און לאזן זיך ניט
רוסיפיצירן, אז ער אונטערשטיצט און דערהאלט דעם „זשארגאן"
און מאכט אים פאר א ליטעראטור=שפראך. אויף דעם סמך האט
דער צענזאר געוואלט פארבאטן דעם „קול מבשר" לגמרי. צע-
דערבוים האט אבער די זאך אפגעשריען. זייער אינטערעסאנט און
העכסט כאראקטעריסטיש פאר דער געשיכטע פון דער יידישער
פרעסע אין רוסלאנד איז צעדערבוימס באשרייבונג ווי אזוי ער
האט אויסגעווירקט, אז מ'זאל ביי אים ניט צונעמען די קאנצעסיע
אויפן „קול מבשר".

„פיעל מיה האט אונז געקאסט — אזוי דערציילט צע-
דערבוים — די העכסטען בעאמטע און געלעהרטע צו איבערצייגען,
אז אים פרינציפ זענין מיר מיט זיי איינינ, וויא דרינגענד נאטהיג
עס איז פאר דעם לאנד און פאר יודען אליין, זיי זאללען זיך גע-
וואהנען צו רעדין די לאנדעסשפראכע. נאר מיר געהען זיך אויס-
איינאנדער אין די מיטטעל וואס מען דארף געברויכען דיעזעס

געווינשטע ציעל צו ערררייכען. נאָך איינזיכט פון טהייל לייכטזינ־ניגע אוינטער אונז, וואָס נעהמען אַ מאָס פון זיך, וויא שנעלל זייא האָבען זיך אָנגעאייגנעט דיא רוסישע שפּראַכע וויא אַ מוטטער־שפּראַכע, קענן מען אַ גאַנצע נאַציע אויך אין קורצער צייט אויס־לערנען אַ נייע שפּראַכע, מען דאַרף נאָר אַביסל שטרענגערע מאָס־רעגעלן געבּרויכען און דען זשאַרגאָן אונטערדריקען, ווענן מען וועט ניט לאָזען קיינע צייטונגען אין איהם ערשיינען. דיא מיינונג איז אַללגעמיין בייא דער רוסישען וועלט אָנגענומען גע־וואָרין. מיר זענין דאַגעגען איבּערצייגט, אַז עס גיעבּט קיין אַנדער מיטטעל נאָר דער זשאַרגאָן אַלליין וואָס קענן זיך אַלליין פּערמיאוסען און בּעווייזען יודען וויפיעל ער שאַדעט זיא אויף יעדען שריטט. ער לעבּט אַ סך הונדערטער יאָהר אים פאָלק, האָט זיין שטאַרקע אַלטע וויא נייע ליטעראַטור אין אַללע צווייגען, און 50 בּויגען „קול מבשר" קעננען זיי ניט בּערייכערן און אויספיינען, דאַגעגען דורך בּעססערע אידעען און רייגערן געשמאַק וואָס ער בּרענגט אַריין אים פאָלק, וועלין זייא ממילא איין אום־חן וואַרפען אויף דיא פּעראַלטעטע פּאָראורטהיילע און פאַלשע בּע־גריפע פון רעליגיע און וועלט, און דאָס וועט זייא פיהרען אַלליין וויא וויים מעגליך רוסיש צו פערשטעהען און זייערע קינדער איינע רעגלמעסיגע ערציעהונג צו געבּען אין דער לאַנדעסשפּראַכע".

מיר זעען אַלזאָ, אַז כדי ‚צו בּאַקומען אַ קאָנצעסיע אויף אַ יידיש בּלאַט, האָט דער רעדאַקטאָר געמוזט איינלייגן בּיי דער יידיש־פיינדלעכער רוסישער רעגירונג אַלס אַ מין נדן די הבטחה, אַז נאָר דורך דעם זשאַרגאָן אַליין קען מען פערמיאוסן דעם זשאַרגאָן און אויפווייזן יידן וויפל ער שאַדט זיי אויף יעדן טריט, און צעדערבּוים האָט זיך דאָס ניט געשעמט צו דרוקן בּיי זיך אין בּלאַט שוואַרץ אויף ווייס, ווייל אַזוי איז בּאמת געווען ניט בּלויז זיין אייגענע מיינונג, נאָר אויך די מיינונג כמעט פון דער גאַנצער דאַמאָלסדיקער יידישער אינטעליגענץ.

די צווייטע בּשורה, וואָס צעדערבּוים האָט אָנגעזאָגט די לע־זער, איז, אַז ער האָט בּאַקומען די ערלויבּעניש פון דער רעגירונג אַרויסצוגעבּן אַ רוסיש וואָכנבּלאַט אונטערן נאָמען „פּאָסרעד־

ניק״ (פאַרמיטלער). מיט צוויי בלעטער, אין העברעאיש און יידיש, האָט ער זיך ניט באַנוגנט, זיי זייַנען אים געווען צו ווייניק, און אים האָט זיך נאָך געוואָלט האָבן אויך אַ דריט בלאַט, און דוקא אין אַ שפּראַך, אין וועלכער ער האָט געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה. אויף דעם איז דאָס אָבער געווען צעדערבוים, וועמעס ענערגיע און וועמעס גלויבן אין זיך זייַנען געווען, ממש, אומדערשעפּלעך.

זינט צעדערבוים האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין פיר־חדשים־דיקער נסיעה, האָט זיך אויף אים אָנגעטאָן עפּעס ווי אַ נייע הויט, ער איז בײַ זיך געוואָרן פיל שטאָלצער און האָפערדיקער קעגן דער וועלט. ער האָט זיך גענומען האַלטן פאַר אַ גרויסן אַווטאָריטעט אין אַלץ און בפרט אין די פראַגן, וועלכע זייַנען נוגע יידן און יידישקייט. צו דעם גאַנצן קנויל פון די יידישע פּראָבלעמען האָט ער שוין איצטער געפונען נאָר איין פּתרון: יידן דאַרפן „בעפריעדיגען דען וואונש פון דער האָהען רעגיערונג״. צו דעם דאָזיקן פּתרון איז ער געקומען—אַזוי האָט ער ערקלערט—נאָכדעם ווי ער „האָט קענגען געלערנט, דורך בעקאַנטשאַפט מיט די העכסטע רעגיערונגס־פּערזאָנען און דער גראָסטען רעדאַקטערע, דען גייסט דער האָהען רעגיערונג און דיא אַלגעמיינע מיינונג איבער יודען און יודענטום. „איצט—איז צעדערבוים מודיע זיינע לעזער—ווייסען מיר קלאָר אויף וועלכען אַרט אונזערע בלעטטער צו ריכטען, זייא זאָללען דערלאַנגען זייער ציעל״.

לייענט מען די לייט־אַרטיקלען, וועלכע צעדערבוים האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין „קול מבשר״ פון דאַמאָלסט אָן, ווי אויך די הערות, וואָס ער האָט צוגעגעבן צו די מאמרים, וואָס אַנדערע האָבן דאָרט געשריבן, זעט מען באַשיינפּערלעך ווי עס גייט דורך זיי דורך ווי אַ רויטער שניירל גאָר אַ ספּאָגל נייער לאָזונג פאַר דער יידישער גאַס—שתדלנות. אַלע יידישע פראַגן קענען פאַרענטפערט ווערן בלויז דורך שתדלנות פאַר דער „האָהען רעגיערונג״. דער זין דערפון איז: בעט, דערוועקט רחמים אין די „הויכע פענסטער״, און איר וועט געהאָלפן ווערן. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט צעדערבוים געזוכט דורכפירן בײַ יעדער געלעגנהייט, באַמיהענדיק

זיך יעדעס מאָל אַלץ וואָס מער בולטער אַרויסצוווייזן זיינע הייסע פּאַטריאָטישע געפילן. און צעדערבוימס געפילן זיינען טאַקע ניט אוועק לאבוד; מען האָט זיי באַמערקט וואו מען באַדאַרף... „די העכסטע בעאַמטע"—אַזוי האָט זיך שפּעטער צעדערבוים באַרימט—האָבן זיך איבערצייגט ווי ערנסט מיר מיינען עס מיט אונזער פּאָטערלאַנד און מיט אונזער רעגירונג".

אָט אויף דעם דרך האָט זיך גענומען שניידן דער „קול מבשר" זינט ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון „המליץ" און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַזונדער צייטונג: שאַרפע קריטיק כלפּי־פּנים, און הכנעה כלפּי־חוץ. געזייפט רבנים און גוטע יידן און אַלע מיני כלי־קדש און קהלשע קליאַמקעס און רעדל־פירער און תקיפים, ניט געשוינט קיין ראַבינערס און קיין לערער און סתם פּראָגרעסיסטן, געזאָגט דעם אמת אין פּנים דער יידישער פּלוטאָקראַטיע, די יידישע געלט־זעק, און פון דער אַנדער זייט געבויגן זיך אין דרייען פאַר דער „האָהען רעגירונג", געמאַכט אַ פּירוש פון יעדן „רויטן קנעפּל" און געהויבן לעילא ולעילא אַ ליאַדע „טשינאָווניק". דער לעזער האָט די דאָזיקע שתדלנות־פּובליציסטיק אָנגענומען פאַר גוט געלט און זי האָט ביי אים ניט אַרויסגערופן דעם קלענסטן פּראָטעסט.

פון די נייסן, וואָס צעדערבוים האָט איינגעפירט פון איצט אָן אין „קול מבשר", איז כדאי צו באַמערקן: ערשטנס, די רובריק „ערב רב", וועלכע איז געווען אַ מין היינטיקער „מארבע פּנות עולם", און האָט אַנטהאַלטן אויסטערלישע, טשיקאַווע באַגעבנהייטן פון דער גאַנצער וועלט, אַלערליי סענסאַציעס און וואונדערבאַרע געשעהענישן, און צווייטנס, יידישע ביבליאָגראַפיע, גרעסערע און קלענערע רעצענזיעס איבער יידישע ווערק.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעמערקט אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, האָט דער „קול מבשר" געווירקט אויך אין דעם זין, וואָס ער האָט באַוואויגן צו שרייבן עפנטלעך יידיש אַזוינע מענטשן, וועלכע האָבן זיך פון תמיד אָן געשעמט מיט דער שפּראַך. די דאָזיקע מענשן האָבן איצטער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די בושה און האָבן ניט בלויז מיטגעאַרבעט אין „קול מבשר", נאָר אויך אָנגע־

הויבן אַרויסצוגעבן אין יידיש גאַנצע ווערק. ווי דער שטייגער איז האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן שרייבן יידיש און דרוקן ספרים אויף יידיש אויך אַזעלכע, וואָס זיינען דערצו ניט ראוי הן לויט זייער ליטע־ראַרישע פייהיגקייטן, והן לויט זייער ידיעה אין דער שפּראַך. בע־מערנדיק דאָס אין אַכט, האָט צעדערבוים מודיע געווען, אַז מהיום והלאה וועט ער רעצענזירן אין „קול מבשר" וואו נאָר אַ גוט יידיש ווערק, אום עס זאָל דינען פאַר אַ צייכן, אַז די ניט דערמאָנטע ספרים טויגן אויפן פייער. „מיר האָבן זיך פאָרגענומען—שרייבט צעדערבוים אין דער הקדמה צו זיין ערשטער רעצענזיע—דיא ניט ניטצליכע ביכלין גאָר ניט צו געדענקען, אויסער איבער דיא וואָס קוממען אַרויס פון טיכטיגע שרייבער וויא: ה"ה ד"ר עטטינגער ע"ה, גאָטלאָבער, אַבראַמאָוויץ, בינשטאָק, דיק, גאָלדפאַדען, ליבעצקי, וכדומה. אויב דאָס פובליקום וועט אונז האַלטען פאַר קאָמפּעטענט, וועט עס זיך שטויסען, אַז אויף אַנדערע איז איין עבירה געלט אויסצוגעבען."

ס'איז אַ העכסט כאַראַקטעריסטישער פאַקט, וואָס צעדערבוים, וועלכער איז אין גרונד געווען אַ קעגנער פון יידיש, און האָט עס געהאַלטן פאַר אַ שפּראַך פון ווייבער און פּראָסטאַקעס, וועלכע האָט פאַר זיך קיין שום צוקונפט ניט, האָט זיך באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט און מיט פיל ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור און צו די יידישע שריפטשטעלער. מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג ער רעדט וועגן גאָטלאָבערן, און ווי ווערט ער אַזש צעשמאָלצן פון התפּעלות דערמאָנענדיק דעם נאָמען פון ד"ר שלמה עטינגער צי פון ישראל אַקסנפעלד!

און צעדערבוימס רעצענזיעס טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער וואָס זיינע אַרטיקלען: ווייניקער גערעדט וועגן דעם עצם ענין און מער גערעדט וועגן גאַנץ זייטיקע זאַכן; ער באַשעפטיקט זיך אַזוי ניט מיט דעם ספר, ווי מיט דעם מחבר. רעצענזירנדיק, למשל, גאָטלאָבערס פּאָעמע „ד ע ר ס י י ם פ ו ן ד י ח י ו ת", געפינט ער ידערביי פאַר נויטיק צו דערמאָנען דעם ד"ר שלמה עטינגער. אַגב דערציילט ער שוין, אַז עטינגער איז זיינער אַ געוועזענער וגנט־פריינד פון זאַמאָשץ און אַז ער איז דער מחבר פון „סערקעלע".

חיבאַלד אַז ער דערמאָנט זיך אָן „סערקעלען", „האַלט ער שוין פאַר זיין חוב" צו באַמערקן „אַז דאָס דאָזיגע טהעאַטער־שטיק, דאָס ערשטע אים זשאַרגאָן, איז בגניבה אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פרייסן פון אַ שפּעקולאַנט, אָהן ערלויבניש פון די יורשים, ניט פונ׳ם רעכטען אָריגינאַל, נאָר פון אַ פעהלערהאַפטער קאָפּיע און פילל מיט גרייזען, אַז מען קאָן פיעל זעטצע גאָר ניט פערשטעהען. מיר, וואָס האָבען דאָס אָו׳יגינאַל גוט געקענט, איז אונז ניט מעגליך געוועזן עס צו ערקע׳ען". דאָס שלעפּט שוין ווייטער צעדערבוימען פאַרן צונג צו דערציילן, אַז פון עטינגערן איז איבערגעבליבן אַ גאַנצע זאַמלונג שירים אָריגינעלע און איבערזעצטע, און שוין דאָ אויפן אָרט רעכנט ער זיי אויס מיט די נעמען. פון אַנדערע ברענגט ער אויך דעם אינהאַלט, און גאָר צולעצט מאַכט ער אויפ־מערקזאַם די יורשים פונם ד״ר עטינגער, אַז עס ליגט אויף זיי אַ פליכט צו באַערן דעם אָנדענקען פון זייער פאָטער און פאַר־עפנטלעכן זיינע כתבים. און פאַר דאָס אַלץ האָט צעדערבוים ניט געפונען קיין אַנדער אָרט ווי נאָר אין אַ רעצענזיע אויף אַ פּאָעמע פון גאָטלאָבערן!

אין זיין רעצענזיע אויף אַבראַמאָוויטשעס ווערק „ד י ט אַ ק ס ע", וועלכע איז אַרויס אונטער דעם פּסעוודאָנים „מענדעלי מוכר ספרים", באַמערקט צעדערבוים: „איטליכער ווייסט ווער דער מחבר איז, דאָך האָט ער ניט אַרויסגעשטעלט זיין נאָמען. מיר פערשטעהען אַפילו ניט פאַר וואָס: צו שעמען האָט ער זיך ניט, וואָס ער אַלס בעקאַנטער יודישער שריפטשטעלער גיט זיך אָב מיט זשאַרגאָן, בפרט אַז דאָס ביכעל איז געשריבען צו אַ צוועק, דאָס פאָלק אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף זייערע פערזאָרגער. אין וואָס פאַר אַ לשון קענן ער דענן בעסער גלייך מיט דעם פאָלק רעדען? קיין איבערגעשראָקין מענשיל איז ער אויך נישט, ער זאָלל מורא האָבען איבערהויפּט אַז דיא וועלט ווייסט ווער עס האָט דאָס ביכעל גע־שריבען. נאָר אַז ער מאַכט דארויס אַ סוד, טאָרען מיר ניט זיין נאָמען אַרויסגעבען".

כאַראַקטעריסטיש איז ווי צעדערבוים שאַצט אָפּ אַבראַמאָ־וויטשעס יידיש: „דיא שפּראַכע איז כמעט דורכגענגיג זעהר פלאַוונע,

עכט יודיש מיט שאָנע ווענדונגען און בילדער, אויך זעהר לעבע־דיקע פּראַקטישע אידעען" (?!).

אָבער נאָך אַלע חסרונות פון דעם „קול מבשר"ס" ביבליאָ־גראַפיע, מוז זי דאָך פאַררעכנט ווערן פאַרן יסוד פון דער שפּעטער זיך אַנטוויקלענדיקער מאָדערנער קריטיק אין דער יידישער לי־טעראַטור.

צום סוף דאַרף דאָ נאָך אָנגעמערקט ווערן, אַז אין דעם פונעם „המליץ" אָפּגעטיילטן „קול מבשר" האָט צעדערבוים די ביז־אַהעריקע מאָטאָ פאַרביטן אויף אַ נייע און אַנשטאָט דעם פרי־ערדיקן פּסוק פון תהלים: „שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנִי" (ד. ה. „שיק דיין ליכט און דיין אמת, זיי וועלן מיך פירן"), האָט ער זיך איצטער אויסגעקליבן אַ פּסוק פון „משלי": „אֹהֵב מוּסָר אֹהֵב דָּעַת" („דער וואָס ליבט מוסר, ליבט וויסן"). וואָס צעדערבוים איז אויסן געווען מיט דער דאָזיקער אומענדערונג פון די מאָטאָס און וואָס ער האָט מיט דעם געוואָלט לאָזן הערן דעם עולם לע־זער, — דאָס בלייבט לגמרי אומפאַרשטענדלעך.

יב.

ווי מ'האָט עס געדאַרפט דערוואַרטן, האָט צעדערבוים מיט זיין עקספּאַנסיווער נאַטור און מיט זיין זודיקן טעמפּעראַמענט און מיט זיין, ממש, איבער־מענטשלעכער ענערגיע שוין מער ניט געקענט איינזיצן אין אָדעס, באַזונדערס ווי ער האָט געהאַט דעם כבוד צו באַ־קאָנען זיך מיט „דער האָהען רעגיערונג" און ביי איר נושא חן צו זיין. ס'האָט פיל ניט געדויערט און ער האָט געמאַכט אַ צווייטע נסיעה קיין פּעטערבורג, און דאָרט האָט ער אַזוי לאַנג אָפּגעשלאָגן מיט זיינע השתדלות'ן די שוועלן ביי די הויכע באַאַמטע, ביז ער האָט ענדלעך געפועלט אַריבערצופירן אַהין דעם העברעאישן „המליץ" מיט דעם רוסישן „פּאָטרעדניק", אָבער ניט דעם יידישן „קול מבשר". דעם „פּראָסטן זשאַרגאָן" האָט די „האָהע רעגיערונג" ניט געוואָלט האָבן אין דער הויפּטשטאָט, און צעדערבוים איז געווען געצוואונגען איבערצולאָזן דעם „קול מבשר" אויף פרעמדע הענט אין אָדעס, האָפענדיק, אַז די גזרה איז נאָר אַ צייטווייליקע.

איבערגעלאָזן דעם „קול מבשר“ האָט צעדערבוים אויף די
היינו פון אַ געוויסן משה אלעזר בעלינסאָן, אַן אָדעסער
מדמים, וועלכער האָט געשטאַמט פון בעסאַראַביע און איז געווען
אַ ייד אַ וואויללערנער, אַ העברעאיסט און אַ משכיל. דער דאָזיקער
בעלינסאָן האָט פון תמיד אָן געשטרעבט צו רעדאַקטאָריי. נאָך
אַ לאַנגע צייט איידער צעדערבוים איז געקומען קיין אָדעס, האָט
ער שוין געחלומט וועגן אַרויסגעבן אַ העברעאיש בלאַט, און האָט
זיך וועגן דעם אויפגעשריבן מיט די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן
אין ליטא און פּוילן. ער האָט אָנגעווענדעט פיל קרעפטן צו קריגן
אַן ערלויבעניש אויף אַ בלאַט, און האָט ניט באַקומען. אַ געוויסע
צייט האָט ער אַרויסגעגעבן אומפּעריאָדישע העברעאישע זאַמלביכער
אונטערן נאָמען „עלי-הדס“. ער האָט נאָך אַלץ געגאַרט נאָך אַ בלאַט,
און אַז צעדערבוים האָט אים אָנגעשלאָגן איבערצונעמען דאָס אַרויס-
געבן פונם „קול מבשר“, האָט ער זיך אָן דעם גלייך אָנגעכאַפּט,
ניט צוליב פּרנסה, ווייל ער איז געווען אַ גאַנץ רייכער, אויך ניט
אויס ליבע צו דער יידישער שפּראַך, מיט וועלכער ער האָט זיך
קנאַפּ-וואָס אינטערעסירט, נאָר מער ניט ווי כּדי צו ווערן רעדאַקטאָר.
צעדערבוים האָט אָבער אים אַליין דעם „קול מבשר“ ניט אָנגע-
טרויט און האָט אים געגעבן אַלס געהילף דעם שוין דאַמאָלסט
גוט באַקאַנטן העברעאישן שריפטשטעלער משה ליב ליליענ-
בלום. לויט צעדערבוימס אָפּמאַך מיט בעלינסאָנען האָט ער זיך
תּמיד אין אַלע רעדאַקציאָנעלע אָנגעלעגנהייטן געדאַרפט מישב זיין
מיט ליליענבלומען, און האָט אָן אים גאָרנישט געטאָרט טאָן. דערביי
איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז צעדערבוים זאָל כּסדר שיקן פון פּע-
טערבורג אַרטיקלען און בריוו, וועלכע מוזן אַריין אין בלאַט סאַמע
אויבנאָן. פאַר זיין אָפּפאָרן קיין פּעטערבורג איז צעדערבוים אַרויס
אין „קול מבשר“ מיט אַ גרויסן אַרטיקל אונטערן נאָמען „צו אונ-
זערע געעהרטע לעזער און לעזערינען!“, וועלכער איז זייער כאַ-
ראַקטעריסטיש פאַר זיין באַציאונג צו זיין „זשאַרגאָנישן אָרגאַן“
אין קעגנזאַץ צו דעם העברעאישן „המליץ“, און וואַרפט באַ-
זונדערס אַ שיין אויף דעם מאַטעריעלן מצב פון דעם דאַמאָלסט
נאָך איינציקן יידישן בלאַט אין גאַנץ רוסלאַנד.

נאָכדעם ווי ער באַקלאָגט זיך אויף די צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין די 7 יאָר צוליב דעם „קול מבשר”, אויף די קרענקונגען און פאַרדרוסן, וואָס דאָס בלאַט האָט אים פאַרשאַפט, אויף די רדיפות און מסירות, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן, שרייבט ער:

„גענוג ווערן מיר פאַרשוואַרצט מיט דעם „המליץ”, וואָס בעלאָהנט אויך נישט אונזער מיה, איז עס וועניגסטענס איינע אַלטע שאָנע שפּראַכע מיט אַ גערייהמטער ליטעראַטור. עס בעפריעדיגט אביסיל דען מענשליכען עהרגייץ זיך מיה צו געבען אין דער הייליגען שפּראַכע זיך אויסצוצייכענען, מען ערווערבט זיך אַ נאָמען צווישען יודען און קריסטען; אַביסיל איז דערבייא אַ פּיעטעטיש געפיהל, צו אַרבייטען אין אונזער רעליגיעזען שפּראַכע, וואָס אין איהר ליעגט אונזער אוצר, אונזער תּורה, אונזער אַלטע היסטאָריע, אונזער שטאָלץ, אונזער לעבענסגעשיכטע, אונזער מאָראַל, אונזערע עדעלסטע געפיהלע” א. א. וו.

„אָבער—שרייט אויס צעדערבוים—וואָס האָט פאַר אַ ווערטה דער זשאַרגאָן זייענדיג געהאַט אזוי פיעל איבערצוטראָגען? קיין ליטעראַרישען נאָמען ווילען מיר זיך קיינעסוועגס דורך איהם ערווערבען, עס איז קיין גרויסער כבוד אַז מען קענן שוין יאָ שרייבען אין דעם גאַלאַמאַגע לשון וואָס מען דאַרף ניט לערנען און האָט קיין שפּראַכלעהרע, אַ לשון, וואָס מיר אַליין האַלטען עס פאַר איין אומגליק*) וואָס די היסטאָרישע אומשטענדע האָבען עס געמאַכט עס זאָלל בעשטעהען הונדערטער יאָהר בייא יודען און אין די פּוילישע פּראָווינצען, אַ לשון, וואָס האָט אונז תּמיד געשאַדעט, באַזונדערס יעצט; דאָס האָט אונז צוגעצויגען פעראַכטונג פון קריסטען און מיסטרויען גלייך ווי כּלי זמר לשון; עס האָט אונז געהינדערט מיט דער וועלט זיך צו ענטוויקלען און מיר ווינשען פון'ם גאַנצען הארץ יודען זאָללען בעסער רעדען די לאַנדעסשפּראַכע און דען עלענדען זשאַרגאָן גאַנץ פערלערנען. מיר האָבען שוין ניט איין מאָל בפירוש געזאָגט, אַז מיר געּ

*) דער קורסיוו און אַלע ווייטערדיקע זיינען אונזערע.

בדויכען דאָס לשון, עס זאָלל זיך אלליין אונטער־גראָבען דיא עקסיסטענץ״.

נאָכדעם ווי צעדערבוים ווייזט אויף, אַז פון אַ יידיש בלאַט קען מען קיין כבוד ניט האָבן און אַז ער גיט אַרויס דעם „קול מבשר״ נאָר כדי „צו וועקען דעם פראָסטען נאַראָד, דיא ווייבער, פון זייער הונדערטער יעהריגען שלאָף און אַריינצושלאָגען אין זיי דעם צייטגייסט״, באַקלאָגט ער זיך, אַז „דאָס פאָלק ווייסט ניט צו שעטצען זיין האָראָוואַניע״, און איז מגלה אַ סוד פון חדר, אַז „עס איז אַ חרפה אויסצוזאָגען ווי וועניג אַבאָננענטען מיר האָבען. עס איז געגוג אַז אייגער שרייבט אויס איין עקזעמפּליאַר אין אַ שטעד־טיל ענטוועדער לשם מצוה אָדער אויף שפּעקולאַציע (ער נעהמט אַ קלייניגקייט פאַר דעם איבערלעזען ביי פיעלע פאַמיליען), לייענט דער גאַנצער עולם—דערמיט איז מען יוצא. קיינער פרעגט גאָר ניט פון וואַניט לעבט דער רעדאַקטאָר, וואָס פערברענגט זיינע בעסטע יאָהר און טעג דער יודישען וועלט נוטצען צו ברענגען, פערגניגטע שטונדען צו מאַכען?״ און צעדערבוים פאַרענדיגט זיין אַרטיקל מיט דער האָפענונג, אַז זיינע „פון הערצען געשפּראָכענע אויפריכטיגע ווערטער וועלין פון אונזערע געפיהלפאָללע ברידער און שוועסטער ערנסט אויפגענומען ווערען״.

צעדערבוימס האָפענונג איז ניט מקוים געוואָרן. דער מצב פון „קול מבשר״ איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער, באופן, אַז סוף יאָר 1870 האָט שוין צעדערבוים מתרה געווען די לעזער, אַז אויב עס וועלן אים ניט צוקומען פיל אַבאָנענטן, וועט ער ניט זיין שולדיק, ווען דער „קול מבשר״ וועט אויפהערן אַרויס־צוגיין. צעדערבוימס התראה האָט אויפן עולם געווירקט, ווייל נאָכ־דעם איז נאָך דער „קול מבשר״ אַרויס העכער פון אַ יאָר צייט, און אויב ער האָט זיך שפּעטער אָפּגעשטעלט, איז דאָס געווען ניט צוליב מאַטעריעלע טעמים, נאָר צוליב גאַנץ אַנדערע סבות. קוים האָט צעדערבוים באַוויזן צו באַזעצן זיך אין פעטערבורג, איז בעלינסאָן באַלד געוואָרן אין „קול מבשר״ אַ גאַנצער „מושל בכפה״ און האָט אים גענומען איבעראַנדערשן אין זיין גייסט. זייענדיק אין אַלץ פונקט דער קאָנטראַסט פון צעדערבוימען, האָט ער גע־

בראַכט דערצו, דאָס דער „קול מבשר" האָט אָנגעהויבן צו באַקומען
דעם כאַראַקטער פון אַ לאָקאַלן, אָדעסער אָרגאַן. אָנשטאָט אַלגע=
מיינע יידישע פראַגן, זיינען אין אים אַרויפגעשוואומען כסדר קליינ=
לעכע, אָרטיקע אינטערעסן. דאָס בלאַט האָט גענומען חנפענען
אָדעסער גבירים און איז זיי געוואָרן אַ נכנע. ס'איז געקומען אַזוי
ווייט, אַז ביילינסאָן האָט אויפגעהערט צו דרוקן צעדערבוימס
אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענציעס פון פעטערבורג. צעדערבוים האָט
זיך געקאָכט און געבייזערט, געגאָסן אויף אים פעך און שוועבל
דורכן „המליץ", געדראָט אים, אַז ער וועט אַראָפּפאָרן קיין אָדעס
און איבערגעבן דעם „קול מבשר" אין אַנדערע, בעסערע הענט;
דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן. טאָמער איז דאָס אַלץ ניט גענוג,
האָט נאָך ביילינסאָן גענומען און מרחיק געווען ליליענבלומען פון
„קול מבשר". דאָ איז שוין פאַרפולט געוואָרן די מאָס. צעדערבוים
האָט געוואָרפן זיינע צוויי בלעטער און איז געקומען צו לויפן קיין
אָדעס. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפעט. דורך פאַרשיידענע אומ=
ריינע מאַכינאַציעס האָט ביילינאָסן מיט אַ פּאָר טעג פריהער אָפּ=
געשטעלט אויף זיין אייגענער אַחריות דעם „קול מבשר", און צע=
דערבוים האָט אים שוין ניט געקענט אָפּראַטעווען. ער האָט נאָכדעם
געפרובט אַפּעלירן אין „המליץ" צו דער עפנטלעכער מיינונג, ער
האָט געפרובט זוכן מענטשן, וואָס זאָלן איבערנעמען דעם „קול
מבשר" אויף זייער רעכנונג, ער האָט מודיע געווען, אַז עס ליגן
ביי אים אין פּאָרטפעל אינטערעסאַנטע זאַכן פון גאָטלאָבער, ליפשיץ,
אייזיק מאיר דיק, אַבראַמאָוויטש, גאָלדפאַדען, לינעצקי, דלוגאַטץ,
הערשענהאָרן און פון נאָך פיל אַנדערע באַרימטע שריפטשטעלער,
ער האָט אויפגעוויזן, אַז אייגנטלעך איז דער „קול מבשר" גאָר ניט
קיין שלעכט געשעפט, צו וועלכן מ'דאַרף צולייגן. ס'איז אָבער
אַלץ געווען אומזיסט. דער „קול מבשר" האָט שוין צוריק ניט
אָפּגעלעבט...

* * *

װען מיר רעזיומירן די פאַרדינסטן פון דעם „קול מבשר"
אין משך פון זיין באַלד ניין=יעריקער עקסיסטענץ, זעען מיר, ערשטנס.

אַז האָבנדיק בכלל אַן אומגעהויער גרויסע השפעה אויפן יידישן לעבן אין רוסלאַנד, איז הגם ער איז מייסטנס געווען באַהערשט פון רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצן, האָט ער דאָך געהאַט אַ גרויסע ערציהערישע באַדייטונג אין נאַציאָנאַלן זין. ווי דורכגעדרונגען ער איז געווען פון די השכלה־געדאַנקען, האָט ער דאָך געפריידיגט כסדר ליבע און איבערגעבנקייט צו די יידישע נאַציאָנאַלע ווערטן. און אַזוי אַרום האָבן זיינע צערשטערישע טענדענצן געווירקט אויפבויעריש.

צווייטנס, האָט דער „קול מבשר" באַשאַפן דעם נייעם יידישן לעזער, ד. ה. דעם לעזער פון דעם יידיש „וועלטליכן" ספר ביז דעם „קול מבשר" איז די איינציקע גייסטיקע שפּייז פון דעם יידישן לעזער און לעזערין געווען פון איין זייט דער „מנורת המאור" מיט דעם „נופת צופים" און פון דער אַנדער זייט „שאַפּונגען" ווי „צענטורע ווענטורע" און אַלערליי „בבא־מעשיות". דער „קול מבשר" האָט אין זיי דער ערשטער דערוועקט דעם אינטערעס צו אַ מער מאָדערנעם לייען־מאַטעריאַל.

דריטנס, האָט דער „קול מבשר" מאָדערניזירט די יידישע שפּראַך. ווי צעדערבוים האָט ווייניג געהאַלטן פון יידיש און פון איר צוקונפט, האָט ער אַליין ניט וועלנדיק מיטגעהאָלפן צו באַרייכערן די יידישע שפּראַך, ער אַליין האָט אָנגעווענדעט פיל קרעפטן צו באַשאַפן אַן איינהייטלעכע יידישע אָרטאָגראַפיע, כאָטש ניט תמיד האָט ער זיך באַמיט איר אָפּצוהיטן.

אין דער אונטערשטער שורה האָט דער „קול מבשר" געלייגט דעם פונדאַמענט צו דער נייער, מאָדערנער יידישער ליטעראַטור דורך די דורך אים אַרויסגערופענע קלענערע און גרעסערע טאַלענטן אויף די פאַרשיידענע וואָרט־קינסטלעריש־שאַפערישע געביטן.

„וואַרשויער יודישע צייטונג".

א.

דער „קול מבשר" האָט געהאַט זיין גרעסטן אָפּגאַנג אויף ד ר ו ם רוסלאַנד; אין ליטא איז ער געווען וויניקער פאַרשפּרייט, און אין פּוילן כמעט ווי גאָר ניט. ס'האָבן דערצו גורם געווען פאַרשיידענע סבות. ערשטנס, די וויטקייט פון אָרט. לויט די דאַמאָלסטדיקע באַדינגונגען, ווען דאָס באַן־וועזן איז נאָך אין רוסלאַנד געווען גאַנץ שוואַך אַנטוויקלט, האָט אַ נומער צייטונג פון אָדעס קיין ליטא און פּוילן געדאַרפט גיין אַ טאָג צען, און דערווייל זיינען פאַרעלטערט געוואָרן די נייס, און די באַהאַנדלטע פראַגן האָבן מייסטנס פאַרלאָרן זייער אַקטועלקייט. צווייטנס, די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די אינטערעסן. ביי יענער צייט האָט דאָס יידישע לעבן כמעט ווי אין יעדן קאַנט אַרויסגערוקט אַנדערע פּראָבלעמען און אַוועקגעשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג ספּעציעלע פראַגן. אַזוי האָט, למשל, דער פּוילישער בונט פון יאָר 1863 געשאַפן פאַר דעם דאָרטיקן יידנטום אַ קאָמפּלעקס פון אַזוינע אינטערעסן, וואָס דער דרום־ייד האָט פון זיי ניט געוואוסט. די שנאָה צו יידיש, אָדער, ווי עס האָט דאַן געהייסן: צום „זשאַרגאָן", האָט דאָ אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָל. אין פּוילן האָט די דאָזיקע שנאָה געטראָגן אַ סך אַ שאַרפערן כאַראַקטער ווי אַנדערש־וואו. ווער ס'האָט זיך נאָר געהאַלטן פאַר אַ שטיקל „פּאָסטעמפּאָוועץ" (פּראָגרעסיסט), כאָטש ניט עכט אַסימילאַטאָריש געשטימט, האָט געקוקט אויף יידיש מיט גרויס פאַראַכטונג, און די עקסטע אַסימילאַטאָרן האָבן כסדר געפּריידיקט, אַז דער „זשאַרגאָן מוז אויסגעראָטן ווערן, ביז ס'זאָל פון אים קיין זכר ניט בלייבן."

מיט אַ באַזונדערער פאַרביסנקייט האָט דאַמאָלסט געקעמפט אין פּוילן פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק — ד נ י א ל נ י י פ ע ל ד, דער רע־

דאָקטאָר פון פּויליש-יידישן וואָכנבלאַט „יוטשעַנקאַ” (דער פרימאָרגן), וועלכער האָט גערעדט וועגן יידיש מיט שוים אויף די ליפּן. ס'איז געווען גענוג אָנצווייזן אויף אַזעלכע ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן וועגן יידיש אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען: „יענער יידיש-דייטשישער דיאַלעקט ברייננט אונז אַלעמען צו יאוש, און מיר וואָלטן וועלן וואָס שנעלער פון אים פּטור ווערן,—ניט פלעגן אים, שאַפן פאַר זיינעטוועגן אַ באַזונדערע ליטעראַטור און פאַראייביגען אים דורך אויפהייבן אויף די מדרגה פון די שפּראַכן, וואָס האָבן אַ ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק”. *)

אין אַ צווייטן אָרט שרייבט דער דאָזיקער יידיש-פרעסער:

„אויב מיר וועלן מיט אַלע כחות ניטווירקן קעגן דער צרה, דאָ מעגן מיר זיך ריכטען, איגגיכען זאָל דערשיינען אַ גראַמאַטיק פון דעמדאָזיגען דיאַלעקט, איבער וועלכען אייניגע וויצליגער אַרבעטען שוין, ניט וויסענדיג, מיט וואָסער געפערליך געווער זיי שפּילען זיך, דען נאָך איר וועט קומען אַ ווערטערבוך, עס וועלען פאַרעפנטליכט ווערען פּאָעטישע, דראַמאַטישע און היסטאָרישע ווערק, אַלץ מכלומרשט פאַר דער בילדונג פון פאָלק, אָבער אין אמתן צוליב שמוציגער שפּעקולאַציע,—און דאַן וועלען אונזערע קריסטליכע ברידער געצוואונגען זיין צו לערנען דאָס דאָזיגע פּלאַפּלעריי, מחמת דאָס וועט זיין די שפּראַך פון עטליכע הונדערט טויזענט מענשען”.

און בעת צעדערבוים האָט מודיע געווען, אַז ער הויבט אָן אַרויסצוגעבן צום „המליץ” אַ יידישע ביילאַגע מיטן נאָמען „קול מבשר”, איז נייפעלד קעגן אים אַרויסגעטראָטן מיט אַ גרויסן ליידנשאַפטלעכן לייט-אַרטיקל, אין וועלכן ער זאָגט אונטער אַנדערן:

„מיר בעשווערן אייך, די געערטע רעדאַקטאָרען פון דעם העברעאישען „המליץ”, וואָס גייט אַרויס אין אָדעס, זיי זאָלען ניט פּראָפאַנירען זייער בלאַט, צוגעבענדיג צו אים די צוגעזאָגטע ביילאַגע „קול מבשר”.

*) די דאָזיקער ציטאַטע און די אַלע ווייטערדיקע זיינען ציטירט לויט נ. ח פּרילוצקיס אַרטיקל „וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן מיט 50 יאָר צוריק”. זע זיין ווערק: „באַרג — אַרויף” זייטל 248.

„אָ, דען די דאָזיגע שטים—דאָס איז אַ העסליכער אָפּקלאַנג פון די פאַרגאַנגענע טעג פון אומגליק. מיר האָבען געדענקט, אַז ער האָט שוין לאַנג אָפּגעהילכט אין רוים. מיר פּאַר. „כענען אים צו יענע חלומות, וואָס דריקען צו אונזער ברוסט מיט דער משא פון טויזענטער בערג. די דאָזיגע אונטערנעמונג איז אומפּרוכטבאַר ווי די אָנשטרענגונגען פון סיזיף און די דאַנאַידען; זי וועט אונז קיינמאָל ניט אַרויספירען פון דעם פאַרכשופ׳טען רינג, אין וועלכען מיר דרייען זיך שוין אַזוי לאַנג, און וועט אַרויפברענגען אַף אונז דעם פאַרדינטען פאָרוואורף, אַז מיר ווילען זיין נישט בלויז אַ פאָלק, וואָס איז סאָלידאַריש פאַרבונדען אין די מאַטעריעלע אינטערעסען, האָט זיינע אַגענטורען אַפּ׳ן גאַנצען שטח פון דער ערדקויל און פאַרשטענדיגט זיך צווישען זיך מיט דער הילף פון אַ געהיימער ליטעראַטור אין אַ לשון, וועלכער קיינער קען נישט, אַפילו אונזערע ברידער אין גלויבען, וואָס זענען דערצויגען אין אייראָפּעאישע פּרינציפּען".

און דער רעדאַקטאָר פון „יוטשענקאַ" פאַרענדיקט זיין ווענדונג צו צעדערבוימען מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„פון וועמען דערוואַרט דער „המליץ" דאַנקבאַרשאַפט פאַר די שאַפונג פון אַזאַ ליטעראַטור? נישט פון קריסטען, נישט פון יידען; די ערשטע פאַרלאַנגען, אַז אַלץ זאָל זיין אָפען, און די אַנדערע ווילען נישט, מ׳זאָל זיי חושד זיין אין געהיימע פּלענער. אַזוי דענקט מען אין קיעוו, ווילנע, וואַרשע און אַפילו אין אָדעס גופא".

ביי אַזאַ אַגיטאַציע קעגען „זשאַרגאָן", איז שוין קיין וואונדער ניט, וואָס דער „קול מבשר" האָט פאַר זיך ניט געפונען קיין באָדן אין פוילען.

ב.

עס זיינען אָבער אַוועק נאָך ניט קיין גאַנצע 4 יאָר און די פויליש-יידישע אַסימילאַטאָרן האָבן געהאַט די אומאַנגענעמע איבעראַשונג צו זען, ווי ביי זיי אין וואַרשע הויבט אָן אַרויסצוגיין אַ „זשאַרגאָניש" בלאַט אונטערן נאָמען: „וואַרשויער יודישע צייטונג".

און די דאָזיקע איבעראַשונג פון די וואַרשעווער אַסימילאַ־טאָרן האָט געדאַרפט זיין נאָך פיל גרעסער, נעמענדיק אין אַכט, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער דערמאָנטער צייטונג איז געווען אייגער פון די פלייסיגסטע מיטהעלפער פון דניאל נייפעלד אין זיין פאַר־ביטערטן קאַמף קעגן יידיש — הלל גלאַטשטערן.

בלויז איין פאַקט ווילן מיר דאָ ברענגען, וועלכער אילו־סטרירט דעם דאָזיקן גלאַטשטערנס באַציהונג צו יידיש, בעת ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון „יוטשענקאַ״ און האָט זיך געחתמעט ניט „הלל״, נאָר „הילאַרי״.

איינער אַ געוויסער ש. דאַנקעוויטש האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אין „יוטשענקאַ״ אויף דעם, וואָס קיינער נעמט זיך נישט די מי אויפצוזאַמלען די שפּריכווערטער און די אגדות, וועלכע זיי־נען צוזייט אין דער רבנישער ליטעראַטור.

„שפּריכווערטער, — שרייבט ער — ווי ס'איז איבעראַל באַוואוסט שטעלן פאָר די פילאָזאָפיע פון דער פאָלקס־מאַסע; אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ דער אורשפּרינגליכער כאַראַקטער, דער גייסט פון דעם פאָלק, ביי וועלכן זיי זענען אַנטשטאַנען; זיי זענען, אויסער דעם, די פאַראייניגונגס־קראַפט, וואָס פאַרבינדט דעם יעצטיגען דור מיט די פאַרגאַנגענע, וואָס שייך זייער ציוויליזאַציע. און דערפאַר טאַקי, איטליכס פאָלק, צי שטייט עס אויף אַ הויכער מדרגה פון בילדונג, צי אויף אַ נידריגער—פלייסט זיך צונויפצוזאַמלען די רעשטען פון זיין פאַרגאַנגענהייט און פלעגט זיי זאָרגליך״.

אין אַן אָנמערקונג אונטערן טעקסט, אויסגעזעצט מיט פּעטיט, איז דער שרייבער מוסיף:

„ביי דער געלעגענהייט זאָל מיר דערלויבט זיין אַרויסצוזאָ־גען דעם וואונש, אַז אונזערע גלויבענס־ברידער זאָלען זיך נעמען זאַמלען פון מויל פון דער יידישער פאָלקסמאַסע די שפּריכווערטער, זאַגען און זאָגאַר די באַזונדערע ווענדונגען פון יידישען זשאַרגאָן. דורך דעם וואָלט נישט איין זאַך, וואָס איז נאָך פאַרדעקט מיט׳ן דיקען נעפּעל פון אומקענטעניש און השערות, זיך געלאָזט אויפ־דעקען און באַלייכטען״.

די דאָזיקע אומשולדיקע געדאַנקען האָבן אַריינגעבראַכט

הילאַרי גלאַשטערנען אין גרויס צאָרן און ער איז אין „יוטשענקאָ-אָנגעפאַלן אויף דעם פּאַרזינדיקטן ש. ד אַ נ ק ע װ י ט ש װי אַ „צע-רייצטער לעמפּערט".

נאָכדעם װי ער װיל אויפװייזן, אַז די שפּריכװערטער און אגדות פון תלמוד און פון דער רבנישער ליטעראַטור האָבן, אפשר, יאָ עפּעס אַ שטיקל באַדייטונג, זאָגט ער; „אָבער פאַר אונז, ד. ה. פאַר די אַסימילאַטאָרן, האָט דער דאָזיקער געגנשטאַנד, פון געזעלשאַפט-לעכן שטאַנדפּונקט, קיין שום װערט נישט".

װייטער האָט גלאַטשטערן אַ טענה צום שרייבער, אַז ער האָט „אָהן אַ שום גרונד אָנגערופן די יידן אַלס עפּעס אַ פאָלק", און אַזוי אַרום איז ער געװען „ניט איבערגעלעגט" אין אַ „קאַרדי-נאַלן געזעלשאַפטליכן פּרינציפּ, װאָס איז איבעראַל אָנערקענט", דהיינו—מכּח דער הייליקער טעאָריע, „לויט װעלכער די יידען, נאָך דעם, װי זיי האָבן אָנגעװאוירן זייער אַמאָליגע פּאָליטישע עקסיס-טענץ און דערמיט גופא אויך זייער נאַציאָנאַלישקייט, בילדען אי-בעראַל אין אייראָפּאַ נאָר אַ רעליגיעזישען בונד".

און הילאַרי גלאַטשטערן בייזערט זיך:

„דער געערטער מחבר, אויס איבערטריבענער ליבע צו אָר-טאָדאָקסיע, דריקט אויס צום סוף דעם װאונש, עס זאָלען געקליבען װערען זאַגאַר פון מויל פון יידישען המון שפּריכװערטער און בע-זונדערע װענדונגען פון יידישען זשאַרגאָן, װאָס װערען נאָך ביז אַף היינטיגען טאָג געברויכט. װאָס פאַר אַ משונה'דיגער געדאַנק, װאָס פאַר אַ מאָדנע מין פּראָפּאַגאַנדע, װאָס מיהט זיך צו פאַרברייי-טערען די פלאַנצונגען פון יידישען זשאַרגאָן".

מיט זיין גאַנצן פּרצוף אַנטפּלעקט זיך הילאַרי פאַר אונז אין דעם פאָלגנדן אויסלאָז פון זיין אַרטיקל:

„אין דער מינוט, װען, צו אונזער פרייד, אום צו צושטרייען די ניט-אַנטװיקעלטע בעגריפען פון דער מאַסע, רופען זיך אָפּ פון אַלע זייטע שטימען, מ'זאָל אויסראָטען דעם זשאַרגאָן, און אים פאַרבייטען אַף די לאַנדסשפּראַך—אין דער מינוט באַגערט דער מחבר, װי אַף צו להכעיס, די אַנטװיקלונג פון זיין ליטעראַטור, און דערמיט גופא שטרעבט ער מיט דער גאַנצער בעװאוסטזיניקייט

אַראָפּצופירען אונז אַף דעם קרומען וועג, פון וועלכען מיר הייבען שוין אָן, נאָך אַזוי פיעל בעמיהונגען, ביסלעכווייז אַראָפּצוגיין. איך פרעג: צי איז אימשטאַנד דער נוצען, וואָס די אַרכעאָלאָגיע וועט "געווינען פון די עטליכע צענדליג שפּריכווערטער, אונז בעפריעדי-גען פאַר אַזאַ גרויסען געזעלשאַפטליכען שאָדען?"

און דער דאָזיקער הילאַרי, דער שטערבליכער שונא פון „זשאַרגאָן", האָט שוין אין קנאַפּע 4 יאָ אַרום געהייסן הלל און איז געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידיש בלאַט!

וואָס די צייט קען מאַכן!

ג.

דער ערשטער נומער פון דער „וואַרשויער יודישער צייטונג" איז אַרויס דעם 8-טן פעברואַר (נ. סט.) 1867 אין פאָרמאַט פון 8^{0} מיט נקודות. דאָס בלאַט הויבט זיך אָנמיט דער פאָלגנדער דער-קלערונג פון רעדאַקטאָר:

„אַן אונזערע געשעצטע לעזער!

„געלויבט זייא הש"י, אונזער גרעסטער אונד אייניגסטער וואונש האָט זיך ענדליך ערפילט, אונד צום ערשטען מאָהל ערשיינט היינט פאַר אייך אונזערע וואַרשויער יודישע צייטונג.

„דער צוועק פון דיזער צייטונג איזט, וויא וויר שוין אין דער מודעה געזאגט האבען, אונזערע ברידער אין דיזעם לאַנד, וואָס פערשטעהען נאָך נישט אַנדרע לשונות, אונד לעזען דאַדורך נישט אַנדרע צייטונגען, בעקאַנט צו מאַכען מיט אַללעם, וואָס עס גור קומט פאַר אים מענשליכען לעבען, אונד צווישען זיי וועלטליכע אונד נאָטהווענדיגע ידיעות צו פערברייטען. דאָס צייטונגען זענען דער פאָנדאַמענט פון אַלע דיזע ידיעות, אונד האָבען זאָ איינען גרויסען ווערטה וויא אַייזענבאַהנען, טעלעגראַפען, אונד אַנדערע בערימטע ערפינדונגען, וואָס האָבען די וועלט גליקליך געמאַכט—פערשטעהט יעדער מענש זעהר גוט. עס בלייבט אַלזאָ אונס נישט מעהר איבריג אונזערע לעזער צו פערזיכערען, דאָס וויר ווערדען זיך שטאַרק בעמיהען פון אַלעם אין דיזער צייטונג צו שרייבען, וואָס עס קאָן

פיר דען לעזער גיטצליך אונד אַנגענעהם זיין. וויר ווערדען נור שפּרעכען פון זאַכען וואָס זענען נוגע (לטובת היהודים). *) דאַבייא ווערדען וויר אויסמיידען יעדע פּערזענליכע בעליידיגונג. (חלילה לנו, כי לא באנו לחרחר ריב בישראל)".

„וויר האָפען, דאָס יעדער יוד, וועלכעס נור יודישע זאַכען אין הערצען ליגט, ווירד אונס אין אַלעם אונטערשטיטצען וואָס עס קאָן נור בייא טראַגען צום ערהאַלטען דיזער צייטונג".

פון דער דאָזיקער דייטשמערישער דערקלערונג זעען מיר, אַז דער ערשט דאָ ניט לאַנג נאָך עקסטער אַסימילאַטאָר און טויט-פיינד פון דעם „זשאַרגאָן", געפינט שוין, אַז יידיש איז אַ נוצלעכע זאַך, אָבער נאָר פאַר די, וואָס פאַרשטייען ניט קיין אַנ-דערע שפּראַכן. דאָס איז, אייגנטלעך, דער צעדערבוים-ישער שטאַנד-פונקט, אַז יידיש דאַרף דינען נאָר אַלס מיטל צו באַגראָבן יידיש. דער רעדאַקטאָר פון דער „וואַרשויער יודישער צייטונג" פאַרלויפט אָבער פאָראויס און איז מודיע, אַז זיין בלאַט וועט ברייננען הויפּט-זעכלעך בלויז ידיעות, אינפאָרמאַציעס, אָבער קיין שום אויפקלע-רערישע אַרטיקלען, וועלכע זיינען עלול אויפצורייצן די פאַרשיי-דענע פּאַרטייען. גלאַטשטערן וועט גיט גיין אין צעדערבוימס דרכים און וועט קיין האַרבע ווערטער מיט דעם עולם ניט ריידן, ווייל „מיר קומען, חלילה ניט, אָנמאַכן קריג ביי יידן".

בכלל איז דער רעדאַקטאָר פון דער „וואַרשויער יידישער צייטונג" אַ מענש מיט פּשרות, וועלכער זוכט אין אַלץ דעם מיטל-וועג, און דאָס, אייגנטלעך, איז זיין פּראָגראַם, וואָס זעט זיך באַ-זונדערס בולט אין די „אַנטוואָרטען" פון דער רעדאַקציע. אַזוי גע-פינען מיר, למשל, אין צווייטן נומער אַ תשובה צו איינעם ר׳ ל ע מ ע ל ב י ט... בייא לובלין:

א) „זיי האָבען איינע גאַנץ פּאַלשע מיינונג איבער איינען צייי-טונגס-שרייבער, אונד טראַקטירען אונס מיט זאָלכע אידעען, דיא פיר אונזערעס בלאַט נישט געאייגנעט זינד. דיא וואהרהייט צו בעשטעהען מוז יעדער צייטונגס-שרייבער נור איבער וועלטליכעס

*) לויטן אַלטן מנהג קומען די העברעאישע ווערטער אין קלאַמערן.

צו שרייבען אונד בעאורטהיילען, ניא אָבער דאַרף ער זיך מישען אין רעליגיאָנס=זאַכען״

ב) הערר שטייג... אין וואַרשוי: וויר קענען קיינע סעק=טען אים יודענטום, וויר שרייבען פיר יעדען, דער נור בכלל יוד איזט. פערנערהין גדענקען זיא אן אונזערע וואָרטע: „כי לא באנו לחרחר ריב בישראל״.

אין דער „וואַרשויער יודישער צייטונג״ זיינען אַריין די פאָלגנדע אָפּטיילונגען: פּאָליטיק, יודישע נייאיגקייטען (חדשות), לידער, אַנעגדאָטען, רעטהצעל, ערצעהלונגען, טעלעגראַ=פישע נאַכריכטען, און שפּעטער אויך וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען. אָנהויבן פלעגט זיך כמעט יעדער נומער מיט „פעראָרדענונגען פון דער רעגיערונג״, און פאַרענדיגען פלעגט ער זיך מיט אָנווייזונגען בנוגע דעם שבת פון דער וואָך, ווי למשל: „שבת לייענט מען פרשת ויקהל אַליין; אויך איזט פרשת שקלים״; אָדער: שבת פ׳ פקודי איזט הפסקה, דאָס הייסט, מען זאָגט ניט קיין יוצרות פון ארבע פרשיות״; אָדער: דער „יוצר פון פורים איז דער שווערסטע צו פערשטעהען אַלס אַללע יוצרות פון דען גאַנצען יאָהר, אויך אַלס די ערשטע טעג פסח״. דער אָנפירער מיט דער דאַזיקער רובריק, וועלכע האָט ביי אים געהייסן „פערשידענעס״, איז געווען איינער אַ געוויסער אהרן טענענבוים, וועלכער איז גע=שטאַנען טריי אויף דער וואַך פון די בית=המדרש=אינטערעסן, און האָט דורכגעפירט זיין אַרבעט כסדר וואָך פאַר וואָך.

קיין אַרטיקלען וועגן אַקטועלע צייט=פראַגן פון יידישן לעבן האָט „די וואַרשויער יידישע צייטונג״ כמעט ווי גאָר ניט געבראַכט. אין דעם ערשטן נומער איז געדרוקט אַן אַרטיקל מיט אַ העברע=אישן נאָמען „הלידה והמות״ (געבורט אונד טאָד), פון וועלכן דער מוסר=השכל איז, אַז אַזוי ווי דער מענש קומט אויף דער וועלט אַזוי גייט ער פון דער וועלט: נאַקעט און בלויז. דער גאַנצער אַרטיקל בכלל איז׳ אַן עכט בטלנישע שטיקל אַרבעט, דערפאַר האָט זיך אָבער פון די ערציילונגען, פון די באַזונדערע קלענערע נאָטיצן גאַנץ בולט אַרויסגעוויזן דאָס השכלה=פראָגראַם פון די דאַמאַלסטדיקע פראָגרעסיסטן. ס׳איז אין זיי אונ=

טערגעשטריכן געוואָרן די גרויסע באַדייטונג פון מלאכה און באַזונדערס פון ערד־אַרבעט; דאָס לעבן פון פויער איז אָפּגעשילדערט געוואָרן מיט די שענסטע פאַרבן. אין אַ ליד אונטערן נאָמען „די פריידע דעס יודישען אַקערמאַנס“, שרייט דער לעצטער אויס

„גור מיין פּראָפּעסיע איז גיט
איך לעב מיר בייא איהר מיט
זאָרגען זאָרג איך ניט,
איך וויס קיין קוממער, קיין לייד“.

מיט דערזעלביקער התלהבות האָט די צייטונג אין די דער־מאָנטע נאָטיצן אַגיטירט אויך פאַר דעם צווייטן יסוד פון דעם דאַמאָלסטדיקן השכלה־פּראָגראַם — פאַר בילדונג. „גענוג צו שלאָפן, עפנט אויף די לאָדן“!—דער דאָזיקער רוף האָט הילכיק אָפּגעקלונגען אויף די שפּאַלטן פון דער „וואַרשויער יודישער צייטונג“. ס׳איז דערביי צו באַמערקן, אַז דאָס גאַנצע בילדונגס־פּראָגראַם פון דער צייטונג, האָט זיך אויסגעשעפּט אין דער פאָלגנדער טריאַדע: „דקדוק, פּסוק און שפּראַכען“.

אַזוי ווי אין דער רעדאַקציע פון „קול מבשר“, פלעגן אויך אין דער רעדאַקציע פון דער „וואַרשויער יודישער צייטונג“ אָפּט אָנקומען בריוו פון די לעזער מיט פאַרשיידענע פאָרשלאָגן און וואונטשן; אייניקע פון די דאָזיקע בריוו, וועלכע מיר געפינען אין נומער 22 פון דער צייטונג, זיינען זייער אינטערעסאַנט הן לויט דער פאָרם והן לויט דעם אינהאַלט, און זיי פאַרדינען דעריבער, אַז מיר זאָלן זיך אויף זיי אָפּשטעלן אַביסל אויספירלעכער.

אין אַ בריוו, וועלכער איז געשריבן אין אַן איינפאַכן פּשוטן יידיש, דריקט אויס אַן אַלטוועלטיגער טאָמאַשאָווער בעל־הבית זיין גרויס וואונדער איבער דעם, וואָס די צייטונג קימערט זיך גאָר ניט וועגן דעם יידישן פרומען שטאַט און איז ניט מעורר, אַז די פרויען זאָלן זיך וואָס ווייניקער אָפּגעבן מיט זייערע טואַלעטן און אַז די יונגע לייט זאָלן וואָס מער קלערן וועגן דאַוונען. באַלד נאָך דעם קומט אַ לעזער פון וולאָצלאַוועק אין אַ דייטשמערישן בריוו און האָט טענות צו דער צייטונג, פאַרוואָס זי קעמפט ניט קעגן די אַלטפרענקישע בגדים. אַן אַנדער קאָרעספּאָנדענט, אַ וואַרשעווער,

גיט אַ עצה דעם רעדאַקטאָר, אַז ער זאָל אַגיטירן פאַר פאַרברייטערן פאַבריקאַציע און אינדוסטריע צווישן יידן, און דאַמאָלסט וואָלטן יידישע אַרבעטער געקענט געפינען באַשעפטיגונג אויף די יידישע פאַבריקן און זאַוואָדן.

ד.

אינטערעסאַנט איז אויך די מיינונגס־פאַרשיידנקייט פון די לעזער פון דער „וואַרשויער יודישער צייטונג" בנוגע דער יידישער שפּראַך. דער רעדאַקטאָר אַליין, וועלכער האַלט, אַז יידיש איז נאָר אַ מיטל צו אַ צוועק, האָט זיך וועגן דער שפּראַך גאָר ניט געקימערט. אין קעגנזאַץ צו צעדערבוימען, וואָס ניט זייענדיק אַפילו קיין גרויסער אָנהייגער פון יידיש, האָט ער זיך דאָך תמיד באַמיט ניט צו דערלאָזן קיין הפקרות בנוגע דער אויסלעגונג און האָט פיל געאַרבעט פאַר דער שאַפונג פון אַן איינהייטלעכער יידישער אָרטאָגראַפיע און פאַר דער פאַרפיינערונג פון לשון בכלל, — האָט גלאַטשטערן ניט געפונען פאַר נויטיק אָפּצוגעבן זיך מיט אַזעלכע זאַכן. אין זיינע „אַנטוואָרטען" צו די שרייבער געפינען מיר אַזאַ מין דערקלערונג: „עס האַנדעלט זיך ניט וועגען דער שפּראַכע, דיא הויפּטזאַכע איזט דער געדאַנקע". אין אַ צווייטן אָרט לייענען מיר אַזאַ געדאַנק: „אין אונזער יודיש לשון ציהרט נישט די שפּראַכע, נאָר דער אינהאַלט. מען מיינט ניט דאָס פאַס, נאָר דאָס ביער".

נאָך אַזאַ מיינונג וועגן יידיש איז שוין קיין וואונדער ניט, ווען דער רעדאַקטאָר פון דער „וואַרשויער יודישער צייטונג" האָט יעדערן געלאָזט שרייבן ווי זיין האַרץ געלוסט. ער אַליין האָט געשריבן דורכאויס אַ דייטשמערישן לשון. מיר ברענגען דאָ אַלס ביישפּיל אַ שטיקל פון גלאַטשטערנס פּאָליטישע איבערזיכט:

„דיא נאַכריכט איבער דאָס טרויעריגע שיקזאַל דעס קייזערס מאַקסימיליאַן בעשטעטיגט זיך; אַללע אייראָפּעאישע צייטונגען דריקען איהר ענטריסטונגס־געפיהל אויס פיר דאָס ערשיעסען דעס קייזערס מאַקסימיליאַן. אַממייסטען זינד דיא עסטרייכישען צייטונגען אויפגעבראַכט, דענן זיא האַבען שאָן זייט 3 יאַהרען דען מעקסיקאַנישען פעלדצוג פערדאַמט".

איינער, אַן „ערציילער״, שרייבט אין דער „וואַרשויער יודישער צייטונג״ אזאַ מין לשון: „געסטערען אַבענדס פּאַסירטע איך די פראַנציסקאַנער שטראַססע אין מיינען געדאַנקען פערטיעפט. דאַ ערשטוינטע איך פּלעטצליך איבער איינע זיססע אַנגענעהמע שטיממע, די הינטער מיך ערשאַללל״.

ס׳איז צו באַמערקן, אַז דער באַוואוסטער אייזיק מאיר דיק, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער „וואַרשויער יודישער צייטונג״ עטלעכע פון זיינע ערציילונגען, ווי: ״דער שדכן״, „ר׳ טרייטעל דער קליינשטעדטישער נגיד״, „ר׳ טרייטעל ציפּע יענטעס״ און אַנדערע, האָט אויך מיטגעהאָלפן צו פאַרדייטשמערישן דעם לשון פון דאָזיקן בלאַט.

צווישן די לעזער פון דער „וואַרשויער יודישער צייטונג״ האָט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, געהערשט גרויסע חלוקי־דעות בנוגע דער שפראַך־פראַגע. אַזוי, למשל, שרייבט אין אַ בריוו צו דער רעדאַקציע איינער אַ לעזער פון סאָכאַטשאָוו: „איהרע צייטונג איזט איין גאַנץ גוטע זאַך; וואָס מעהר איך לעז, דאָס מעהר פאַרשטייא איך, דאָס דיא צייטונג איזט איינע זעהר נוצליכע זאַך. נור איך קען ניט פערשטיין פאַר וואָס שרייבט איהר נישט פּראָסט יודיש כדבר איש אל רעהו? וואָס טויג מיר דאָס טיף דייטש? איך פערשטייא עס איין ביסל, דיא רעשט גיב איך מיר איין עצה, נור מיין ווייב זאָלל לעבען איז אָבער אויך צעקאַווע צו וויססען, וואָס אין דער גאַזעטע געפינדעט זיך, אונד זי פרעגט מיך אַלץ אַזויגס וואָס איך פאַרשטייא נישט״.

און אין דעמזעלבן נומער שרייבט אַ צווייטער לעזער פון וואַרשא פונקט דעם היפּך; „מיט דער טענדענץ דער צייטונג בין איך גאַנץ אַיינפערשטאַנדען, נור דאַס איינע האַבע איהנען נאָך צו בעמערקען, דאָס זיא גיטיגסט דיא רייגהייט דער שפּראַכע מעהר בעריקזיכטיגען מעכטען, אונד דאַס אַרטיקלען אין איינעם לייכטען אונד שיינען דייטש געפיהרט ווערדען מאָכטען. איינעם יודען קאָן עס דאָך ניכט זאָ שווער זיין די דייטשע שפּראַכע צו פערשטעהען״!

די דאָזיקעביידע לעזער האָבן באַקומען פון דער רעדאַקציע די פאָלגנדע תשובה:

„וואָס די שפּראַכע אָנבעלאַנגט געבען וויר אונס אַללע מיהע יעדעם זאָגאַר דענען, דיא אים איהרעם לעבען נאָך קיין אַנדערע צייטונג געלעזען האַבען, פערשטענדליך צו מאַכען. וויר שרייבען ניכט צו פיעל דייטש אונד ניכט צו זעהר יודיש“.

דאָס הייסט: גענומען דעם מיטלוועג.

מיר געפינען אָבער אין דער „וואַרשויער יודישער צייטונג“ אויך אייניקע שריפטשטעלער יוצאים מן הכלל, וואָס האָבן געשריבן אַ לעבעדיקן, פאָלקסטימלעכן יידיש, ווי הערץ ניימאַנאָוויטש פון לובלין*) און נאָך אַ פּאָר, וועלכע האָבן זיך פאַרבאָרגן אונטער פּסעוודאָנימען. באַזונדערס באַחנ׳ט און זאַפטיק איז די שפּראַך פון ד״ר עטינגערס פאַבעלן און פּאָעמען ווי „וויטעלע“, „טע-מערל און דער האָהן“, וועלכע דאַרפן נאָך עד היום גערעכנט ווערן אַלס מייסטער-שטיק אויף זייער געביט.

ה.

האַנדלדיק, אין פלוג, אַ סך בעלי-עצות, האָט אָבער די צייטונג געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע צאָל אַבאָנענטן. דער אַרויסגעבער האָט אָנ-געווענדט פאַרשיידענע מיטלען צו פאַרגרעסערן דעם טיראַזש פון בלאַט; ער האָט אָרגאַניזירט אַן אייניצל-פאַרקויף,**) — זייבע געשעפטן האָבן זיך אָבער ניט פאַרבעסערט. דער רעדאַקטאָר האָט זיך גע-ווענדעט מיט אַ בקשה וועגן שטיצע צו דער פּעטערבורגער יידישער ביל-דונגס-געזעלשאַפט, וועלכע האָט אָבער מדחה געווען זיין בקשה מיט דעם תירוץ, אַז זיין צייטונג האָט נור אַן אָרטיקע באַדייטונג. פונ-דעסטוועגן האָט ער זיך נאָך געפּרובט אַרויסגעבן דאָס בלאַט אויך דעם קומענדיקן 1868-טן יאָר. אָבער שוין אין פערטן נומער פון צווייטן יאָר, וועלכער איז אַרויס דעם 23-טן יאַנואַר (נ. סט.), האָט

---

*) דאָס איז געווען דער שפּעטערדיקער מיטאַרבעטער פון סאָקאָלאָווס „הצפירה“, וואו זיינע שטענדיקע פרייטאָגדיקע פעליעטאָנען מיט דעם נאָמען „בראש הימיות“, אונטער דעם פּסעוודאָנים „הנץ“ האָבן געהאַט גרויס ערפאָלג.

**) אין דעם נומער 10, זייטל 117, איז דאָ אַ הודעה, אַז די רעדאַקציע זוכט פאַר גוטע באַלוינונג עטלעכע ערלעכע יינגלעך אויף פונאַנדערצושיקן זיי איטלעכן פרייטאָג איבערן שטאָט פאַרקויפן די נומערן צייטונג.

די רעדאַקציע פּאַרעפּנטלעכט די פאָלגנדע מעלדונג:

„זייט איינע רייהע פאָן יאַהרען דעם יודענטום טרייא ער־געבען, אונד בעזעעלט פאָן דעם דרינגענדעם בעדירפניססע, אונזערע רעליגיאָנס־ברידער דער נידריגערן שיכטען אין דיזעם לאַנדע, דיא קיינע אַנדערע שפּראַכע, אַלס דען יודישען זארגאָן פערשטעהען, אויף צו קלעהרען; דען בייא איהנען נאָך הערשענדען פאַנאַטיזמוס אונד אָבסקוראַנטיזמוס אייניגערמאַססען אַב צו שוועכען, אונד זיא צור בילדונג אויף צו מונטערען, האָבען וויר שוין מעהר אַלס פּאַר איינעם יאַהרע אונטערנאָממען דיזע צייטשריפט הערויסצוגעבען, אין דער האָפפנונג, דאָס זיא מיטטען איינער יודישען בעפעלקע־רונג, די אונגעפעהר 700.000 זעעלען צעהלט, אונד דיא דען זאר־גאָן אַלס איהרע מוטטערשפּראַכע בעטראַכטעט, שוין פערהעלטניס־מעססיג איינע אַנגעמעססענע אַנצאַהל פּרענומעראַטאָרען פינדען ווירד; צומאַל דאַס דיא פּרענומעראַציאָן קוים 75 קאָפּייעק פּירטעל־יעהר־ליך בעטריפט—איין פּרייז, דער דאָך זאָ גרינג וויא מעגליך איזט".

„וויר וואָללען אונז דאַ ניכט פּאַנעגירייש אויסדריקקען, אָבער וויר מיססען דאָך איטצט עפּענטליך באַהויפּטען, דאָס איין יעדער אונבעפאַנגענער פאַכמאַן און זאַכקענגער, דער דיא צייטונג רעגעלמעססיג געלעזען, אונד איהרע אַללמעהליקע ענטוויקעלונג פאָן אָנפאַנג אַן ביז יעטצט בעאָבאַכטעט האַט, אונס געשטעהען ווירד, דאָס דיא בעפערדערונג דעס פּאָרשריטעס איהר הויפּט־צוועק וואַר, אונד דאָס זיא שוין פּיעלעס אין דיזער בעציהונג לייסטען קאָנטע, ווען זיא גאָך אַללגעמיין אונטערשטיצט ווערע.

„נון אָבער איזט עס אַנדערס געשעהען: יעמעהר דיא צייטונג זיך ענטוויקעלטע אונד אינטערעססאַנטער וואורדע, דעסטא מעהר שטיעג דיא צאַהל דער פּרענומעראַטאָרען היגאַב. דאָ דער גרע־סטער טהייל אונזערער רעליגיאָנס־ברידער דיא וויכטיגקייט אונד דען נוטצען דיזער צייטשריפט ניכט פּערשטאַנד אָדער פערשטעהען וואָללטע, אינדעם זיא ליידער נאָך זאָ וויים צוריק זינד, דאָס זיע אים אַללגעמיינען נאָך דאַס בעדירפניסס איינע צייטשריפט צו לע־זען וועדער פיהלען, נאָך זין דאַפיר האַבען, אונד ענדליך אַללעס וואָס עס זיך מיט איהרער אַלטען דענקונגסאַרט ניכט פּערטרעגט,

מיט דעם אויסדרוק „אפּיקורסות" בראַנדמאַרקען; קיין וואונדער אַלזאָ דאַס וויר וועהרענד דער גאַנצען צייט דיזער אויסגאַבע פּיעלעס צו ערטראַגען האַטטען, אונד בייא קוים וויא יעצט 180 פּרענומעראַטאָרען (אין וואַרשע 150, אויף דער פּראָווינץ 30), וואו די איינגאַהמע זאָגאַר דיא דרוקקאָסטען ניכט דעקען, אונס אוגגעאַכטעט אַללער אונזערער אַנשטרענגונגען אונמעגליך געוואָרדען איזט, די ווייטערע אויסגאַבע פאָרט צו זעטצען.

„נון, ערשעפּפט אין דיזער אונדאַנקבאַרען אונטערנעהמונג, ענטשלאָססען וויר אונז דיזע צייטשריפט איינסטוויילען אַיינצושטעללען".

העכסט כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער רעדאַקטאָר פון דער „וואַרשויער יודישער צייטונג" באַשולדיקט אויסשליסלעך דעם פרומען קלאַס, די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן ניט געשטיצט זיין בלאַט, און אין דעמזעלביקן לעצטן נומער ברענגט ער אַ סאַטירע אונטערן נאָמען „איין גרויסע אסיפה", אין וועלכער עס ווערט געשילדערט ווי די קעגנער פון בלאַט האָבן זיך צונויפגעקליבן און „דער פרומער ר׳ מיכעלע" טריומפירט: „געלויבט איז גאָטט, מיר זענען פון גאַזעטניק פטור געוואָרן", און דערמאָנט ניט אַפילו מיט קיין איין קרומען וואָרט די אַסימיליאַטאָרען, וועלכע האָבן זיך געוויס ניט ווייניקער געפרייט אויף דער מפּלה פונ׳ם פאַרהאַסטן „זשאַרגאָן", פאָרט נאָך ניט לאַנגע נאָהענטע חברים...

„קול לָעָם.״

א.

אין יאָר 1876 איז אַרויסגעשװאומען אין דער יידישער עפענטלעכקייט אַ געוויסער מיכאל לוי ראָדקינזאָן. דאָס איז געװען אַ רוסישער ייד, אַ געבוירענער אין דובראָװנע, מאָהילעװער גובערניע, אַן אייניקל פון סטאַראָסעליער רבין און אויסגעקנאָטן דורכאויס פון דעם גרעסטן חסידישן יחוס. פרי חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ רייכן ישובניק, האָט ער זיך גענומען צו מסחר, אין װעלכן ער האָט באַלד באַגראָבן זיין נדן מיט אַ היבש ביסל פרעמדע אָנגעליהענע געלט. דאַן איז ער געװאָרן אַ מחבר; ער האָט פאַרעפנטלעכט שלעכט־באַארבעטע לעגענדעס װעגן בעל־שם, די ביאָגראַפיעס פון די ערשטע פאָרשטייער פון חב״ד׳ישן חסידיזם, און נאָך פון אַ פּאָר אַנדערע ניט קיין װיכטיקע ספרים, מיט װעלכע ער איז ארומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און האָט זיך דערפון מפרנס געװען. מיט דער צייט האָט אים אָבער די דאָזיקע פרנסה דערעסן, און ער האָט זיך אַװעקגעלאָזן זוכן גליק אין פּעטערבורג. דאָ האָט ער באַלד אַראָפּגעװאָרפן פון זיך די לאַנגע חסידישע בגדים און האָט זיך אָנגעטאָן אין קורצן, האָט זיך אונטערגעשאָרן די בערדל און פאַרקירצט די פאות און אָנגעהויבן צורייבן זיך צװישן דעם נידריקן סאָרט מעקלערס, װאָס שמייען אַרום דער בערזע. אינגיכן האָט ער אין זיין נייער פּראָפעסיע אַרויסגעװיזן גרויסע פעהיגקייטן; מיט היילע פינגער האָט ער זיך צוזאַמענגעשאַרט אַ היבשן קאַפּיטאַל. ער איז דאַן געװאָרן אַ מלוה און האָט פאַרליהען לייטן געלט אויף גרויסע פּראָצענטן. זייענדיק פון דער נאַטור ניט קיין ראַיעלער מענש און אַ שטיקל שװינדלער, האָט ער עפּעס אָנגעטאָן ניט קיין שיינע מעשה מיט װעקסלען, צוליב װאָס מ׳האָט

אים געהאַלטןביים אַרעסטירן. ער האָט זיך אָבער וועגן דעם באַ=
צייטנס דערוואוסט און האָט עוקר געווען פון פּעטערבורג. פון דאַ=
מאָלסט אָן איז ער אַריין ווי אין וואַסער, און מ'האָט פון אים גאָר=
נישט געהערט, ווייל ער האָט זיך משנה השם געווען, האָט זיך גע=
לאָזן רופן „ראַדקינזאָן", בעת זיין אמתע פאַמיליע, אונטער
וועלכער מ'האָט אים געקענט, איז גאָר געווען „פרומקין". *)

און דער דאָזיקער ראַדקינזאָן האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגע=
פונען אין קעניגסבערג, וואו ער האָט אין יאָר 1876 אָנגעהויבן
אַרויסצוגעבן אַ העברעאיש וואָכנבלאַט אונטערן נאָמען „הקול",
האָבנדיק אין זינען ספּעציעל די רוסישע יידן. ס'איז דעמאָלט געווען
גראָד אַזאַ מאָמענט, ווען דער פּראָגרעסיווער העברעאישער לעזער איז
געבליבן אָן אַן אָרגאַן, ווייל צעדערבוימס „המליץ" איז דאַן עט=
לעכע יאָר נאָך דער ריי ניט אַרויס. אַגב האָט דאַן געהאַלטן אין
סאַמע ברען פון דער רוסיש=טערקישער מלחמה, און יידן האָבן גע=
לעכצט נאָך נייס פון קריג=פּלאַץ. דאָס האָט ראַדקינזאָן געהאַט פאַר
די אויגן, בעת ער איז געקומען אַרויסגעבן דעם „קול". ניט באַ=
זיצנדיק אַפילו קיין איין פונק פון זשורנאַליסטישער פעהיגקייט
און ניט קענענדיק זאָגאַר געהעריג די העברעאישע שפּראַך, האָט
זיך אים דאָך איינגעגעבן דורך זיין ענערגיע און דורך זיין שטאַרק
אַנטוויקלטן געשעפטלעכן חוש צו דערווערבן פאַרן „קול" אין משך
פון אַ קורצער צייט בערך אַ היבשן קאָנטינגענט לעזער, באַזונדערס
אין רוסלאַנד געוויינלעך. מ'האָט געזען בעשיינפּערלעך ווי דער
מענש איז גאַנץ ווייניק געבילדעט, ווי אים פעלט אויס יעדער מאָ=
ראַלישער יסוד, ווי ער איז פּרינציפּען=לויז, ווי ער פליט אום פון איין
לאַגער צום אַנדערן, פון איין אידעען=שטרעמונג צו דער אַנדערער,
און פונדעסטוועגן האָט אים דאָס ניט געשטערט ניט בלויז צו דער צאָל
פון די אַבאָנענטן, נאָר אויך צו גרופּירן אַרום זיין בלאַט די בעסטע
און חשובסטע העברעאישע שריפטשטעלער פון יענער צייט, ווי:
ליליענבלום, יהל"ל, ד"ר קאַמינער און שפּעטער אויך

*) זיינער אַ לייבלעכער ברודער איז געווען ישראל דוב פרומקין,
דער אַרויסגעבער פון העברעאישן וואָכנבלאַט „חבדלת" אין ירושלים.

ווינטשעווסקי (דער דאַמאָלסטדיקער בן־נץ), אליהו וואָלף ראַבינאָוויץ (או״ר) און אַנדערע. די סבה דערפון איז געווען דוקא דאָס, וואָס ראַדקינזאָן האָט מער געזאָרגט פאַרן געשעפט, ווי פאַר דער ריכטונג, און האָט יעדערן געלאָזן ריידן פראַנק און פריי וואָס ער האָט געוואָלט. מיט דער דאָזיקער „טאָלעראַנץ״ פון ראַדקינזאָנען האָבן זיך באַנוצט אויך אייניקע פון די ערשטע אַגיטאַטאָרן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

און דער דאָזיקער ראַדקינזאָן האָט אין איין צייט מיט דעם העבראַיִשן „הקול״ אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אויך אַ וואָכנבלאַט אין יידיש אונטערן נאָמען „קול לעם״ (אַ שטים צום פאָלק).

ב.

מעשה סוחר האָט ראַדקינזאָן צוערשט פונאַנדערגעשיקט אין דער וועלט אַ „פּראָבע־נומער״ פון „קול לעם״. דער דאָזיקער נומער וועלכער איז אַרויס דעם 6־טן יוני 1876, הויבט זיך אָן מיט אַן „אַנשפּרוך פון דער רעדאַקציאָן״, וואָס זאָל אייגנטלעך דינען אַלס פּראָגראַם־אַרטיקל. אין דער שפּיץ פון דעם דערמאָנטן אַרטיקל, וועלכער איז געשריבן אין אַ צעקאַליעטשעטן דייטשמערישן יידיש, געפינט זיך אַלס מאָטאָ דער פאָלגנדער פּסוק פון תהלים מיט דער דייטשישער איבערזעצונג ביי דער זייט: „שמע אלהים קולי בשיחי מפחד אויב תצור חיי״. (ד. ה. הער זיך איין, גאָט, מיין שטים אין מיין קלאָג, היט אָפּ מיין לעבן פון דעם פיינדס שרעקן). דורכלייענדיק אָבער דעם גאַנצן אַרטיקל, זעט זיך ניט אַרויס, אַז ער זאָל האָבן אַ וועלכע ס׳איז שייכות צו דער געבראַכטער מאָטאָ. ראַדקינזאָן קלאָגט זיך אַפילו, אָבער ניט אויף זיינע פיינד, נאָר אויף די פריערדיקע „זשאַרגאָן־בלעטער״, וואָס האָבן „פערגיפטעט דיא יונגע קינדער, פרויען אונד אונוויססענדע מענשען״. ס׳איז לייכט צו פאַרשטיין, כאָטש ער זאָגט דאָס ניט אַרויס בפירוש, אַז ער מיינט דאָ הויפּטזעכלעך צעדערבוימס „קול מבשר״. באַזונדערס אויפגעבראַכט איז ער אויף דעם „מי שהיה רעדאַקטער פון „ישראליק״—געמיינט ליבעצקין ער דערמאָנט ניט ליבעצקין און איז ניט פורש בשמו ער דערמאָנט אָבער זיינע ווערק „משולחת״,

„וועלט=לוח״, „עולם התוהו׳ניק״, וועלכע „איינשטימיג שפּאַטט מאַכען ניכט נור פאָן דען יעטציגען גראָססען מאָננערן, וועלכע דעם פעבל געשאָטצט אונד געעהרט זינד, זאָנדערן אויך פאָן דע־נען, וואָס זיינען שאָן איינינע הונדערט יאָהר אויף יענער וועלט, בעססער געזאָגט—אָפּגעלאַכט פון דער גאַנצער תורה, פאָן דער גאַנצער יודישער רעליגיאָן. עס בלייבט ניט איינע מצוה, איין גו־טער מנהג ביי׳א יודען, וועלכ זיע ניכט אויסגעלאַכט האבען. דער עססענץ=טינקטור (?!) פאן זייער אַלעמעס שרייבען איסט זאָ: „יודען ווארפט וועג אַללע אַיירע יודישע זאַבאַבאָנעס, זייט מענ־שען ניכט יודען״. דערביי האָט ראַדקינזאָן אַ טעות און מישט אויף מיט לינעצקיס „אויסגעלאַסענע ווערק״ אויך דעם ד״ר עטינגערס „ס ע ר ק ע ל ע״.

און ראַדקינזאָן דערהערט מיט אַמאָל אַ שטים, וואָס „שרייעט נעביך מיט ביטטערם געוויין דיזע וואָרטע: ליעבעס קינד „ישראל״ פערלאַסס דיך ניכט אויף זאלכע פיהרער, וועלכע דיך פיהרען וואָל־לען מיט איהרעם פערדאָרבענעם געוויססען; זיע קעננען דיך שלעכט פערפיהרען. געדענקע דאָך, דאסס יעדעס פיטצעלע יודענטהום האָט אונז דיינען עלטערן געקאָסטעט באַכען בלוט; פאָם אונזערעם בלוט קאָננטע מאַן מאַכען איינען גראָססערן טייך ווי דער דניעפּער. טויזענדער יאַהרען האַבען וויר געליטטען אַללע אונמענשליכע קוואָ־לעריי (טיראַנסטווע); וויר האַטטען זיך געאָפּפערט מיט אונזערעם גאַנצענעם לעבען פיר יעדעס שטיקעל יודענטהום; וויר האבען ניכט לאַססען בעריהרען איין האַאר, זאָגאַר ווענן מאַן האט אונז געברענט, געשניטטען, געהאַקט, געטריעבען, ערמאָרדעט ווי שאָף. נור דיינעטוועגען „ישראל״, וואס דוא פינדעסט דיך יעטצט אין אַ גוטער לאַגע אונטער דעם שוטצע האָהער רעגיערונגען אין אַלטען לענדערן האַסט דוא נור אונז צו דאַנקען״.

„זאָ שרייעט נעביך די שטיממע—אַזוי פאַרענדיגט ראַדקינזאָן זיין פּראָגראַם=אַרטיקל—מיט ביטטערם געוויין טאַגטאָגליך אונד וויר האַבען האָפפנונג דער שטיממע צו פאָלגען; וויר ווערדען מיט גאָט־טעס הילפע ערקלאָרען אַללעס וואס נוטצליך אונד גוט איסט. וויר וויססען אויך ווי דיא נייע ליטעראַטורס (?) ווערדען זיך אויף אונז

לאָסרייססען, אָבער וויר שרעקען אונז ניכט אַב אונד וויר מאַכען אונז דאַרויס גאָרניכטס. אונזער צוועק איסט—צוזאַממען בינדען דיא צווי שוועסטערן (געמיינט: אמונה און השכלה), וועלכע דורך שלעכטע מענשען געשפּאַנגט וואַרען. אין אונזערן בלאָטטערן ווערדעט איהר איה״ש פינדען, ליעבע לעזער, וויסענשאַפטליכעס, נייעסטע פּאָליטיק, רייזע=בעשרייבונגען אונד שאָנע ערצאָהלונגען. וויר פּערהאַפּפען, דאס אונזערע גוטע געדאַנקען ווערדען אונז שטיטצען, דאסס אונזער בלאַטט ווירד עמפּפאַנגען ווערדען מיט ביידען האָנדען אונד, יעדער, וועלכער פיר זיין פאָלק זיך אינטערעסירט אונד דיא הייליגע רייניגע רעליגיאָן שאָטצט, ווירד ניכט שאָנען מיהע דאס בלאַטט, וועלכעס איבערהויפּט פיר די אונשולדיגע קינדער נאָטהיג איסט, צו פּערברייטען. אַדיע ביז אויף שריפטליכעס ווידערזעהען!!״

ווי דער לעזער זעט אַרויס פון דער דאָזיקער פלוידעריי, איז דער צוועק פון ראַדקינזאָנס „קול לעם״: גוט אַיינצושפּאַנען, לטובת „די אונשולדיקע קינדער״, די צוויי שוועסטער רעליגיאָן און בילדונג, כּדי די שטים, וואָס „שרייעט נעביך טאַגטאָגליך פאַר איהם מיט ביטטערם געוויין״, זאָל שוין אַמאָל אַנטשוויגן ווערן. אין די ווייטערדיקע נומערן פון דער צייטונג וועלן מיר זען ווי אזוי ראַדקינזאָן האָט אָפּגעהיט דאָס דאָזיקע פּראָגראַם אין דער ווירקלעכקייט.

נאָך דעם „אנשפּרוך פון דער רעדאַקציאָן״ קומען „פּאָליטישע נאַכריכטען״, וועלכע זיינען אויך געשריבן אין דעמזעלביקן צושעדיקטן דייטש. פון יעדער שורה קוקט זיך אַרויס דאָס דייטשישע בלאַט, פון וועלכן דאָס איז אַלץ אָפּגעשריבן געוואָרן וואָרט ביי וואָרט אין אַ פעלערהאַפטער יידישער אָרטאָגראַפיע. עס איז גאָר קיין שום ספק ניט, אַז דער דאַמאָלסטדיקער דורכשניטלעכער יידישער לעזער פון דער ליטווישער אָדער פּוילישער פּראָווינץ, פאַר וועמען דאָס בלאַט איז געווען באַשטימט, האָט אַפילו ניט אָנגעהויבן צו האָבן קיין ברעקל אַנונג וועגן דעם, וואָס אין די „פּאָליטישע באַכריכטען״ ווערט געזאָגט.

„פערמישטע נאַכריכטען״—אַזוי הייסט די ווייטער=

דיקע רובריק. דאָס איז באמת אַ מין „פאַרמישאַכץ" פון אַלערליי בייס, צווישן וועלכע ס'איז ניטאָ אַפילו קיין שום טעכנישע פאַרבינדונג. עס הויבט זיך אָן מיט אַ קורצער ידיעה, וועלכע איז אײַנגאַנצן אויסגעשטראָכן פון דער רוסישער צענזור. אין דעם עקזעמפליאַר, וועלכער ליגט פאַר אונז, קוקט זיך אַרויס פון אונטער די אויסגעמעקטע שורות דאָס ווערטל „קייזער"; דאָס ווייזט, אַז דאָ האָט זיך עפּעס דערציילט וועגן רוסישן קייזער אַזאַ זאַך, וואָס דער צענזאָר האָט געפונען פאַר נויטיק אַרויסצוואַרפן. באַלד נאָך דעם, ניט אָפּגעטיילט דורך אַ וועלכן ס'איז דרוק=צייכן, ווערט געבראַכט אַ נייס, אַרויסגענומען פון דער „בערלינער קלינישען וואָכענשריפט", וועגן אַ מעדיצינישער ערפינדונג. תיכּף נאָך דעם ווערט דערציילט וועגן אַ „מערקווירדיקע טיראַנסטווע", וואָס האָט געטראָפן אין פּעטערבורג, וואו אַ שטיפמוטער האָט אַראָפּגעוואָרפן איר זעקסיעריגעס שטיפקינד פון 4=טן שטאָק. דערנאָך קומט אַ מעשה פון באַריספּאָליע (פּריאַסלאַווער קרייז), וואו „40 אידישע פאַמיליען האָבין באַשטייטיגט נעמין זיך צו ערדאַרבייט. דיא גאַנצע געמיינדע זינד גראַמעטנע, זיי ווילון אויך אויסשרייבון אַ צייטונג" א. א. וו. און פאַרענדיקט ווערט דאָס „פאַרמישאַכץ" מיט אויספירלעכע באַשרייבונגען—פון אַ „זעהר אינטערעסאַנטע געשיכטע מיט אַ גנבה, וואָס האָט געטראָפן אין סמאָלענסק און פון אַ פרוי אין קאָנין (גראָסס=פּאָלען), וועלכע האָט „געבויערען איינען קריפּפּעל".

עס פעלט ניט אין „פּראָבע=נומער" אויך קיין Feuilleton (דאָס קעפּל איז געדרוקט מיט לאַטיינישע אותיות) אונטערן נאָמען „דעס ווידערהאַללס שטיממע". דעם אינהאַלט פון פעליעטאָן, וועלכער איז כּלומרשט געשריבן אין אַ הומאָריסטישן טאָן, איז שווער איבערצוגעבן, פּשוט דערפאַר, וואָס עס קלעפּט זיך אין אים ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט און ער איז לגמרי אומפאַרשטענדלעך. הויבן הויבט ער זיך אָן מיט גראַמען: „דער ווינד וועהט, דער שנעע שנעעט, דער האָהן קרעהט, דער הענדלער דרעהט", און ווערט פאַרשלונגען אין אַ מבול פראַזן, וואָס זאָגן גאָרנישט. נאָר לויט ווי מ'קען זיך שטויסן פון אייניקע באַזונדערע פראַזן, האָט דאָס אויך געזאָלט זיין, ווי דער לייט=אַרטיקל, אַ פּאַמפלעט קעגן

ל י נ ע צ ק י ן. „דער פוילישער יונגעל” שנאַררעט מיט דער נאַזע װעם זײנע װערק צו פערקױפען „עלי קצין, האט שאָן אונטער זיך אַ גראָססע באַנדע געגען די אידעשע זאַבאַבאָנעס”—מיט אַזעלכע טעמפּע געװער איז ראַדקינזאָן אַרױס קעמפן געגן לינעצקין, װעלכער איז שױן דאַמאָלסט געװען אײנער פון די באַליבטסטע יידישע שריפטשטעלער. פאַרװאָס האָט עפּעס ראַדקינזאָן גראָד אױסגעקליבן לינעצקין פאַר זײן „קרבן”,—דאָס דאַרף מען דערקלערן מיט דעם, װאָס ראַדקינזאָן האָט תמיד געהאַלטן, אַז חסידים און חסידות זײנען נאָר זײן מאָנאָפּאָל, און קײן אַנדערער, חוץ אים, איז גאָר ניט ביכלת צו זאָגן װעגן זײ עפּעס אַ װעלכן ס'איז בײעם װאָרט.

אָט דאָס איז דער תוכן פון יענעם נומער, װאָס האָבנדיק אים אַלס מוסטער, האָבן די לעזער געדאַרפט באַקומען אַ קלאָרן באַגריף װעגן דער פיזיאָנאָמיע פון דער בײער יידישער צײטונג, מיט װעלכער ראַדקינזאָן װיל זײ מזכה זײן. לױט װי אַלע סימנים באַװײזן, איז דער גאַנצער נומער פון אָנהױב ביזן סוף, אָנגעשריבן געװאָרן פון אים אַלײן. מען דערקענט עס אָן דעם הילצערנעם לשון, אָן דער פאַרגרײזטער אָרטאָגראַפיע און באַזונדערס אָן דעם משונהדיקן אױסלעג פון פרעמדװערטער, צו װעלכע ער האָט תמיד געהאַט אַ גרױסע שװאכקײט. די אַלגעמײן אָנגענומענע פרעמדע טערמינאָלאָגיע איז שױן פון איהם צעניזוקט געװאָרן נאָך אַ סך פריהער אין „הקול”, אָבער אין העברעאיש האָט זיך די עם=הארצות ניט אַרױסגעװיזן אַזױ בולט װי אין יידיש. ראַדקינזאָן האָט, למשל, יעדען מאָל געשריבן ניט אַנדערש װי: „אינטראסאַנט”, „קראַספּאַדענטען”, „ניגאַליסטען”, „קאַמעניסטען”, „רעװילוציע”, „ציװעלעזירט”, „אָרטעדאָקסין”, „נאַציאָנאַלעשע” א. א. װ. אױסער די געשמאַקלױזיגקײט אין דעם גאַנצן געבײ פון די אַרױסגעזאָגטע געדאַנקען.

פון דעם װעלן מיר איבערגײן צו דעם עצם בלאַט, װעלכער האָט אָנגעהױבן אַרױסצוגײן ערשט אין ד ר י ט ה א ל ב ן ח ד ש י ם אַרום.

ג.

דער ערשטער נומער „קול לעם" („פּאָליטיש ליטעראַרישעס וואָכענבלאַט פיר איזראַעליטען") איז אַרויס דעם 12-טן אַווגוסט (נ. סט.) 1876. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אין דעם משך פון די דריט-האַלבן חדשים, וואָס זייַנען אַוועק זינט עס איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן דער פּראָבע-נומער, האָט נאָך דער רעדאַקטאָר ניט באַוויזן צו באַזאָרגן דאָס בלאַט מיט זייטיקן מאַטעריאַל, און האָט זיך, קענטיק, פאַרלאָזן אויף זייַנע אייגענע כחות. אין דעם ערשטן נומער געפינט מען נאָך ניט קיין א י ן פרעמדע שורה, און פון אָנהויב ביזן סוף באַשטייט ער דורכאויס פון דעם רעדאַקטאָרס „שאַפונגען" וועלכע זייַנען שוין אין זייער צייט געשטאַנען פיל נידעריקער פאַר די ערגסטע אַרטיקלען פון „קול מבשר" אַפילו אין זייַנע ערשטע יאָרן, און וואָס דעם הייַנטיקן. מאָדערנעם יידישן לעזער וועלן זיי אויסקומען, הן לויט דעם אינהאַלט און הן לויט דער שפּראַך, משונהדיק ווילד און אומגעלומפּערט.

ס'זייַנען געגוג, למשל, די פאָלגנדע ערשטע שורות פון די „פּ אָ ל י ט י ש ע נ אַ כ ר י כ ט ע ן": „שאָן יאָרין לאַנג אַז עס גייט דיא איראַנטאַלישע פראַגע, „אָדער פּראָסט גירעט, דיא טירקישע פראַגע", דיעזעס יאהר, צייט דיא אינסורגענטין אין הערצאָגווינען האָבין רעוואָלוציע גימאַכט, האָט מען זיא מעהרער גינומען אויף דיא ציין, איז גיוועזין קאָנגרעססין, עס איז גיוואהרין א מעמעראַנ-דום (אַ אינסטרוקציע וועלכע דיא גראסמעכטע האבין אין בערלין איינגעווילגט אונד פער—צייכינט) נאַכ-הער ווידער איינער פער-זאַמלונג פון צווייא גרויסע קייזערין אין רייכשטאַדט, מיט איינעם וואָרט, דיזעס יאהר וואר גיארבעט אין דער פראגע זייער פיהל" א. א. וו. אויף דעם שטח פון דריי-פערטל נומער, אָדער פינף הונ-דערט גאַנץ ברייטע שורות.

מיר האָבן דאָ געבראַכט דאָס שטיקל פּאָליטיק ווי עס „שטייט און גייט" מיט זייַן אָרטאָגראַפיע און מיט זייַן פונקטואַציע אַלס מוסטער פון ראַדקינזאָגען דעם פּאָליטיקער און דעם סטיליסט. דאָס איז נאָך אָבער ניט גאַר. אין דער "קרוין" פון זייַן עם-הארצות

אַנטפּלעקט ער זיך ערשט אונטן, אין פעליעטאָן, אויף וועלכן ער איז געחתמעט מיט דעם פּסעוודאָנים יואל מיכאל קופּערמאַן (איבערגעקערט: מיכאל לוי פרומקין) דאָ, אין דעם פעליעטאָן, וועל־כער הייסט „אַ בריף פון דעם נייעם יאהר תרל״ז צו דעם אַלטן יאהר תרל״ו איז וואו אַ וואָרט—אַ גרייז, וואו אַ זאַץ, דאַרף מען אויף אים ברעכן די ציין און אינגאַנצן איז עס אָן טעם און אָן ריח, באופן, אַז עס בלייבט גאָר צו באַוואונדערן, ווי קומט עס אייגנט־לעך דערצו, אַז אַ מענש, וואָס קען ניט קיין שייטל יידיש, וואָס ווייס ניט ווי צונויפצובינדן צוזאַמען קיין צוויי פראַזן, האָט זיך גענומען די העזה אַוועקצושטעלן זיך בראש פון אַ בלאַט און אָנ־צופירן מיט דער עפנטלעכער מיינונג.

דאָס, און דערצו עטלעכע שורות „פערמישטעש", איז דער גאַנצער אינהאַלט פון ערשטן נומער „קול לעם"—ניט קיין איבריקס אָנציהענדיקער מאַטעריאַל אַפילו פאַר דעם דאַמאָלסטדיקן אָנשפּרוכסלויזן יידישן לעזער. דאָס זאָל, אפשר זיין די סבה, וואָס דער אַנדערער נומער איז אַרויס מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון צוויי חדשים. אַ שטיקל ראיה דערצו געפינט מען אין דער מודעה, וואָס ראַדקינזאָן האָט פאַרעפנטלעכט „אָן דיא לעזער" אין צווייטן נומער פאַרן טעקסט, אין וועלכער ער זאָגט זיי אָן די גוטע בשורה, אַז ער האָט „גוטע מיט אַרבייטער פיר דאָס בלאַטט ערוואָרבען" און דורך דעם האָט ער אָפּגערוימט פון זיין וועג דעם גרעסטן מכשול.

איידער מיר וועלן אַריבערגיין צו די ווייטערדיקע בלעטער, כדי צו באַקענען אונז מיט די „גוטע מיטאַרבעטער", וואָס ראַדקינזאָן האָט באַקומען, ווילן מיר נאָך אויפמערקזאַם מאַכן דעם לעזער אויף זיינער אַן אָנמערקונג צו די „פּאָליטישע נאַכריכטען" אין ערשטן נומער, ריידנדיק וועגן דעם, ווי דער ייד איז תמיד אַ טרייער אונ־טערטאַן, זאָגט ער: „ניט קוקענד אויף די עטליכע דוממע יונגע לייט, וועלכע האבין זיך אַ נאמען גיגעבין אידישע רעוואָליציאָנער צוא שאַנדע דעס גאַנצין יודענטומס, זייא זיינען פּראָסטע ליידיג גייער, אונגיבילדעטע, און פאַרדאָרבענע האַראַקטערין. אבער אַ יוד דער וואָס טראָגט נאָר דעם נאָמען יוד איזט ווייט פאָן זייערע מיינונגען, נאָך ווייטער וויא מזרח פון מערב, אַ יוד בלייבט אימער

טרייא זיין רעגירונג". די דאָזיקע אָנמערקונג איז העכסט כאַראַק־
טעריסטיש פאַר ראַדקינזאָנס מאָראַלישער פיזיאָנאָמיע, נעמענדיק
אין אַכט, אַז ער אַליין האָט זיך שפּעטער ניט געשעמט אַוועקצו־
שטעלן דעמזעלביקן „קול לעם" אינגאַנצן אין דעם רשות פון די
„אידישע רעוויליציאָנערען", ווי דער לעזער וועט זען אין די קו־
מענדיקע קאַפּיטלעך.

ד.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ רעדאַקטאָר, כביכול,
ווי ראַדקינזאָן, האָט ניט געקאָנט צוציהען צו זיין בלאַט קיין גוטע
שריפטשטעלער, און טאָמער באַגעגענען מיר אין די שפּעטערדיקע
נומערן פון „קול לעם" ב י י ע נעמען, זיינען דאָס ניט געווען קיין ליטע־
ראַרישע קרעפטן, נאָר שרייבער אָנפאַנגער. דער איינציקער שריי־
בער מיט אַ פאַרדינטן נאָמען, וואָס מיר טרעפן אָן אין די ווייטער־
דיקע בלעטער, איז אַ י י ז י ק מ א י ר ד י ק, וועלכער האָט געחתמעט
מיט זיין באַקאַנטן פּסעוודאָנים אמ״ד מווילנא. אָבער, צי דאָס
איז געווען פון זיין זייט מיט אַ כוונה, צי ניט,—קיין רעכטס האָט
ער אין „קול לעם" ניט געגעבן, נאָר אַנעקדאָטן און גלייכווערטלעך
מיט אַן ערציילונג „דער אָרעמער פּאַסעזירער" פון פאַרצייטיקן
ע נ ג ל י ש ן לעבן און אַלץ געשריבן אין זיין באַקאַנטן דייטשמע־
רישן סטיל. דאָך האָט זיך עס באַלד געוואָרפן אין די אויגן פון
צווישן די אַלע „שרייבאַכצן", האָט דער „קול לעם" האָט וועכענ־
טלעך אונטערגעטראָגן זיינע לעזער.

צווישן די נייע נעמען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן עפּעטערס
צו באַווייזן אין „קול לעם", האָט די ערשטע צייט פאַרנומען דעם
גאַנצן אויבנאָן אַ געוויסער אנאָנים „ג ב י ר מווילנא". דאָס איז געווען
אַ ווילנער מלמד, אַ האַלבער משכיל, ר א ו ו י ט ש האָט ער געהייסן,
וועלכער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אין יידיש עטלעכע מעשה־
ביכלעך. אָט ד ע ר ראַוויטש האָט זיך אין „קול לעם" „אויסגעצויגן
ממש, „אויף טיש און אויף בייגק"; זיצנדיק אין ווילנא, האָט ער
געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פון ו ו י ן און פון ר ו י ם און פון אַנ־
דערע וועלט־שטעט, האָט פאַרעפנטלעכט ערציילונגען און שירים

וואָס האָבן זיך געדרוקט אין המשכים. איינער פון זיינע שירים, „דער ריינער גלויבען", הויבט זיך אָן:

„ווער עס גלויבט דאָך גאָר אין גאָטט
היט זיין היילינע תורה,
דער לעבט רוהיג אָן קלאָפּאָט
אונד האָט פאר קיינעם מורא".

א. א. וו. אין דעמזעלבן זשאַנר. דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענט, נאָוועליסט און משורר האָט, קענטיק, אַזוי נושא חן געווען ביים רעדאַקטאָר, אַז ער פלעגט די „געשריפצן" גאָר פריהער ניט ליי־נען און פלעגט זיי איבערגעגעבן גלייך צום דרוק. מיט דעם דער־קלערט זיך דאָס, וואָס איינער פון זיינע בריוו הויבט זיך אָן מיט דער פאָלגנדער הקדמה, וועלכע האָט געדאַרפט, אין פלוג, ארויס־געוואָרפן ווערן: „איך געפין פיר נייטיג אייך צו צושיקען דיזע איינינע נאכריכטען וועלכע איך האָב יעטצט עבען איבער זעצט פון רוסישע בלעטער. לייענט עס דורך אויב אייך וועט געפעלען, איז מיין וואונש אַז איהר זאָלט דאָס אין אייער בלאַט „קול לעם" הע־ריין שטעללען, אונד אויב עס וועט אַייך ניט געפעלען, קאָנט איהר עס ניכט דרוקען, וועל איך אויך אַייך גאָר קיין פאַראיבעל ניכט האבען, מיט איין ווארטע טוט ווי איהר פאַרשטייט."

בכלל האָט ראַדקינזאָן געהאַט אַ טבע צו פאַרהאַלטן זיך מיט גרויס צוטרוי צו זיינע שרייבער. האָט ווער עס איז ביי אים איין מאָל אָפּגעדרוקט אַ זאַך, האָט ער אים שוין געלאָזן פונאַנדער־שפּרייטן זיך אין דער צייטונג אין דער לייגג און אין דער ברייט און דרוקן אַלץ וואָס זיין האַרץ געלוסט. אַזעלכע „גליקלעכע" זיי־נען אין „קול לעם", אַ חוץ דעם איבנדערמאָנטן ראַוויטשן געווען נאָך עטליכע. דער פּרוכטבאַרסטער פון זיי איז געווען איינער אַ גראָדנער העברעאישער לערער, מרדכי ראובן סיני, וואָס האָט געמאַכט די התחלה מיט אַ קליין בריוול, און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער גענומען רעגענען, ממש, מיט כל המיני אַרטיקלען, וואָרום אַזוי ווי ראַוויטש, און נאָך אין אַ העכערער מדרגה פון אים, איז ער געווען אַ „מייסטער" אויף אַלץ, באַזונדערס אויף וואָלוועלער הומאָריסטיק. ס'האָט גאַנץ אָפט געטראָפן, אַז דער

דאָזיקער סיני האָט געגעבן אין איין נומער פון „קול לעם" 4–5 זאַכן, אויף איטלעכער געחתמעט מיט אַ באַזונדער פסעוודאָנים: „עמימר מנהרדעי", „מרס", ר׳אַהרן מיאַדלער א. א. וו. דאָס איז געווען מער פלוידערזאַק אַלס שריפטשטעלער. אַ גרעסערע העלפט פון דעם, וואָס ער האָט געשריבן, וואָלט ביי אַן אַנדער רעדאַקטאָר, ניט ביי ראָדקינזאָנען, געוויס אַראָפּ אין קאָרב, אָבער דאָך איז געווען אין זיין שרייבן אַ שטיקל אינהאַלט מיט אַ שטיקל שפּראַך.

אַן אָפּטער שרייבער פון „קול לעם" איז געווען אויך דער אין יענער צייט זייער פּאָפּולערער בדחן אליקום צונזער. ער האָט אויך אָנגעהויבן מיט באַשיידענע קאָרעספּאָנדענציעס פון מינסק און איז באַלד געוואָרן אַ מומחה אויף אַלץ. וועגן שירים איז דאָך גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן — דאָס איז דאָך געווען זיין פאַך; און ווי ווייט איז שוין דערפון אַ פעלעטאָן? און קיין פסעוודאָנימען האָט אים אויך ניט געפעלט: „יקמואל", „קונע רויזל מאַץ", „זימאַן לוקרעציאַ" א. א.

די דאָזיקע נייע מיטאַרבעטער, ווי ווייניק שריפטשטעלערישן טאַלענט איטלעכער פון זיי האָט געהאַט און ווי ניט צוגעפּאַסט זיי זיינען אַלע געווען צו זייער זשורנאַליסטישער טעטיגקייט, האָבן דאָך אַריינגעטראָגן אין „קול לעם" אַ געוויסע לעבעדיגקייט; לכל הפחות האָבן זיי מיט זיך פאַרשטעלט ראַדקינזאָנס ווילדע עםהאַרצישקייט, פאַר וועלכער ער האָט שוין מער אַזוי פיל אָרט ניט געהאַט. דורך זיי האָט דער „קול העם" ערשט אָנגעהויבן צו באַקומען אַ שטיקל פּנים פון אַ צייטונג. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין „קול לעם" האָבן זיך באַלד באַוויזן אַזוינע פּנים חדשות ווי מיכל גאָרדאָן, וועלכער האָט אין אים דאָס ערשטע מאָל פאַרעפנטלעכט זיינע שפּעטער אונטערן פאָלק פאַרשפּרייט געוואָרענע לידער: „מיין צואה" און „שטעה אויף מיין פאָלק". אונטער דאָס לעצטע געדיכט קומט אַן אויספירלעכע אָנמערקונג פון דיכטער, געשריבן, אַגב, אין העברעאיש,*) אין

---

*) בכלל איז צו באמערקן, אז אלע הערות צו זיינע שירים, האָט גארדאן געשריבן נאָר אין העברעאיש:

וועלכער ער באַקלאָגט זיך, אַז ער איז געצוואונגען צו דרוקן זיינע שירים, ווייל פאַרשיידענע מחברים באַגנבענען אים און גיבן אַרויס „זיין סחורה" פאַר זייערע.

דער „קול לעם" איז אָבער נאָך אַלץ געבליבן בכלל ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. ס'איז אין אים ניט געווען צו זען קיין שום צייכן פון רירעוודיגקייט, פון לעבן. ער האָט ניט באַהאַנדלט אויף זיינע שפאַלטן קיין שום צייט־פראַגע, קיין שום פּראָבלעם, אַ ספּעציעל יידישע, אָדער אַן אַלגעמיינע. אין אים האָט געפעלט לגמרי דער פּובליציסטישער טייל. אין זיינע בריוו און פעליעטאָנען און אַנדערע נאָטיצן האָט ער אַפילו באַרירט די פעלערן פון אַלט־מאָדישן חנוך, האָט קריטיקירט גבאים און קהל'ס לייט, האָט גע־שילדערט די יידישע ווינט־פּרנסות א. א. וו. אָבער דאָס אַלץ איז געווען געשריבן אין אַ הומאָריסטישן טאָן, רייך אין אַנעקדאָטן און וויצן, און אַמאָל אויך גאַנץ פוילע, און אָרים אין געדאַנק. בכלל איז אַלץ געווען אַרויסגעזאָגט איבערפלעכלעך, ווי גענומען פון דער לופט, ס'האָט זיך ניט אַרויסגעוויזן קיין ברעקל פּובליציסטישער ערנסט, און דעריבער האָט עס ניט געקענט האָבן קיין ווירקונג. די צייטונג איז שוין געגאַנגען העכער אַ האַלב יאָר, און האָט נאָך ניט געבראַכט קיין איין לייט־אַרטיקל, וואָס זאָל האָבן אַ וועלכן ס'איז געזעלשאַפטלעכן אינטערעס. מ'האָט געקענט מיינען, אַז דאָס גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין רוסלאַנד איז אָפּ־געשטאָרבן, אָדער פּאַראַליזירט.

עפּעס האָט יאָ געמאַכט דער „קול לעם" וועלכע ס'איז פּרובן צו באַרייכערן זיין אינהאַלט. ער האָט איינגעפירט אַ נייע רובריק אונטערן נאָמען „הומאָריסטישעס", ער האָט געבראַכט „רע־טענישן", און אויך כלומרשט „וויסנשאַפטלעכע" אַרטיקלען: אָבער אין דער אונטערשטער שורה האָבן די אַלע זאַכן דעם לעזער גאָר־נישט געגעבן, ווייל אַלץ איז געווען געשריבן באַנאַל און צוזאַמענ־געשטעלט מיט „הילצערנע הענט"...

ה.

ראַדקינזאָן, ווי גרויס עס איז אין אים געווען דער עם־הארץ

און וויפיל חוצפה ער האָט פאַרמאָגט, האָט דאָך ביי זיך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ניט ע ר איז באַשאַפן צו זיין אַ רעדאַקטאָר און אָנצופירן מיט אַ בלאַט, און האָט דעריבער באַשלאָסן אַריינצונעמען צו זיך אַלס שותף אין „קול לעם" אַ יידישן שריפטשטעלער מיט אַ גרויסן נאָמען. פריער האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ פאָרשלאַג וועגן דעם צו ד י ק ן. דיק האָט אָבער דערשמעקט מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, און האָט אים אָנטזאָגט*). דאַן האָט ראַד־קינזאָן אַזוי לאַנג געזוכט און גענישטערט ביז עס איז אים געלונ־גען צו כאַפּן אויף זיין ווענדקע ש ל ו ם י ע ק ב אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש ן (מענדעלי מוכר ספרים). אַבראַמאָוויטש האָט דאַן געוואוינט אין זשיטאָמיר און האָט זיך געפונען אין זייער אַ קריטישער מאַטע־ריעלער לאַגע. דאָס איז געווען, בעת ער האָט צוליב זיין „טאַקסע" געמוזט עוקרן פון בערדיטשעוו, וואו ער איז געווען אַ לערער אין אַ רעגירונגס־שול און איז געבליבן אָן פרנסה. ראַדקינזאָן האָט זיך דערפון דערוואוסט און האָט אויסגענוצט פאַר זיך אַבראַמאָ־וויטשעס מצב. ער איז אַראָפּגעפאָרן קיין ק י ע ו ו, וואוהין ער האָט אַרויסגערופן אַבראַמאָוויטשן, האָט אים, געוויינלעך, פאַרגעשטעלט גליקן און מבטיח געווען „הרים וגבעות" און דאָס געשעפט איז געוואָרן.

אין 39־טן נומער פון ערשטן יאָר „קול לעם" האָט ראַד־קינזאָן אין סאַמע אָנהויב בלאַט געמאַכט זיינע לעזער זייער אַן אָנגענעמען סיורפריז — אַ הודעה פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן, אַז מכאן ולהבא ווערט ער אַ שותף אין דער צייטונג. מיר געפינען פאַר נויטיק איבערצוגעבן דאָ אַבראַמאָוויטשעס הודעה, אַלס וויכ־טיקן היסטאָרישן דאָקומענט, וואָרט ביי וואָרט:

„צו אונזערע יודען!

מיר לעבען היינט, רבותי, אין אַזאַ צייט, וואָס איטליכער אויף דער וועלט איז געקומען צום שכל און וויל אַלסדינג וויסען. יענע אַלטע צייט, ווען מענשען האָבן זיך געלעבט עפּיס גלאַט אַזוי נישט קיין סך צוטראַכטען, איז שוין פאַרבייא. אין דער וועלט געשעהט זעהר פיל פאַרענדערונגען, אַ סך זאַכען זענין איבערגע־מאַכט, וואָס אַ טאָג ווערד נולד חדשות, וואָס בעריהרען אי דעם

*) זע מיינע „ד ר י י ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ד ו ר ו ת", ערשטער טייל

נפש אי דער פרנסה אי דעם מסחר. געבראטענע טויבען פליהען
שוין היינט נישט מער אליין אין מויל אריין, נישטא קיין מציאות,
פריצים מיט לעבערדיגע קעשענעס האבען זיך אויסגעלאזט. היינט
אז מאן וויל זיך נישט וויסענדיג מאכען, נישט הערען נישט זעהן
קען מאן טאקי חלילה אויסגעהן. היינט אז מאן וויל צומאכען די
אויגען און שלאפען קען מאן טאקי פארשלאפען און דערנאך שטארק
חרטה האבען. אפילו פויערין אין אונזער ווינקעל, וואס זענין אמאל
פארגרעבט געווען, זייא אפילו זענין שוין היינט אויך צום שכל
געקומען, בייא זייא אין די דערפער געפינט מאן שוין שקאלעס
פאר זייערע קינדער, זייא פארשטעהען שוין איין עסק אונד לייענען
גרעסטענטהיילס ביכליך אונד בייא־צייטונגען, וואס געהן בכיון פאר
זייא ארויס. הכלל שלאפען אין דער צייט, ווען דיא וועלט ארום
אונז ווערד קליגער, און זיך נישט וויססענדיק מאכען איז זעהר א
גרויסע סכנה. א סך פון אונזערע יודען, געלויבט איזט השי״ת,
פערשטעהן דאס אלסדינג אויך אליין, עקשנות אן דער זייט, זייא
ווילען שוין עפיס וויסען אונד זעהן זעהר גוט אליין ארויס ווי
נייטיג דאס איז זייא אין לעבען אריין. דעראיבער איז זעהר רעכט
און טאקי א גרויסע מצוה ארויס צוגעבען אין דער היינטיגער צייט
פאר אונזערע יודען א גאזעטטע אין זייער לשון, בכדי זיי זאלען
פון קליין ביז גרויס קענען לייענען און וויססען אלסדינג, וואס
הערט זיך און טהוט זיך אויף דער וועלט.

„און ווייל איך האלט אין דער סברא, אז ארויס צוגעבען א
יודישע געזעטע איז א גרויסע מצוה, לכן האב איך אן גענומען
בשמחה דעם פלאן, וואס דער הערר מ י כ א ל ל ו י ר א ד ק י נ ס־
ז א ה ן האט מיר פארגעלייגט, ארויס צוגעבען מיט איהם אין איי־
נעם די גאזעטטע „קול לעם“, וואס היינט גיט ער זיא אין קע־
ניגסבערג אליין ארויס. איך בין מודיע דעם עולם אז פונ׳ם אנהייב
יאהר תרל״ח הבע״ל וועל איך אי״ה מיט הר״ר ר א ד ק י נ ס ז א ה ן
בשותפות ארויס געבען דעם „קול לעם“ אין קעניגסבערג, וואס
פאן דארט וועט ער אנקומען צו איטליכען, וואס וועט אים דא
בייא אונז האלטען, אלע וואך פינקטליך, תיכף ווי ער וועט דורכ־
געהן דיא רוסישע צענזורא.

דער „קול לעם" וועט אַללע וואָך זיך דרוקען אויף אַ גאַנ־צען בויגען פאַפיר. איך בין גרייט מיט גאָטס כּוח אַריינלעגען אין איהם אַלע מיינע קרעפטען, אויס פילען איהם מיט גוטע אַרטיקלען איבער אַלערלייא ניטצליכע זאַכען, וואָס זענין נוגע אין לעבען און שטאַרק נייטיג צוא וויסען, אונד פאַרהאָף אַז אַלע אונזערע געבילדעטע שרייבער וועלען אונס נישט פאַרלאָזען און יעדער וועט וועלען אַ חלק האָבען אין אַזו אַ מצוה, מזכּה צו זיין דעם עולם מיט גוטע אַרטיקלען און ניטצליכע ספּורי מעשׂיות פונ׳ם יודישען לעבען. אויך פאַרהאָף איך, אַז אונזערע יודען, וואָס זענין מ״ט מיין גאַנג שרייבען שוין בעקאַנט, וועלען מיר דעם כּבוד אָנטאָן צוהאַלטען דעם „קול לעם" און דער מיט מיך מחזיק זיין פון זייער זייט, בכדי דיא גאַזעטע זאָל קענען אַ קיום האָבען און ניטצליך זיין פאַר אונזער פאָלק. דאָס געלד פאַר דער גאַזעטע אויפען יאָר תרל״ח און דיא אַרטיקלען קען איטליכער פון הייגט אָן אַריינשי־קען גלייך צוא מיר אויף מיין אַדרעס אין זיטאָמיר.

„הלוואי מיינע ווערטער זאָלען בייא דעם עולם נוט אָנגע־נומען ווערען און דער „קול לעם" זאָל אַרויסגעהן אין אַ גוטער אַ מזלדיגער שעה! שלום יעקב אַבראַמאָוויץ".

אויף דער דאָזיקער אַבראַמאָוויטשעס הודעה, וועלכע האָט שוין מיט איר לשון געקלונגען ווי אַ דיסאָנאַנס לגבי אַלץ, וואָס עס איז ביז אַהער געשריבן געוואָרן אין „קול לעם", *) האָט ראַדקינזאָן מוסיף געווען פון זיין זייט אויף זיין געוויינלעכן צעקאַליעטשעטן און פאַרגרייזטן יידיש די פאָלגנדע ווערטער:

„אונזערע גיעהרטע לעזעה" האבע איך דיא עהרע צו מעלדין דער הערר אַבראַמאָוויץ וועלכער ווירד מיין קאמפאניאָן פון דעם קינפטיגען יאהר איזט דער געוויסער פערפאַסער פון „דאָס קליין מענשעלע", „טאַקסע", קליאַטשע", „זמירות", „פּרק שירה", „לופט באַלאָן" א. ז. וו. וויר גלויבען אַז פיעלע פאַן אונזער פּוב־ליקום זינד באַוואוסט זיינע פערפאַסונגען וועלכע האָבען פיעל פאַר־

*) ווען מען שטויסט זיך אָן אין אַבראַמאָוויטשעס הודעה אויף אייניקע אָרטאָגראַפישע גריַזן, איז געוויס אין דעם שולדיק געווען נאָר דאָס בלאַט.

גיניגען פערשאַפט די ליבע לעזער. אַלזאָ קאַנן מאַן לייכט פער־שטיין, אַז דאַס בלאַטט וועלכער וועט אַרויס גיין אונטער זיין רע־דאַקציאָן, וועט האַבען די ווערטה ער זאהל געהערט ווערין פון אַללע קלאַססען אונזער פובליקום. וויר טוען דאַס אום פּאַרגעניגען צו פערשאַפין אונזערע געעהרטע לעזער. אַלזאָ באַנאַכריכטען וויר דאַמיט דאַס פון ראש השנה אָן וועט אַרויס גיין אונזער בלאַטט „קול לעם“ אין אַגאַנצין באַגיי פאַרפּוהלל, מיט דיא בעסטע אַרטיק־לען אונד ערציילונגען וועלכע עס נור געבין קאָן“.

דער שידוך צווישן ראַדקינזאָנען מיט אַבראַמאָוויטשן איז אָבער ניט געוואָרן. אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך באַלד אַליין אַרומגעזען, אָדער אַנדערע האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט, מיט וועמען ער גייט זיך דאָ פאַרבינדן, האָט זיך פון דעם ענין אינ־גאַנצן אָפּגעטרייסלט, באופן, אַז פון דער זאַך איז גאָרנישט אַרויס־געקומען. ראַדקינזאָן איז געבליבן דער איינציקער בעל־הבית פון „קול לעם“ ווי געווען, און די צייטונג איז זיך ווייטער געגאַנגען מיט איר אַלטן שליאַך.

ראַדקינזאָן האָט פאַרביסן די ליפּן און האָט אַפילו ניט גע־פּרובט דערקלערן די לעזער מיט אַ וואָרט, פאַרוואָס פון דער גע־פּלאַנטער שותפות מיט אַבראַמאָוויטשן האָט זיך גאָרנישט אויסגע־לאָזן, עפּעס ווי דאָס וואָלט געווען אַ קלייניגקייט, וועלכע מ׳קען פאַרשווייגן.

די לעזער פון „קול לעם“ האָבן אָבער, ווי עס ווייזט אויס, דעם פונאַנדערגעגאַנגענעם שידוך מיט אַבראַמאָוויטשן ניט אַזוי קאַלטבלוטיק אַראָפּגעשלונגען. עס זיינען אַריבער נאָך דעם אַ דריי, פיר וואָכן, און די צייטונג האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט.

ו.

נאָך אַ הפסקה פון דריי חדשים בערך האָט דער „קול לעם“ אָנגעהויבן ווידער אַרויסצוגיין. בראש פון ערשטן נומער קומט אונ־טערן ווילדן נאָמען „לייטענדע אַרטיקיל“ אַ כאַראַקטעריסטישע דערקלערונג פון דעם רעדאַקטאָר וועגן דער צייטונג.

כאַראַקטעריסטיש איז די דערקלערונג דערמיט, וואָס ראַד־

קינזאָן אַליין איז עפנטלעך מודה, אַז דער „קול לעם" טויג ניט
אין אַלע הינזיכטן און פאַרדינט לחלוטין ניט דעם נאָמען ציטונג.
דערביי פּרובט ער זיך פאַרענטפערן און דערציילט, אַז ער איז גע=
פאָרן „זוכין אַ רובל אויף דער הוצאָה" און האָט דעם „קול לעם"
„גילאָזין נאַ פראָיזוואָל סודבי", און דורכדעם איז פון אים געוואָרן
„אַ קליין בלעטיל אַ קאָפּ פּאָליטיק אי דאָס אויף דייטש רחמנא=
לצלן, עפּיס אַ פעליטאָן פון אַ פאַנטאַזירטין שרייבער, אונד
זאָ ווייטער, ווי עס איזט אַריין גיפאַללין די מיט אַרבייטער פון דער
רעדאַקציע וועלכס אַ טייל האבין די שפראַך ניכט פאַרשטאַנדין
אונד אַטייל האָבין ניכט פאַרשטאַנדין וואס דער עולם דאַרף אונד
וואס ער וויל. איזט זיך דער „קול לעם" אַזוי גיקראכין, וויר האבין
פון איהם קיין נחת גיהאַט, אונד די לעזער אויך ווייניק. נור די
שרייבער וועלכע די אַרטיקלען זייער זיינען גידרוקט גיווארין די
האבין גיהאט גאר די נחת. זייא האבין געמיינט אַז זייא מאכין
אַללע זייער גוט". אָט אַזוי האָט דאָס ראַדקינזאָן ניט געהאַט קיין
בושה פאַרן לעזער אַליין אָפּצוזוקן פון זיין בלאַט און פון זיינע
שרייבער.

מיט דעם איז ער נאָך אָבער ניט יוצא. באַלד נאָך דער דאָ=
זיקער דערקלערונג טראָגט ער אונטער דעם לעזער אויף דערזעל=
ביקער טעמע אַ נייעם פּערל: „ד ע ר ק ו ל ל ע ם ד ע ר צ י י ל ט
ז י י ן ב י א ָ ג ר א ַ פ י " — אַזוי הייסט עס. דאָס איז אייגנטלעך ניט
קיין ביאָגראַפיע, נאָר אַן אַלעגאָרישער דיאַלאָג צווישן אַ קינד מיט
אַ פאָטער. דאס קינד-דער „קול לעם"—טענהט זיך דורך מיטן פאָ=
טער—דעם רעדאַקטאָר—און האָט צו אים פּרעטענזיעס פאַרוואָס ער
איז מער מקרב צו זיך דעם עלטערן ברודער, דעם העברעאישן
„הקול", און פון אים נעמט ער אַראָפּ די אויגן לגמרי, עפּעס אַזוי
ווי ער וואָלט ביי אים געווען אַן „אונטערגעוואָרפענער". „מיין פאָ=
טער—אַזוי באַקלאָגט זיך דער „קול לעם" אין ראַדקינזאָנס יידיש—
האט מיך איבער גיגעבין צו נאַנקעס אויף זייער שוכין אונד קליי=
דין אונד זייא האבין פון מיר גימאַכט וואָס זיי איזט איין גיפאלין.
הייטע האבין זייא מיך גיקליידעט דייטש, מאָרגין אידעש, אונד אי=
בער מאָרגין גאָר טירקיש. מיין פאטער ווער אימער ניכט צוא

הויז, אונד ווען מען האט איהם גישיקט מיין פאָטאָגראף איזט זיהם ניכט געפאללען, אונד ער הייסט מיך אנדערש קליידען, אָבער קיין מאַטרייאַלל שיקט מיין פאטער אויך ניכט. ער זארגט פאר דיא זעלבע נור פיר דעם עלטערין ברודער, פיר מיך זאגט ער לאָס דיא וועלט זאָרגין. עס איזט ווירקליך אן געקומען פון דער וועלט זייער פיעל קליידונג, אבער נאך מיינעס פאטערש מיינונג פאסין זייא ניכט פיר מיר אונד ניכט פיר שניידערש אָדער שרייבערש זעלבסט. קורץ זא בין איך גיווארפין פון איין שניידער צום אנדערען, אונד אז איך בין ארויס אויף דער וועלט האט יעדערער אויף מיך זיך געקרימט".

און דאס קינד—ד. ה. דער „קול לעם"—שעמט זיך ניט און זאגט אויס פאר לייטן, אַז קיינער האט אים אין האנט ניט געוואלט נעמען, אַז ער האָט אומעטום געהאַט חרפות־בזיונות. „איך פלעג אליין אראפ לאזין דיא אויגין זעהענד וויא מיין עלטערן ברודער אומפאנגט מאן מיט ליבע יעדער נעמט איהן אויפין האַנד יעדער טאַפט איהם פאן אַללע זייטען אונד מיך לייגט מאן וועק אדער מאן ווארפט וועק".

און דאס קינד ווערט מיט אמאל וויכער און באַשולדיקט ניט אַזוי דעם טאַטן, ווי די „ביאַנקעס". „נור איבער הויפט האב איך צוא פערדאנקען מיין לעצטע באינקע זיא האט פון מיר די הויט אראפ געשונדען זיא האט ווי אויף צו להכעיס מיר אן גיטאן א ל ל ע ס ש מ ו ט צ י ג א ו נ ד ה א ט מ י ך פ ע ר ד א ר ב ע ן א י ן ח א ר א ק ט ע ר א ו י ך *). מעכטעט זיא מיך ניאגצען נאך אבישעל זא וואלט איך שאן תחיית המתים ניכט אויף גישטאנען. מיין פאטער האט פיהל מאל צו דער באינקע גישריבין זיא זאלל מיך בעסער ניט ארויסלאזען אויף דער וועלט ביס ער וועט זעלבסט קומען, אבער עס האט ניט געהאלפען".

דעם פאטער — ד. ה. ראַדקינזאָן—טוט שטארק הנאָה, וואס דאס קינד ווארפט ארויף די שולד אויף די „ביאַנקעס". ער זאגט אבער, אז ער האט איבערגעלאזן דאס קינד ניט אויף פאלשע

*) די קורסיוון זיינען אונזערע.

ניאַנקעס״, נאָר אויף אַ גוטער „גובערנאַנטין״; די צרה איז, „בער געווען וואָס „די גובערנאַנטין האט פיר דיר ניכט גיפּאסט, זיא וואַר ניכט אין שטאנד דיך צוא רעדיגירען״.

דער קיצור דערפון איז, אַז ראַדקינזאָן אַליין איז גאָר „גאָט די נשמה שולדיג״, זיין כוונה איז געוויס געווען אַ גוטע; ער האָט געוואָלט געבן דעם לעזער אַ גוט בלאַט, אַי וואָס דאָס בלאַט איז אַרויס „שמוציג״ און מיט אַ „פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער״,—איז דאָס נאָר מחמת ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין דער גובערנאַנטקע.

אָבער וואָס געווען—איז געווען. אויף להבא וועט דאָס אַלץ ווערן אַנדערש. „יעטצט מיין קינד נעהם איך דיך ווידער אונד ווערע מיט גאטעס הילף דיר אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג געבן. אָבער דוא מוסט נאך בישכעןווארטען ביז דעם נייעם 78 טין יאהר דאן ווערסטו אלט דריטער יאהר וועסטו שאן ערשיינען גענצליך אין דער זעלבער מאס וויא דיין ברודער. מיט גוטע אידישע קליידונג וועלכע איך וועל פאר דיר בעשטעלען פון גוטע שניידערש״.

און דאָס קינד פאַרענדיקט:

„אט מיט דיזע ווארטען שיקט מיך יעטצט מיין פאטער ארויס אויף דער וועלט. אַלזא בעט איך אייך רבותים איהר זאלט מיך עמפּפאַנגען מיט פריידין איהר זאלט אויף מיר קיין האס טראַגען איך זאג אייך צוא אז איך ווערדע פון יעטצט אן זיין א פיין קינד אונד ווערד ווערטה זיין מיין נאמען וואס איך טראג „די פאלקס שטיממע״. מיינע געעהרטע שרייבערס ביטטע איך מיט מיר מעהר קיינע ספאס מאכין שיקט פיר מיר ערענטליכע אַרטיקלען וועלכע זאללען קענען מיינע גיעהרטע לעזער פערגניגין מאכין״.

צו אַזאַ ציניזם און צו אַזאַ איזדיעקעווען זיך איבער די לעזער און איבער די אייגענע מיטאַרבעטער האָט נאָך, דוכט זיך, ביז אַהין ניט דערלאַנגט קיין רעדאַקטאָר פון קיין שום צייטונג אין דער וועלט. און דער דאָזיקער ציניזם ווערט נאָך איינדרוקספולער, בעמענדיק אין אַכט, אַז דער „קול לעם״ האָט זיך אויך אויף ווייטער ניט אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן אַפילו אויף אַ האָר און איז פאַרבליבן ביי די זעלביקע „שניידערש״ וואָס געווען. עס האט זיך ניט געלאזט מערקן אין „קול לעם״ אַפילו די קלענסטע

שטרעבונג צו באַקומען אַ וועלכע ס'איז צורה פון אַ צייטונג. ער איז פאַרבליבן ביי דעמזעלבן מאָגערן, וואַסערדיקן אינהאַלט, ביי דעמזעלבן צעשעדיקטן יידיש און ביי דער זעלבער עם־האַרצישער פאַרגרייזטער אָרטאָגראַפיע.

אַ משך פון פערצן וואָכן האָט זיך דער „קול לעם" אַזוי אָפּגעשלעפּט, און אויף דער 15־טער וואָך געפינען מיר אין זיין פאַרן טעקסט אַ מודעה אונטער אַזאַ מין נאָמען: „דער „קול לעם" נעמט אָבשייד ביי דיא ליעבע לעזער אויף אַ קליינע צייט!" און „דאס קינד" באַווייזט זיך ווידער פאַרן לעזער מיט אַן אַראָפּגעלאָזט קעפּל און דערציילט אַ ספור־המעשה ווי „דער פאָטער האָטווירקלעך געהאַלטן זיין פערשפרעך, ער האָט באַשטעלט גוטע שרייבערס, גוטע באַטורפאָרישער (!), גוטע פּעליטאַניסטין אונד אַללעס וואס מען געברויך צו מיין קליידונג איך זאָלל מיך ניכט דאַרפין שעמען מיט מיין נאָמען". די לעזער האָבן דאָס אָבער ניט גענומען אין אַכט. „ביי אייך לעזער—קלאָגט זיך „דאס קינד"—האָט דאָס ווייניג גיווירקט, איהר האָט גיזאַלעוועט די עטליחע קאפּיקעס געבין פון נוטצען וועגין". דער סוף איז געווען, אַז „דער פאטער" האָט אַריינגערופן „דאס קינד" צו זיך אין קאַבינעט און האָט אים אָנגעזאָגט „מיט טרערען אין די אויגין" די טרויעריקע בשורה, דאָס אַזוי ווי „די לייטע פערשטייען נאָך נישט וויא בייטיג איזט ער זאָל זיין אַ אנגייערן צו זייא אין שטוב אָדער זייא פערשטייען אונד מאכין זיך כלא ידע", קאן ער אים מער ניט לאָזן וואַנדערן איבער דער וועלט ביז מ'וועט אים פאָדערן. „ווען איך ווערדע זעהען דאס מען בייגקט נאָך דיר, ווערדע איך דיך ווידער לאסין אויף דער וועלט. פארלויפיג אבער נעם אבשייד ביי דיינע לעזער אונד לעזערינען און בלייב צו הויז נאַ פאפראווקע".

אַ האַלב יאָר אַן ערך איז דער „קול לעם" אָפּגעווען „נאַ פאָפּראַווקע", און האט זיך ווידער גענומען "ווייזין צווישען לייטען". דערביי האָט ראַדקינזאָן אָפּגעטאָן גאָר אַ קלייניגקייט: די פריערדיקע 15 נומערן האָט ער פאַררעכנט פאַר אַ גאַנצן יאָר און האָט אַוועקגעשטעלט: "דריטער יאָהרגאַנג נומער 1". צום

נייעם יאָר האָט ער אײַנגעפירט אַ תקון: אַנשטאָט וואָס דער „קול לעם" איז ביז איצט געווען אַ „פּאָליטיש ליטעראַרישעס וואָכענבלאַטט פיר איזראַעליטען", ווערט ער פון היינט אָן אַ „יודישעס וואָכענבלאַטט פיר פּאָליטיק ליטעראַטור וויסענשאַפט רייזעבעשרייבונגען אונד בעלעטריסטיק".

אין אַ מודעה פון אָנהויב ערשטן נומער אונטער דער קעפּל: „דער „קול לעם" שטעלט זיך פאָר פיר זיינע אַלטע בעקאַנטע!", שווימט ווידער אַרויף „דאָס קינד"; און דעם מאָל רעדט עס שוין הכנעהדיק, ממש מיט תחנונים: „איך וועל מיט ווייניק ווארטען אייך ביטטען רחמנות האבין אויף מיינע יונגע יאהרין אונד מיך אונטער שטיצין, געבין מיר איין ארינדטליכען פּלאַטץ בייא אייך אין שטוב אונד אויסהערין מיך יעדער וואָך. אייך פאר שפּרעך איך פאר אויס דאס איך וועל קיין דומהייט שפּרעכין".

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דער דאָזיקער נומער, וועלכער האָט אַנטהאַלטן: „פּאָליטישע אונד וועלטליכע נייעס", געשריבן אין דעם באַקאַנטן ראַדקינזאָנס זשאַנר און מיט די זעלביקע שוין ביי אים אײַנגעוואָרצלטע סטיליסטישע פעלערן, אַן אָנהויב פון אליקום צונזערס אַ בריוו, אין וועלכן ער דריקט אויס זיין פרייד איבער דעם וואָס דער „קול לעם", האָט זיך דערוואַכט נאָכדעם ווי מה'אָט אים שוין געהאַלטן פאַר געשטאָרבן, אַ קליין אַרטיקל „עס איז שוין צייט", פון וועלכן ס'איז ניט אַזוי לייכט צו דערגיין וואָס דער שרייבער וויל און אַביסל „קינדער דיעטעטיק", מיט אַ „רייזע בישרייבונג" פון עטליכע שורות,—איז צושיקט געוואָרן די לעזער ווידער „אַללעס פראָבע בלאַטט". די ריכטיקע צייטונג, וועלכע האָט געזאָלט זיין אַ מוסטער פון פולקומענהייט, איז ערשט אַרויס אין אַ חודש אַרום. פון דאַן אָן איז דאָס בלאַט אָפּגעגאַנגען אַ האַלב יאָר כסדר, אָבער נאָך אַלץ אויף זיין אַלטן באַקאַנטן שטייגער. ס'האָט זיך ניט געשפּירט קיין שום פּרוב מצד דער רעדאַקציע אַריינצוטראָגן אין אים וועלכע ס'איז פאַרענדערונגען צו גוטן. ס'איז אין אים ניט געווען צו זען קיין נייעם נאָמען, קיין נייעם געדאַנק, קיין נייעם לאָזונג, אַלץ די זעלביקע פלוידערייען, אַלץ די זעלביקע אויסגעדראָשענע טעמעס און די זעלביקע געשמאַקלאָזיגקייט. בלעטערט מען

דורך די נומערן „קול לעם“ פון יענער צייט, ווייסט מען ניט וואָס פריהער צו באַוואונדערן, צי די חוצפּה פון רעדאַקטאָר, אָדער דאָס געדולד פון דעם דאַמאָלסטדיקן יידישן לעזער, וועלכער האָט זיך געלאָזט קאָסטן געלט, און האָט נאָך, אפשר, אויך הנאה געהאַט פון ראַדקינזאָנס גייסטיקע שפּייזן.

ז.

און גראָד איז אין דעם גורל פון דאָזיקן, אין אַלע הינזיכטן ניט מוסטערהאַפטן בלאַט, אויסגעפאַלן צו באַדינען די דאַמאָלסט נאָר וואָס אַנטשטאַנענע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אָנפאַנגס האָבן זיך די סאָציאַליסטישע טוער באַנוצט מיט דעם העבּרעאישן וואָרט, אַפריהער מיט ליבערמאַנס „האמת“ און דערנאָך מיט דעם „אַספת־חכמים“ אונטער ווינטשעווסקיס רעדאַקציע. נאָכדעם ווי די דאָזיקעביידע אָרגאַנען זיינען צוליב דעם פאַרבאָט פון דער רוסישער צענזור אונטערגעגאַנגען, איז געבליבן ביי די סאָציאַליסטישע עסקנים אויסצונוצן ראַדקינזאָנס קרעמערשע אינסטינקטן און אַריינשמוגלען די סאָציאַליסטישע סחורה מיט דער הילף פון זיין „קול לעם“. מ׳האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז פאַרן קערבל וועט מען לייכט פועלן ביי ראַדקינזאָן, דעם נאָך ניט לאַנגעדיקן פּרעסער פון די יידישע „רעוואָליציאָנערן“, מאַכן זיין צייטונג אַלס ווערקצייג לטובת דער פאַרשפּרייטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

און כך הוה. אין זיין פערטן יאָר איז דער „קול לעם“ אַריינגעטראָטן אונטער דעם צייכן פון די סאָציאַליסטישע לאָזונגען, אויף וויפל זיי האָבן זיך געלאָזן פאַרמאַסקירן דורך אַנדערע כוונות און פירושים. אויסגעצייכנט אין דעם האָט זיך באַזונדערס אַ מינסקער לערער און געזעלשאַפטלעכער טוער יהודה זאב נופך. נאָך אויף דער באַנק פון דער ווילנער ראַבּינער־שול איז ער געוועזן אַן איבערגעגעבענער נאַראָדאָוואָליעץ, אַ חבר פון ליבערמאַנען און זונדעלעוויטשן, און אָנקומענדיק אין מינסק אַלס פאַרוואַלטער פון דער האַנדווערקער־שול, האָט ער דאָרטן אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. אָט דער נופך איז געווען, ממש, אַ קינסטלער אין אַריינגנבנען דורכן „קול לעם“

אַלערליי פאַרבאַטענע געדאַנקען און אידעען. זיין שטייגער איז געווען צו מאַכן אַן אָנשטעל פון אַ מגיד און אַרויסדרינגען זיינע געדאַנקען פון דער וואָך-סדרה. און וואָס האָט ער ניט אַרויסגע-קוועטשט פון דער וואָך-סדרה? רעיונות וועגן היסטאָרישן מאַטע-ריאַליזם, וועגן דעם קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, וועגן דער אינדיווידועלער פּערזענלעכער פריייהייט, וועגן פּרויען-רעכט א. א. וו.

מיר וועלן דאָ אָנפירן אַ פּאָר ביישפּילן:

מען האַלט ביי פּרשת „כי תשא״, וואו עס ווערט גערעט וועגן דעם האַלבן שקל, וואָס אַלע דאַרפן אַריינטראָגן, סיי אָרעם סיי רייך. דאָס גיט נופכן די געלעגנהייט פונאַנדערצו-שמועסן זיך באריכות וועגן די באַגריפן „אָרעם״ און „רייך״. דאָס פירט אים שוין ממילא אַוועק צו דער פראַגע וועגן דעם אַרבעטער און דעם אַרבעטס-געבער, ביז ער דערלאַנגט אַזוי צו דעם ברייטן פעלד פון „אַרבעט און קאַפּיטאַל״.

איינעם פון זיינע „מינסקער בריוו״ האָט ער אָנגעהויבן מיט די פאָלגנדע ווערטער: „זיצענדיג יעטצט לעבען אַ טיש, אויף וועל-כען עס איז אַ ברילליאַנטער רינג גילעגין, האַב איך איהם געפּרו-בירט אָנמעסטין. טרויט מיר, דאָס איך פיעל זיך יעטצט ווירקליך גאַנץ אַנדערס. אויף דעם רינג האבען הונדערטער מענשין געאַר-בייטעט, אונד איך בין פון זייא דער בעל-הבית. זייא האבען גע-גראבען, געהאַרעוועט, געהונגערט, געליטען אַלץ, כדי מיין פינגער צו בעפּוטצען. דערין בעשטייט די ליידענשאַפט צו שמוק אונד צו טהייערע קליידער; דער מיט ווייזט מאַן פיר אַלעמען: זעהט נור, וואס פיר אַ שטאַרקער, גרויסער מענש איך בין, דאס פון מיינט וועגין אַרבעטען זא פיעל מענשין: אין דער צייט וואס איך עס, שלאָף, שפּאַציר אונד פערקירין דיא צייט, אָט אין דער זעלביגער צייט, אַרבעט מען אויף מיר״.

אָדער אַזאַ מין התחלה פון אַ בריוו:

„ערשטינס, מוז איך זיך אייך רעקאָמאַנדירין ווער איך בין: איך בין אַ אָרעמאַן אונד אַ שוסטער. שאַ, וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען? אייך שטייט ניט אן מיט מיר צו ריידין? דאס איז בייא מיר קיין נייס, איך קען אייך. דאָך וויל איך אייך פרעגין,

וואָ מיט בין איך דאס ניט זאָ אַ מענש, וויא איהר?״

אויסער דעם דערמאָנטן נופכן, וואָס פלעגט מיט זיינע בריוו פאַרנעמען יעדן מאָל כמעט דריי פערטל בלאַט, האָבן זיך געפונען נאָך אַנדערע, וואָס האָבן זיך געפרובט אַריינטראַנספּאָרטירן בגגבה דורכן „קול לעם“ פאַרשיידענע מיט סאָציאַליזם באַפאַרבטע וועלט=אַנשויאונגען, אָבער ניט אַזוי געלונגען ווי ער. מען דאַרף דאָ אָבער באַמערקן, אַז די דאָזיקע אַלע שרייבער, וואָס האָבן געגעפרובט זיין די ערשטע „צו גיין אין פאָלק“ דורכן „קול לעם“, האָבן ניט אַרויסגעוויזן אַפילו דעם קלענסטן אינטערעס צו דער עצם שפּראַך פון פאָלק. אַלע (חוץ נאָוואַכאָוויטשן, דעם היינטיקן ווינטשעווסקי, וועלכער האָט זיך געחתמעט אויף זיינע אַרטיקלען מיט די פסעוודאָנימען: „וגלי איש הרוח“, „בן=נץ“) האָבן געשריבן אַ פאַרדאָרבענעם יידיש אין זייער אַ פאַרגרייזטער אָרטאָגראַפיע. כמעט אין יעדן זאַץ זיינען געווען צען ריינע רוסישע ווערטער מיט קוים איינעם אַ יידישן, און דאָס אויך אַ צעקאַליעטשעטן. ביי איינעם, למשל, וואָס האָט איבערזעצט אין „קול לעם“ דעם באַוואוסטן פיסאַרעווס אַרטיקל Пчелы („דיא ביענען לעבען“) געפינען מיר אַזיינע מיני פראַזן: „געוויס איז דיא אבסטאָיאַטעלסטווא, וואָס דער מויל פון דער ביענע אַטליצאַיעט זיך מיט איהרע צו זאַמענגעזעצטע אוסטראָיסטווא“. „דיא ביענען די ראַבאָטניצעס פעראַייגיגען זיך זעהר אָפּט פאָ אָטשערעדי“. די סבה פון דעם דאָזיקן פאַרברעכערישן פאַרהאַלטן זיך צו יידיש ליגט אין דעם, וואָס אין תוך גענומען האָבן זיך די דאָזיקע סאָציאַליסטישע עסקנים געהאַלטן אין דעמזעלבן שטאַנדפונקט פון די משכילים, אַז יידיש איז בלויז אַ מיטל צו אַ ציל, און ווי נאָר דאָס ציל ווערט דערגרייכט, וועט מען דאַרפן יידיש אַוועקלייגן אין אַרכיוו. אַפילו ווינטשעווסקי, וואָס האָט קורץ נאָכדעם געגרינדעט אין לאָנדאָן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אָרגאַן „דאס פוילישע אידעל“ און וועלכער האָט שפּעטער אַליין מיטגעהאָלפן צו קולטיווירן יידיש אַלס צוועק פאַר זיך,—אַפילו ער האָט נאָך דאַמאָלסט אַרויסגעזאָגט אין „קול לעם“ גופא וועגן יידיש אַזעלכע ווערטער: „איך רייד ניט פון דעם לשון וואָס מיר ריידען, פון דער שפּראַכע וואָס מיר

האָבען בירושה פון דעם דור־הפלגה, אין איהם איז ניט צו בעו־לאַנגען אַ ריכטיקע גראַמאַטיצנע שרייבפאָרמע, איין אופן וויאַ מען קען ניט פערלאַנגען, אַז אַ רב זאָל קענין עברי אָדער איין ארעם־בחור אַ מלאכה, דאס איז ניט מעגליך און דאהער אויך ניט צו פערלאַנגען; ווער דאס פערלאַנגט, קענן היינט טאַקע פערלאַנגען, אַז איין טעג־פּרעססער זאלל גיין צו אַ שמיעד".

אָבער נאָך דעם אַלעם האָט דער דאָזיקער נייער קורס פון „קול לעם" דאָך געווירקט אויף אים צו גוטן אין דעם זין, וואס ס'איז אין אים שוין ממילא געבליבן ווייניק אָרט אויף פוסטע פּלוידע־רייען. דאָס רוב אַרטיקלען זיינען געוואָרן אינהאַלטספולער און ערנסטער. דערצו האָט זיך געמאַכט, אַז אין יענער צייט האָבן אָפּט אָנגעהויבן צו שרייבן אין „קול לעם" עטלעכע וואָלינער שריפט־שטעלער, וועלכע האָבן אַמאָל מיטגעאַרבעט אין „קול מבשר" ווי: מאָני דלוגאַטש, י. ח. לערנער (אין „קול לעם" האָט ער זיך געדרוקט אונטער דעם פּסעוודאָנים: ד"ר ציגענזאָן) און אַנדערע. די דאָזיקע שרייבער, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן אין „קול לעם" דעם וואָלינער זאַפטיקן יידיש, האָבן שוין ממילא גע־נומען אַרויסשטויסן פון אים דעם דייטשמערישן סטיל. אַלס אָפטער מיטאַרבעטער האָט זיך איצט באַוויזן אין „קול לעם" אויך דער שפּעטער פּאָפּולער געוואָרענער יידישער שריפטשטעלער, באַזונדערס אין אַמעריקע, משה זייפערט.

דער „קול לעם" וואָלט זיך, אפשר, אַזוי ביסלעכווייז געפונען זיין תקון און וואָלט סוף, סוף דערגרייכט צו דער מדרגה פון אַ גוטער צייטונג. האָט אָבער זיין רעדאַקטאָר אַן אומגליק פּאַסירט: דורכפאָרנדיק אַמאָל רוסלאַנד, האָט מען אים דאָרטן אַרעסטירט פאַר זיינע אַמאָליקע אַלטע עבירות. מ'האָט אים אַפילו דערנאָך באַ־פרייט, אָבער פון דאַמאָלסט אָן איז ער געוואָרן קאָמפּראָמעטירט. אויסערדעם האָט די רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן צו קוקן קרום אויף זיינע בלעטער, ביז זי האָט זיי צום סוף פאַרבאָטן. ראַדקינזאָן האָט נאָך דאַן געפּרובט אָפּראַטעווען זיינע צייטונגען דורך פאַר־שיידענע סגולות: פריהער האָט ער זיי משנה השם געווען; דעם העבּראַישן „הקול" האָט ער אַ נאָמען געגעבן „הכרם", און דער

ייִדישער „קול לעם" האָט ביי אים געהייסן „קעניגסבערגער איזראעליט". אָבער די סגולה האָט אים ניט געהאָלפן. נאָכן ערשטן נומער פון „קעניגסבערגער איזראעליט", וועלכער איז אַרויס דעם 12־טן סעפּטעמבער (נ. סט.) 1879, איז שוין דאָס בלאַט מער ניט אַרויס.

ראַדקינזאָן האָט זיך נאָך ניט געוואָלט אונטערגעבן. ער איז אומגעלאָפן מיט זיינע בלעטער פון קעניגסבערג קיין בערלין און פון בערלין קיין האַמבורג. דאָס איז שוין געווען אָנהויב די אַכציקער יאָרן, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד, בעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די רוסישע יידן אַ שטאַרקע עמיגראַציע קיין אַמעריקע. געפינענדיק זיך דעמאָלסט אין האַמבורג, האָט ראַדקינזאָן געפּרובט אויפלעבן זיין ייִדיש בלאַט אַלס אָרגאַן פון די שיף־געזעלשאַפטן, און האָט אָנגעפירט אין דער צייטונג אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר דער אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע. דערביי האָט ער געוואָלט אויסשפּילן לטובת זיין קעשענע די גרויסע קאָנקורענץ, וואָס האָט דעמאָלסט געהערשט צווישן די פאַרשיידענע שיפס־געזעלשאַפטן. זיינע אַלע קאָמבינאַציעס האָבן זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן, און דאָס בלאַט איז גלייך אונטערגעגאַנגען.

* * *

דער „קול לעם" קען אַריין אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע בלויז אַלס קוריאָז. ניט אַריינגערעכנדיק אין חשבון דעם זייער קורצן פּעריאָד, אין וועלכן דער „קול לעם" האָט געדינט אַלס אָרגאַנע פאַר די עטלעכע סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן, וואָס האָבן קוים באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן, האָט ער אין דער אונטערשטער שורה ניט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין שום שפּור אין יודישן לעבן. ער האָט ניט אַריינגעטראָגן קיין שום נייעם וואָרט און האָט ניט באַרייכערט דעם ייִדישן געדאַנק אפילו אויף אַ האָר. דער „קול לעם" האָט פאַר זיין פּיר־יעריקער עקסיסטענץ ניט באַלויכטן קיין איין ייִדישע פראַגע און האָט ניט מיטגעהאָלפן פונאַנדערצופּלאָנטערן קיין איין ייִדישע פּראָבלעם.

דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך האָט דער „קול

לעם״ געבראַכט מערער שאָדן, ווי נוצן. הן דער רעדאַקטאָר והן די מיטאַרבעטער, אַפילו די בעסטע, האָבן געשריבן אַ פאַרדאָרבענעם יידיש, האָבן אַריינגעבראַכט הפקירות אין דער אָרטאָגראַפיע, און האָבן דורכדעם געמאַכט דאָס לשון אָרעם, נאַקעט און פאָרמלויז.

נעמענדיק אין אכט דעם פאַקט, אַז אַזאַ אָרגאַן האָט געקענט עקסיסטירן עטלעכע יאָר ביי אַ װעלכער ס׳איז צאָל פון אַבאָנענטן, דאַרף מען משער זיין, אַז אַפילו אין די מיטעלע זיבעציקער יאָרן, אין דעם סאַמע ברען פון דער אַסימילאַטאָרישער אַגיטאַציע, האָט זיך געפונען אַ באַדייטנדיקער קאָנטינגענט לעזער, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך אַ וועלטלעך יידיש וואָרט, און האָבן ניט געהאַט מיט וואָס זייער פאַרלאַנג צו באַפרידיקן; דער קלענסטער טייל, אָבער, מענשן פון אַ נידעריקערן גייסטיקן ניוואָ, מענשן ניט קיין אויסקלייבער, האָבן זיך געזוכט צופרידנשטעלן כאָטש מיט אַזאַ אין אַלע הינזיכטן הינטערשטעליקער צייטונג, ווי ראַדקינזאָנס „קול לעם״ איז אין זיין צייט געווען.

„יודישעס פאָלקס-בלאַט".

א.

פון 1872-טן יאָר אָן, זינט ס'האָט אויפגעהערט ארויסצוגיין אין אדעס דער „קול מבשר", האָט צעדערבוים ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דער צוריקבאַנייאונג פון זיין יידיש בלאַט. ניט איינ-מאָל האָט ער דערלאַנגט צו דער העכערער מאַכט אַ בקשה וועגן אַן ערלויבניש אויף אַ יידישער צייטונג, אָבער אַלע זיינע בקשות זיינען תמיד אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט דעם איין מאָטיוו, אַז ניט אין דער רוסישער הויפּט-שטאָט איז אַן אָרט פאַר אַ זשאַרגאָן-בלאַט. צעדערבוים האָט זיך נאָך אָבער אַלץ ניט מיאש געווען; ער האָט געוואוסט, אַז ס'וועט נאָך אָנשטיין די שעה פאַר זיין בקשה. און ער האָט קיין טעות ניט געהאַט. אין יאָר 1881, בעת אַלס אינערן-מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן גראַף איגנאַטיעוו, האָט צעדערבוים פון אים תיכף באַקומען די ערלויבניש אַרויסצוגעבן אין פּעטערבורג אַ יידישע וואָכנצייטונג אונטערן נאָמען „יידישעס פאָלקס-בלאַט".

אַלס ביילאַגע צום נומער „המליץ" פון 23-טן אויגוסט (נ. סט.) 1881 האָט צעדערבוים פונאַנדערגעשיקט אַן אויספירלעכע מודעה וועגן זיין נייער צייטונג „יידישעס פאָלקס-בלאַט". זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט איז צעדערבוימס דערקלערונג צו וואָס מ'דאַרף האָבן אַ יידיש בלאַט: „יעדע נאַציע אין דער וועלט זאָגט צעדערבוים—האָט זיך איר לאַנד און איר לשון; אין דעם לשון רעדט און דאַוונט דאָס גאַנצע פאָלק; אין דעם לשון שריי-בען די געלערנטע פון יעדעם פאָלק זייערע ספרים אין אַללע אַרט חכמות און אויך זייערע מעשה-ביכליך פאַר דעם המון-עם. (פּראָסטע מענשען), צום אונטערהאַלט און צום שילדערן דען כאַ-ראַקטער פון דער נאַציע—מעלות און חסרונות און וויא אַזוי מען

מען זאָל זיי פאַרבעסערן; אין דעם לשון גיט מען אַרויס צייטונ־גען. נאָר איין פאָלק אונטער אַללע אומות, נאָר דאָס יודישע פאָלק, האָט שוין באַלד צווייטויזענד יאהר קיין אייגען יודיש־לאַנד, און קיין אייגענע פאָלקס־שפּראַכע. יאָ, מיר האָבען אַ טהייערע הייליגע נאַציאָנאַל־שפּראַכע — לשון הקודש — אין איהר זענען געשריבען אונ־זערע הייליגע ספרים וואָס דיא גאַנצע וועלט האָט פון זייא געלע־רענט אַז ס'איז דאָ איין גאָטט, און אַלץ וואָס ער בעפעהלט די מענ־שען וויא אַזוי זיך צו פיהרען, אין דעם הייליגען לשון זענען געשריבע. אונזערע תפלות און אַלע טהייערע ספרים זייט טויזענדער יאהרען מיר קענגען זיך דערמיט באַריהמען אַז יעדער יוד, אַפילו גאָר דער פּראָסטער מענש, קען לייענען לשון־קודש און פערשטעהט אויך אַביסעל. נאָר לשון קודש איז דאָך ניט די פאָלקס־שפּראַכע, ווארום כמעט קיינער רעדט לשון קודש, און אונזערע ברידער וואָס זענען צעשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט רעדין די שפּראַכע פון דעם לאַנד אין וועלכעם זיי זענען געבאָרען, מיר זעהען אַז ביי פראַנ־צעזישע יודען איז פראַנצעזיש זייער מוטטערשפּראַכע, ביי ענגלישע ענגליש, ביי האָללענדישע — האָללענדיש, ביי איטאַליענישע — איטאַ־ליעניש, ביי אַראַבישע — אַראַביש וכדומה.

„ווידער אונטער אַללע יודען אין דער וועלט האבען נאָר מיר, וואָס ווערין אָנגערופען „פּוילישע יידען", אַ באַזונדער לשון, ניט די פאָלקס־שפּראַכע פון דיא פעלקער אונטער וועלכע מיר לע־בען. אונזער „יידיש" איז אַ פערדאָרבען דייטש (זשאַרגאָן), דאָס האָבען אונזערע עלטער עלטער זיידעס ניט מיטגעבראַכט פון ארץ־ישראל אָדער פון בבל, נאָר פון דייטשלאַנד — וויא זייא האָבען דאָרט געלעבט פין אַלטע צייטען, ביז מען האָט זייא אַרויסגעטריעבען, און זייא האָבען זיך באַזעצט אין פוילין, וואָס איז דעמאָלט גרויס געוועזען און האָט זייא געדאַרפט פאַר סוחרים. די פּאָליאַקין האָבען זיך אָבער ניט געוואָלט מיט יידען אָנגעהערען נאָר אין האַנדעל, דאַריבער האָבען יידען זיך ניט געוועהנט צו דער פוילישער שפּראַ־כע און זענען געבליעבען ביי זייער זשאַרגאָן, און איצט איז די יידישע שפּראַכע פערברייט אין פוילין, רוסלאַנד, גאַליציען, בעהמען מעהרען, אונגאַרן, מאָלדאַווא, וואַלאַכיע און אין אַנדערע מדינות

פון אייראָפּאַ, אין אַזיען, אַפריקאַ און אויסטראַליען; אַזוי אַז מעהר וויא די העלפט יידען אין דער גאַנצען וועלט רעדען יידיש.

אין דער יידישען שפּראַכע זענען אויך דאָ פיעל ספרים און ביכליך; מען האָט אָנגעהויבען שרייבען יידיש נאָך פאַר 350 יאהר, מעהרסטענס זענען עס איבערזעטצונגען פון לשון קודש: דאָס דאַוונען, מחזור, תהלים, טהייל מדרשים, מוסר־ספרים, דינים, מנהגים, תחנות פאַר ווייבער און אַנדערע אמונה־ספרים, אויך איבערגליי־בישע ביכער, בבא מעשות און אַנדערע ביכליך צום אונטערהאַלט, אין דעם פאַרצייטיגען שטייגער. נאָר די דאָזיקע ספרים האָבען נאָר געדעדט וויא אַזוי אַ יוד מוז זיך פיהרען ער זאָל זוכה זיין צו האָבען יענע וועלט, און כדי דער פּראָסטער מענש, אָדער די יידענע זאָללען פאַלגען, האָט מען זיי אָפּגעמאָלט דעם גן־עדן מיט דעם גיהנום און וואָס עס געהט דאָרט פאַר מיט פרוממע און מיט זינדיגע מענשען. אָבער פון דער וועלט—וויא אַזוי מען דאַרף זיך נוהג זיין געגען דער מדינה, געגען דער רעגיערונג, געגען דעם כלל מענשען פון דער גאַנצער וועלט און בפרט געגען דיא וואָס זענען מיט אונז פין איין לאַנד און פין איין שטאָדט, געגען אונזער יידישער נאַציע און געגען אונזער אייגענער פאַמיליע; וויא אַזוי מען זאָל ביצליך זיין אַנדערע און זיך אַליין, ווי אַזוי מען דאַרף קינדער דערציהען צו גאָטט און צו לייט, וואָס עס טוהט זיך עפּיס אויף דער וועלט, צי איז שלום, אָדער חלילה, מלחמה; וואָס עס געהט פאָר אין דער מדינה: נייע זאַקאָניס (געזעטצע) און פּאָראַד־קיס; אויב עס איז אַ גרעטעניש אין תבואות אָדער חס ושלום ניט; ווי שטעהט דער האַנדעל, וועלכע מסחרים און וועלכע מלאכות גילטען; אויב עס געהען ניט אַרום קראַנקהייטען רחמנא לצלן און דעסגלייכען—פין דעם אַללעם איז קיין וואָרט, אָדער זעהר ווענינ און זעלטען געשריבען געוואָרין אין יידישע ספרים.

דאָס האָבען מיר בעמערקט פאַר צוואַנציג יאָהר און האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אין אדעסאַ אַ יידישע צייטונג „קול מבשר“. תחלת איז אַ טהייל געבילדעטע ניט געפעללען געוועזן דעם זשאַרגאָן אַזוי פיעל כבוד אָפּצוגעבען, דעמעלט ווען מע וויל אַז אַללע יידען זאָלען רעדען דאָס לשון פון דער מדינה. נאָר מיר

האָבען איינגעזעהן—אַז מיר וועלין ניט רעדען מיט דעם פּראָסטען
יידען, מיט דער פּראָסטער יידענע אין זייער לשון און ווען זיי
ניט געבען צו פאַרשטיין וואָס דיא היינטיגע וועלט פאָדערט, ווע
באָך ניט איין דור אַוועקגעהן, און אַלץ וועט בלייבען ביים אַלטען.
מיר האָבען זיך דערבאָך איבערצייגט וויא גערעכט מיר זענען גע=
וועזען. דער „קול מבשר" איז שטאַרק אָנגענומען געוואָרין בייא
אַללע קלאַססען, אַפילו געבילדעטע האָבען איהם גערין געלייענט,
ווער רעדט דער פּראָסטער עולם און ווייבער האָבען איהם געליי=
ענט מיט גרויס פאַרגניגען, און האָבען איהם אויך געפאָלגט אין
פיעל זאַכען; ער האָט זייא דיא אויגען געעפענט און אויף פיעל
פעהלער אויפמערקזאַם געמאַכט. שלעכטע מענשען האָבען געצי=
טערט מען זאָל זייא ניט בעשרייבען אין „קול מבשר", און דיא
וואָס האָבען גוטס געטוהן זענען שטאָלץ געוועזען אַז מען האָט
זייא געלויבט אין „קול מבשר". אויך די רעגירונג האָט געמערקט
דיא פערענדערונגען צום גוטען אין דיא יידישע אָבשטשעסטוועס
און האָט געוואוסט פון וואַנען דאָס קומט, זיא האָט אונז פיעל מאָל
געדאַנקט".

פון דער דאָזיקער מודעה זעט מען אַרויס, אַז די ניין יאָר,
וואָס זיינען אַוועק זינט ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער „קול מבשר",
זיינען פאַר צעדערבוימען ניט אַריבער אומזיסט. ער האַלט זיך שוין
מער ניט ביי זיין שטאַנדפּונקט, אַז אַ יידישע צייטונג איז נויטיק
בלויז „פאַר ווייבער און פאַר פּראָסטע מענשען"; ער געפינט שוין
אַז יידיש, וועלכע „עס רעדען העלפט יידען אין דער גאַנצען וועלט"
דאַרף געלייענט ווערן פון אַלעמען, און אויך פון די געבילדעטע,
וואָס פאַרשטייען אַפילו אַנדערע שפּראַכן. בכלל הערט מען שוין
איצט צעדערבוימען מער ניט ריירן וועגן „זשאַרגאָן", נאָר אַלץ
וועגן יידיש און יידיש.

אינטערעסאַנט איז אויך דאָס גרויסע און ברייטע פּראָגראַם
פון „יידישעס פאָלקס=בלאַט". דאָס איז כמעט אַ פּראָגראַם
פון אַן עכטן אייראָפּעאישן אָרגאַן, און עס באַשטייט פון צוויי
טיילן. אין דעם ערשטן טייל („אַלץ וואָס עס קומט פיר ביי=
עס אין אונזערע צייטען") גייען אַריין די פאָלגנדע רובריקעס:

„א) לייט=אַרטיקעל (דאָס הייסט די ערשטע „מאמרים" אין יעדער נומער), וואָס רעדען איבער פראַגען (שאלות) וועלכע ריהרען אן יידען אַליין און זייער פיהרונג (הנהגה) אָדער זייא רעדען פין אַלעמען וואָס געהט פאר אין רוסלאַנד, וויפיל עס קען אינטערעסירען יידען ווי רוסישע גראַזשדאַניעס (בירגער).

ב) פראַוויטעלסטווענני ראספאראזשעניעס (רעגירונגס=פעראָרדנונגען): דיא וויכטיגסטע אוקאַזען, זאַקאָניס (געזעטצע), רעסקריפטען, פריקאַזען (בעפעהלע) פון דער רעגירונג (ממשלה), אָדער פון דער העכערן נאַטשאַלסטוואָ (פערוואַלטונג), וואָס רעדען פין אנגעלעגענהייטען וועלכע געהערען זיך אן נאר צו יידען אַליין, אָדער וואָס יידען דאַרפען וויסען וויא רוסישע אונטערטהאַנען.

ג) פאָליטישע איבערבליקע און נאכריכטען. דערצו געהערין; פאָליטישע טעלעגראַפישע דעפעשען און פאָלי=טישע נייאַיקייטען ביי פערשיעדענע פעלקער.

ד) אלץ וואס עס געהט פאר אין אונזער פאטער=לאנד; מעשות וואָס האָבין זיך געטראָפען און אַלץ וואָס עס קומט פאָר אים לעבען פון דיא רוסישע יידען; זייערע פרנסות (פראָ=מישליענאָסט), זייער בילדונג, זייער רעליגיע, זייער מאָראַל (מוסר); נאַכריכטען איבער וואהלטהעטיגע (צדקה) און אַנדערע ניצליכע יידישע אַנשטאַלטען אין רוסלאַנד, אָדער דיא יידישע שולען=קאַזיאָנני (יידישע קרוינסשולען), אָבשטשעסטווענני (געמיינדע שולען), אָדער פריוואַט (טשאַסנע שולען) אויך איבער אַללעם וואָס יעדע יידישע געמיינדע בעזונדער דאַרף האבען פאר זיך; קאָרעספאָנדענציעס, איבערזעטצונגען פון אַנדערע גאַזעטין, און פערשיעדענע נייאיג=קייטען, אויך די וויכטיגסטע נאַכריכטען און בעמערקונגען, וואָס חאָטש זייא געהערען זיך אַפילו אייגענטליך ניט אָן מיט יידען אַליין פאַר זיך, אינטערעסירען זייא אָבער יעדען מענשען.

אַזוי געהען אויך אַריין אין דער אָבטהיילונג וויכטיגע פראָ=צעסען, אין גאַנצען בעשריעבען, אָדער אָבגעקירצט, אויך איבער טהעאַטער און קאָנצערטע.

ה) האנדעלסבוליעטינס און בערזענבעריכטען: נאַכריכטען איבער דען שטאַנד פין דעם האַנדעל און פין דער

בערזע; אויך איבער די קורזע אין פעטערסבורג און אין אַנדערע האנדעלשטעדט,

ו) אַללע אָרטען ערקונדיגונגען (ספראַווקי).

ז) בריעף־קאַסטען (תשובות פין רער רעדאַקציע).

ח) מודעות (אָביאַוולעניעס, אַנאָנסען, אָנצייגען) און פער־שיעדענע רעקלאַמע (מודעות מיט בעשרייבונגען און מיט לויב)".

ווי עס איז צו זען, האָט צעדערבוים ניט אויסגעלאָזן כמעט קיין איין ווינקל נישט בלויז אין יידישן, נאָר אויך אין אַלגע־מיינעם לעבן אויף וויפל דאָס איז נוגע יידן, מיט וועלכן ער האָט ניט געזוכט צו פאַראינטערעסירן זיינע לעזער. ניט קיין קלע־ערע אויפגאַבע האָט זיך צעדערבוים געשטעלט אויך אין דעם צווייטן ליטעראַרישן טייל פון זיין פראָגראַם, וואָס נעמט אַרום די פאָלגנדע רובריקעס;

א) „געדיכטע (שירים, ליעדער) — סאַי אריגינאַלגי (גע־שריבען יידיש) סאַי איבערזעטצונגען פון אַנדערע לשונות.

ב) שילדערונגען, ערצעהלונגען (מעשות, נאָוועללען (פאָוועסטי), ראָמאַנען, סצענען, קאָמעדיעס און דראַמען פין דעם יידישען לעבען, אריגינאַלע און איבערזעטצונגען.

ג) מאמרים (אַרטיקעל) וואָס בעשרייבען אמתע מעשות פין דער געשיכטע, אָדער וואָס קלערין נאָך און איבערלעגען איבער דעם פאַרצייטיגען יידישען לעבען אים אַלגעמיינען און איבער פראַ־גען פין זייער איצטיגען שטאַנד בפרט (בעזאָנדערס).

ד) איבערזעטצונגען פין אויסגעצייכענטע ספרים און מאמרים, בפרט אַזעלכע, וואָס רעדען איבער זאַכען פין יידישער געשיכטע און אינטערעסירען יידען.

ה) נעקראָלאָגען (הספדים איבער פערשטאָרבענע ר"ל) און ביאָגראַפיען (לעבענס בעשרייבונגען) פין בעריהמטע יידען פין אַלטע און נייע צייטען, אויך פין גרויסע לייט אונטער אַנדערע נאַציעס, וואָס פערדיענען אז יידען זאללען פין זייא וויססען, עס מעג זיין אין וואס עס איז פאר א שייכות (בעציהונג).

ו) זשורנאַלני און ביבליאָגראַפישע כראָניק. דאָס הייסט נאַכריכטען איבער מאמרים פין גאַזעטין און זשורנאַלין

און פֿון נייע ספרים און ביכליך וואָס ערשיינען אין דער יידישען און רוסישען ליטעראַטור און רעדען איבער יידען און איבער פראַגען פֿון זייער לעבען.

ז) ליטעראַטורני קריטיקען: איין איבערבליק איבער אויסגעצייכענטער אויפזעטצע אין זשורנאַלען און איבער ביכער וואָס עס איז נייטיג עס זאָללען פֿין זייא וויססען יידען וואס קענען רוסיש.

ה) לייכט געשריבענע מאמרים און פערשיעדענע געלעהרטע זאַכען וואָס ניטצען צו פערברייטען אונטער יידען גע־ניטשאַפט און וואָס דערפֿין וועלין זייא לערנען פערשטעהן טהייל וויססענשאַפטען. אהער געהערען אויך: רייזעבעשרייבונגען (מיט ריסונקיס, צייכנונגען) עקאָנאָמיטשעסקי, לאַנד־ווירטשאַפט און פי־נאַנסאָווע אויפזעטצע.

ט) פעליעטאָנס: בעשרייבונגען און לייכטע איבערבליקע איבער דעם געמיינדע־לעבען פֿין רוסישע יידען; בריעף, בעמער־קונגען, וואָס עס הערט זיך נייעס, אַנעקדאָטען; (אינטערעסאַנטע מעשה׳ליך) לייכט געשריבען.

י) פערשיעדענע ענינים: אהער קומט: אַללגעמיין אונטערהאַלטענדע ערצעהלונגען, נאַכריכטען איבער נייע ענטדע־קונגען, פערבעססערונגען און ערפינדונגען; פראַקטישע בעמער־קונגען איבער היימישע רפואות, איבער מלאכות, פערשיעדענע עסקים (געשעפטע), שטאַטיסטישע נאַכריכטען, פערשיעדענע גלייכע ווערט־ליך, אַללעס וואָס טרעפט זיך זעלטענע זאַכען אין דער וועלט, רע־טענישען, שאַראַדען (רעטענישע פֿין אַ וואָרט, מען זאָל פֿין דער בעשרייבונג טרעפפען וועלכעס וואָרט מען מיינט) און דערגלייכען״.

אָט אַזאַ רייך פראָגראַם, שיר ניט ענציקלאָפּעדיסטיש, האָט זיך צעדערבוים פאָרגענומען איינצופירן אין זיין נייער יידישער צייטונג. פֿון דעם פּראָגראַם גופא זעט מען קלאָר, אַז צעדערבוים האָט שוין דעם מאָל געהאַט אין זינען אַ פיל העכערן סאָרט לעזער אָלס „די יידענע און דער פּשוט׳ער מענש־—דער פריהער־דיקער לייענער פֿון דעם „קול מבשר״. דאָך האָט ער זיך, קענטיק, געשראָקען, אַז דאָס פּראָגראַם זאָל ווערן ס׳איז פֿון די לעזער

ניט אויסקומען אין מאַנכע ערטער אומפאַרשטענדלעך צוליב די נייע באַגריפן, וואָס עס נעמט אַריין, האָט ער עס, ממש, „צעקייט און אַריינגעלייגט אין מויל״, באַנוצנדיק זיך דערצו מיט העברע־איזמען און גערמאַניזמען און רוסיציזמען און זאָגאַר מיט יידישע אויסדרוקן ווי זיי ווערן פאַרשידענאַרטיק געברויכט אין ליטע און אין פוילן און אין וואָהלין און אין רייסן. מיט ד ע ם האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, שוין געוואָלט מאַכן דעם ערשטן פרוב צו פאַרווירקלעכן דעם תקון, וועלכן ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אין דאָס „יידישע פאָלקס־בלאַט״ בנוגע דער שפּראַך. „מיר ווייססען—אַזוי שרייבט צעדער־בוים אין דער אויבנדערמאָנטער מודעה וועגן דאָס „ייד. פ״ב—אַז אויף דעם „קול מבשר״ האָבען זיך טהייל בעקלאָגט, זייא פער־שטעהען איהם ניט אַזוי גוט, וואָרין ער איז געוועזען געשריבען אויף יידיש ווי מען רעדט אין אדעסער געגענד, פערמישט מיט דייטשע ווערטער, וואָרום מיר אַליין האָבען אין אָנפאַנג געמיינט מיר וועלין דעם זשאַרגאָן פערבעססערען ער זאָל זיין אַ לייכט דייטש. איצט זעהען מיר איין, אַז דאָס איז ניט גלייך, לאָז זיך דאָס לשון בלייבען וויא עס איז, נאָר אַזוי וויא ליטווישע יידן פערשטעהען ניט גוט וואָליניש און אין יענעם קאַנט פערשטעהט מען שווערליך ליטוויש, וועלין מיר מאַכען אַ פשרה און אַזוי שריי־בען, אַז עס זאָל זיין רעכט פאַר אַללע יידען וואָס וואָהנען אין רוסלאַנד און אין פאָלען, אויך אין גאַליציען און אין רומעניען און אין אַנדערע לענדער, און וואו עס וועט נייטיג זיין וועלין מיר איינגערינגעלט בעססער מפורש זיין, אָדער אונטען מאַכען איין אָנמערקונג״.

דער ערשטער נומער „יידישעס „פאָלקס־בלאַט״ איז אַרויס דעם 13־טן אָקטאָבער (נ. סט.) 1881

ב.

דאָס „יידישע פאָלקס־בלאַט״ האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין אָנהויב פון אַ נייער תקופה אין יידישן לעבן. דער השכלה־קאַמף, אין וועלכן דער „קול מבשר״ האָט גענומען אַ גרויסן אָנ־טייל, איז שוין געווען לאַנג פאַרביי. אונטער דעם איינדרוק פון

געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן אַנטיסעמיטיזם, און באַזונדערס פון
די יידישע פּאָגראָמען אין דרום=רוסלאַנד, איז אין פיל דענקענ=
דיקע מחות פון דער רוסיש=יודישער אינטעליגענץ פאָרגעקומען אַן
איבערקערעניש, וועלכע האָט געבראַכט צום קראַך די אַסימילאַטאָ=
רישע טענדענציעס, און האָט געשטאַרקט און געפּאַנצערט דעם
יידיש=נאַציאָנאַלן געדאַנק. די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע האָט אומ=
ברחמנותדיק אומגעשליידערט די אידעאַלן פון דער השכלה=עפּאָכע
און האָט געמאַכט אַן עק צו די יידישע אילוזיעס וועגן דער באַל=
דיקער עמאַנסיפּאַציע. אין דעם יידישן לעבן זיינען אַנטשטאַנען
נייע אידעען, נייע שטרעבונגען, און וועלכע מ'האָט זיך געדאַרפט
פונאַנדערקלייבן, ס'זיינען דערוועקט געוואָרן נייע פראַגן און פּראָ=
בלעמען, אויף וועלכע מ'האָט געדאַרפט געבן אַן ענטפער.

פאַר צעדערבוימען מיט זיין שאַרף אַנטוויקלטן זשורנאַליס=
טישן טעמפּעראַמענט האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרויסער און אַ ברייטער
אַרבעטס-פעלד. אין יעדער פראַגע, פאַר וועלכער דאָס לעבן האָט
אַוועקגעשטעלט דעם רוסישן יידענטום, האָט ער באַלד געהאַט זיין
אייגענעם נייעם וואָרט, זיין אייגענעם נייעם געדאַנק, אָפט ניט
אַזאַ גאַנץ גלייכע, אָבער כמעט תמיד אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע.

דער ערשטער נומער פון „יידישען פאָלקס=בלאַט" ווייזט
שוין, אַז צעדערבוים דער רעדאַקטאָר איז ניט געבליבן שטיין אויף
א יין אָרט, אַז ער האָט פאַר דער צייט באַוויזן פיל צו דערלערנען
און איז בכלל געוואָרן אַ סך פאַרטרויטער מיט זיין אויפגאַבע אַלס
אָנפירער מיט אַ בלאַט, וואָס איז באַשטימט באַזונדערס פאַרן ברייטן
עולם. עס וואַרפן זיך גלייך אין די אויגן די אויסערלעכע און אי=
נערלעכע מעלות, מיט וועלכע דאָס „ייד פ"ב" צייכנט זיך אויס פון
„קול מבשר". דער נומער האַלט אַ כ ט גרויסע אין צוויי קאָלומ=
נעס געשפּאָלטענע זייטן, און איז געדרוקט אין אַ שיינעם קליינ=
פערל=שריפט מיט אַ פעלעטאָן אויף פּעטיט. צונויפגעשטעלט איז
דער נומער מיט געשמאַק. ער הויבט זיך אָן מיט צעדערבוימס אַ
לייט=אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „אַ בליק צוריק". דאָס איז אַן
איבערזיכט איבער דער יידישער לאַגע. קודם=כל רוקט זיך צע=
דערבוים אַרויס מיט זיין „פּאָליטישער פשרות", מיט זיין לאָיאַלי=

טעס. ער באַדויערט שטאַרק דעם פאַקט, וואָס אויך יידישע קינדער האָבן זיך „אָנגעשטעקט פון דער מדינה־קרענק‟ פון דעם ס אָ צ י אַ ל י ז ם, דערקלערט אָבער דערביי, אַז די דאָזיקע יונגע לייט „קעהרען זיך גאָר ניט אָן מיט יידען און מיט יידישקייט‟, און בכן איז דאָס יידיש פאָלק אַלס גאַנצעס פאַר זייערע מעשים ניט פאַראַנטוואָרטלעך. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס איז גאָר געווען פון צעדערבוימס זייט אַ מין איינגעצאָלטער „צינז פון טרייער אונטערטעניגקייט‟, כדי ער זאָל זיך באַלד קענען דרייסט און שאַרף אַרויפוואַרפן אויף די שונאי־ישראל, וואָס העצן קעגן יידן דורך אַלערליי פאַלשע בלבולים, וועלכע געפינען אַן אויער ביי דער רעגירונג. און אַזוי איז שוין תמיד געווען צעדערבוימס טבע: יעדעס מאָל, ווען ער האָט געפונען פאַר נויטיק אַרויסזאָגן עפנטלעך וועלכע עס איז אמתן אויפן חשבון פון דער ביוראָקראַטיע, האָט ער זיך פריהער אויסגעגאָסן אין תהלות ותשבחות לכבוד דעם קייזער און זיין „האָהער רעגירונג‟, און אויף ד ע ם חשבון האָט ער שוין דערנאָך גערעדט וואָס ער האָט געוואָלט, און ערעדט האָט ער דאָס, וואָס קיינער פון די יידישע רעדאַקטאָרן האָט זיך קיינמאָל ניט דערלויבט. אין דעם פרט איז ער געווען דרייסט און שטאָלץ ווי קיינער זיין גלייכן, וואָס ס׳האָט אים געבראַכט צו אָפטע קאָנפליקטן מיט דער צענזור.

די פּאָליטיק פון „ייד. פ״ב‟, וועלכע איז די ערשטע צייט געקומען אונטער אַ פאַרגרייזט דייטשמעריש קעפּל: „פּ אָ ל י ט י ש ע ר ר ו נ ד ש ו י‟, איז געווען געשריבן גאַנץ זאַכלעך און לייכט פאַרשטענדלעך. די פרעמדע טערמינאָלאָגיע איז ביי דער זייט פאַרטייטשט געוואָרן אין ריין יידיש.

אַ באַזונדערס גוטן רושם האָט געמאַכט די נייע רובריק „וואָס הערט זיך ביי אונז רוסישע יידן‟. דאָס איז, אייגנטלעך, געווען אַ בינטל נייס פון דער וואָך פון יידישן לעבן אין שטעט און שטעטלעך; אָבער יעדע נייס איז געקומען מיט איר באַלייכטונג און מיט איר מוסר־השכל. די דאָזיקע רובריק איז געפירט געוואָרן מוסטערהאַפט דורך אַ מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטערן פסעוודאָנים „ג׳ ב׳ ג׳‟. דאָס איז געווען

דער אין זיין צייט באַקאַנטער, טאַלאַנטפולער יידיש־רוסישער זשורנאַליסט גרשון בן גרשון (ליפשיץ).

„וואָס מאַכען יידען אין אויסלאַנד"—אַזוי האָט געהייסן די כראָניק פון יידישן לעבן אין די פאַרשיידענע לענדער, וועלכע איז באַאַרבעט געוואָרן גאַנץ לעבעדיק לויט אַלערליי אויסלענדישע צייטונגען און זשורנאַלן.

אונטער דעם פסעוודאָנים ג. האָט דער באַוואוסטער העברעאישער דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן געגעבן צום ערשטן נומער „ייד. פ״ב" אַ שיר מיט דעם כשרן נאָמען „זמר לשמחת תורה". לויטן אינהאַלט איז דאָס אָבער ניט געווען קיין „זמר", נאָר אַ קלאָג־ליד געשריבן אונטער דעם איינדרוק פון די טרויעריקע פּאָגראָם־געשעענישן.

פאַר דער ממשלה פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן, בעת די אַלגעמיינע פּרעסע אין רוסלאַנד, און באַזונדערס די יידישע, איז געלעגן „ניין איילן אין דער אדמה", האָט מען געדאַרפט האָבן גאָר צעדערבוימס דרייסט אום אָפּצודרוקן אַזוינע ווערטער:

„און איצט? איז שוין בעסער? לאָזט מען אונז צופריעדן?
האָט מען שוין אַמאָל דערקענט אַז מיר יידען
זענען אויך מענשען אַזוי וויא די אַנדערן?
וועלין מיר ניט מעהר אין דער וועלט אַרום וואַנדערן?
וועט מען אונז מעהר ניט ראַבעווען, ניט שלאָגען?"— — —

אד. צ — ם, צעדערבוימס אַ זון, אַ געענדיקטער ד״ר מעדיצין און זייער באַגאַבטער זשורנאַליסט, האָט פאַרעפנטלעכט אינם זעלביקן נומער אַ גאַנץ פּאָפּולער אָנגעשריבענעם אַרטיקל: „וויא אַזוי האָט דער מענש געלערנט שרייבען?". דאָס איז געווען די התחלה פון אַ גאַנצער ריי געלונגענע וויסנשאַפטלעכע מאָנאָגראַפיעס, וואָס דער דערמאָנטער יונגער געלערטער האָט געדרוקט אין „ייד. פ״ב" און וועלכע זיינען פון עולם געלעזן געוואָרן מיט גרויס אינטערעס.

פאַרענדיקט ווערט דער נומער מיט אַ קורצן „בערזען־בעריכט" און אַ "קאַלענדער פון וואָך" און אָן אַ זכר אַפילו פון אַ וועלכן ס'איז אַנאָנס.

אויסער דעם דאָזיקן מאַטעריאַל האָט נאָך דאָס בלאַט געֹ־
בראַכט אַ פעלעטאָן: „וואָס זאָגט דער עולם?" פון דעם דאָ־
מאָלסט שוין ביי דעם יידישן לעזע־פּובליקום פּאָפּולער געוועזענעם
מחבר פון „שווארצען יונגעןמאַנטשיק", יעקב דינעזאָהן.
דאָס איז פון דעם מין פעלעטאָנען, וואָס ווערן געשריבן געוויינלעך
פאַר דעם ערשטן נומער פון אַ נייער צייטונג: אַ לייכטער שמועס
וועגן דעם בלאַט גופא און זיינע לעזער. ווי עס זעט זיך אַרויס
פון דעם שמועס איז דינעזאָן, דער שפּעטערדיקער יידישיסט, נאָך
דאַן געשטאַנען אויף צעדערבוימס אַמאָליקן שטאַנדפּונקט, אַז אַ
יידיש בלאַט דאַרף מען בלויז פאַר „ווייבער און פאַר פּראָסטע מענשען".

דער ערשטער נומער פון „יידיש. פאָלקס־בלאַט" האָט אַרויס־
גערופן, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ, גרויס פרייד. די אַמאָליקע
לעזער פון דעם „קול מבשר" האָבן אים באַגעגנט ווי אַן אַלטן
ליבן פריינד און דורך בריוו און טעלעגראַמעס האָט צעדערבוים
באַקומען מאַסן הייסע, באַהאַרצטע באַגריסונגען און ברכות, אַז זיין
בלאַט זאָל מאריך ימים זיין און לאַנג, לאַנג „באַלייכטן און דער־
וואַרעמען דאָס יידיש הויז".

אין דעם צווייטן נומער „ייד. פ״ב" קומט צעדערבוים
באַלד ביים אָנהויב מיט זיינע אַלטע זאָרגן וועגן דער איינהייט־
לעכער אָרטאָגראַפיע. מ׳זעט, אַז דאָס איז ניט הילאַרי גלאַטשטערן,
און נאָך ווייניקער ראַדקינזאָן, וואָס די דאגה אום דער אַנטוויק־
לונג פון דער יידישער שפּראַך איז זיי ניט געלעגן אפילו אין
„דער צענטער פאה". צעדערבוים קען בשום אופן ביי זיך ניט
פועלן, אַז דאָס אויסלייג פון יידיש זאָל זיין עפּעס ווי אַ הפקר־
זאַך, מיט וועלכער יעדער איינציקער קען טאָן וואָס זיין האַרץ
געלוסט. „דאָס יידישע לשון—אַזוי שרייבט צעדערבוים—איז אהן
דעם פערשידען אין די פערשידענע געגענדען, אַזוי, אַז דער ליט־
ווישער ייד פערשטייט קוים דעם וואָהלינער אָדער דעם פּוילישען
יידען, און פערקערט איז אויך אַזוי. איצט אַז דיא מחברים וועלין
שרייבען איטלעכער אויף זיין שטייגער וועט דער עולם גאָר דילל
ווערין און וועט זיך ניט קענען אויסלערנען ריכטיג שרייבען יידיש.
אין אַ צייטונג דאַרפען זיך צוזאַמענקומען פערשידענע שרייבער

פון אַללע געגענדען, איטלעכער שרייבט ווי ער איז געוואָינט צו רעדען, און אַז יעדער וועט זיך האַלטען אָן זיין אָרטאָגראַפּיע וועט זיין זייער ניט גוט, דאָס וועט נאָר פערדרייען דיא קאָפּ פון דיא לעזער, און דער צוועק פון דער גאַזעטע איז דאָך אַז אַללע יידען פון אַללע פּראָווינצען אין אונזער פאָטערלאַנד זאָל קענען לייענען און פערשטעהן וואָס דאָרט איז געשריבען, כּדי עס זאָל ניצליך זיין פאַר אונזער גאַנצער נאַציע".

נעמענדיק דאָס אין אַכט, קומט צעדערבוים צו זיינע „געהרטע מיטאַרבעטער און קאָרעספּאָנדענטען" מיט אַ בקשה, אַז זיי זאָלן זיך צוקוקן צו דער אָרטאָגראַפּיע, וואָס ער האָט אָנגענומען — „צו שרייבען אַזוי ווי מען רעדט". דערביי באַמערקט ער: „מיר וויללען דערמיט בשום אופן ניט בעהויפּטען, אַז אַזוי וויא מיר לייגען אויס אַזוי איז ריכטיג און אַנדערש טויג ניט; נאָר מען מוז דאָך זיך האַלטען ביי איין שטייגער, מעג דערווייל זיין דער, — מיט דער צייט קען זיין, מיר וועלין אַלליין מאַנכעס ענדערן, אָדער אַנדערע ווערדען אונז אויפמערקזאַם מאַכען וואָס נייטיג איז אויסצובעסערן וועלין מיר געוויס אָננעמען מיט דאַנק; אים אַלגעמיינעם אָבער מוז דערווייל בלייבען ביי איין אָרטאָגראַפּיע. וועגן די גראַמאַטיקאַלישע פערשידענהייטען וואָלטען מיר גערין אַיינגעפיהרט מעזאָל זיך האַלטען וויא מעגליך אָן דער דייטשען גראַמאַטיק".

ג.

ריידנדיק וועגן דעם „קול מבשר" האָבן מיר אָנגעוויזן אויף דעם לאָזונג פון „שתדלנות", וואָס צעדערבוים האָט אַרויסגערוקט אין דער יידישער גאַס, געפינענדיק אין דעם דעם הויפּט־שליסל צו דער יידן־פראַגע. אויף דעם דאַרף מען מוסיף זיין, אַז זינט ער האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג, האָט ער זיך אַליין גענומען דעם דאָזיקן לאָזונג צו פאַרווירקלעכן. ער איז געוואָרן אַ שתדלן לויט באַרוף. האָט ער זיך דערוואוסט פון זיינע קאָרעספּאָנדענטן, צי פון אַן אַנדער מקור, וועגן וועלכע ס'איז אומגערעכטיגקייטן, וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן מצד פּראָווינציעלע סאַטראַפּן איינציקע יידן אָדער קהלות, האָט ער אַפילו גאָר ניט געבעטענערהייט באַלד באַזוכט דאָס אינערן־מיניסטעריום, און אַמאָל אויך

געגאַנגען אַהיים צו די העכערע באַאַמטע און האָט זיך פאַר ווען
מען באַדאַרף משתדל געווען לטובת די געליטענע, און תמיד געפועלט.
כמעט יעדן פאַל פון די דאָזיקע השתדלותן פלעגט ער דערנאָך אַרומ־
שרייבן אין זיין בלאַט, און אַלץ באריכות, אָנהויבנדיק פון „בראשית"
און אַרייגלאָזנדיק זיך אין די קלענסטע פרטים. אין דער פּראָ־
ווינץ האָט דאָס תמיד געמאַכט גרויס אויפזעען, און דאָס האָט פיל
מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן דעם פּרעסטיזש פון זיין צייטונג. דאָס
האָט אָבער געבראַכט אויך צו דעם, אַז פון די קליינשטעטלעך האָט
מען אָנגעהויבן צו פאַרשיטן, ממש, צעדערבוימען מיט בקשות וועגן
פאַרשיידענע, און דאָס רוב גאַנץ קליינלעכע השתדלותן ביי „נאַ־
טשאַלסטוואָ". ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז צעדערבוים האָט זיך
געפונען גענייטיקט צו פאַרעפנטלעכן אין „יידיש. פאָלקסבלאַט" די
פאָלגנדע העכסט כאַראַקטעריסטישע ערקלערונג:

„פיעל פון אונזערע ברידער ווענדען זיך פין נאָהנט און פין
ווייט צו אונז מיט בקשות, פון זייערט וועגען צו קלאָפּאָטשין אין
פערשיעדענע פּריסוטסוויס (אָמטער) אָדער אַנדערע עסקים. השם
יתברך ווייסט אַז מיט דעם גאַנצען לעבען וואָלטען מיר גערין ניצ־
ליך זיין יעדען פין אונזערע ברידער. ס'איז אונז ניט אַזוי שווער
די טרחה און דאָס לויפיניש, מיר זשאַלעווין אויך ניט דיא קליינע
הוצאות וואָס אונז מוז קאָסטען אַזעלכע געגג אין אַזאַ גרויסער
שטאָדט; נאָר איז אונז ניט מעגליך אַזוי פיעל צייט צו פערברוי־
כען צום לייענען לאַנגע בריף מיט בעשרייבונגען פין גאַנצע פּראָ־
צעסין און אַנדערע צרות, מכל שכן נאָך אַרימצולויפען אין דיא
מיניסטערסטוועס, אים סענאַט און דעסגלייכען אַנדערע אָמטער.
יעדער קען פערשטיין, אַז צוויי גאַזעטין אַרויסצוגעבען נעמט צו
גענוג צייט, אַ חוץ דעם מוז מען פערזעהן אַ געשעפט. מיר זענען
דאַדורך געצווינגען צו בעטען אונזערע ברידער אין דיא פּראָווינצ־
שטעדט זייא זאָלין אונז פון איצט אָן ניט בעלעסטיגען מיט בקשות
פאַר יחידים, אויב עס וועט זיין עפּיס אַ וויכטיגער עסק וואָס ריהרט
אָן דעם כלל ישראל, אָדער איין עדה יידן, אַ געמיינדע, אַ ניטצ־
ליכע חברה, דעמאָלט זענען מיר מחויב צו טהון וואָס מעגליך איז,
אויב עס איז נאָר אַ ריינע זאַך, מיר זאָלין ניט דאַרפען רויטה ווע־

רין פאַר נאַטשאַלסטווע. נאָר פריוואַט אַנגעלעגענהייטען וועלין מיר אַפילו ניט לייענען דיא מגילות".

נאָך די ערשטע פאָגראָמען אין דרום, בעת די רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן האָט אונטער דעם דרוק פון דער צעבושעוועטער אַנטיסעמיטישער פרעסע באַשטימט אין יעדער גובערניע באַזונדערע קאָמיסיעס, וועלכע האָבן געדאַרפט אויסגעפינען די געהעריקע מיטלען ווי אַזוי אומשעדלעך צו מאַכן דעם יידישן איינפלוס אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, און עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז די קאָמיסיעס האָבן באַשלאָסן פאַרצולייגן פאַרן קייזער מ'זאָל אָפּנעמען ביי יידן אַ גאַנצע ריי פון פרנסות און באַשעפטיגונגען,—אין יענער „הייסער צייט", ווען צווישן די ברייטע פאָלקס=מאַסן האָט אויסגעבראָכן אַ פאַניק און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער געלאָף פון לאַנד, און די פאָרשטייער פון רוסישן יידנטום זיינען געשטאַנען ווי צעמישט און האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס צו אונטערנעמען, איז צעדערבוים געווען כמעט דער איינציקער, וואָס האָט זיך אַליין ניט פאַרלאָרן און האָט אויך געזוכט צו באַרוהיקן דעם איבערגעשראָקענעם עולם. ער איז דאַן אומגעלאָפן פון מיניסטער צו מיניסטער, איינמאָל דורך דעם „פאַראַדנעם" און צען מאָל דורך דעם „שוואַרצן" אַריינגאַנג, האָט מיט זיין געבראָכענעם רוסישן צונג יעדערן אינטערוויואירט וועגן דער לאַגע, ביי יעדערן קאָנטראָלירט די אַרויסגעלאָזענע קלאַנגען וועגן דער טעטיגקייט פון די קאָמיסיעס. און ווי פאַרביטערט און פאַרוואונדעט זיין האַרץ איז ניט געווען, אַרויסגייענדיק פון די מיניסטאָרן=קאַבינעטן, וואו אים איז ניט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן וועגן יידן גאָר ניט קיין אַנגענעמע ווערטער, האָט ער דאָך אין „ייד. פ"ב" געשטאַרקט דעם בטחון פון דער מאַסע, געטרייסט איר און פאַרזיכערט, אַז דער מצב איז נאָך ניט אַזוי שלעכט, אַז באַלד וועט אַלץ בעסער ווערן, דער עיקר איז נאָר, אַז יידן זאָלן זען פאַרפייגערן זייערע מעשים און זייער גאַנצע הנהגה. דערביי פלעגט צעדערבוים אָפּלייענען אַ גאַנצן צעטל פון יידישע פעלערן, האַלטן לאַנגע מוסר=דרשות, אַריינוואַרפן גאַנץ אָפּט שאַרפע, שטעכעדיקע ווערטלעך, וואָס פלעגן „דערגיין ביזן

ביין". דער עולם האָט אָבער צעדערבוימס אַרטיקלען ממש צוצו־קערט, ווייל ס'האָט זיך אַלעמען געפילט, אַז דאָס זיינען ווערטער פון טיפן האַרצן; אויף דער פּראָווינץ זיינען די בלעטער אַרומגע־גאַנגען פון שטוב צו שטוב, אין די קלויזן און בתּי־מדרשים האָט מען אין זיי געלערנט „פּשט". אַזוי אַרום איז דאָס „יידישע פאָלקס־בלאַט" געוואָרן פון איין זייט אַ רעזערוואַר פון יידישע קרעכצן און זיפצן, און פון דער אַנדער זייט אַ קוואַל פון טרייסט און האָפענונג.

צעדערבוים האָט עס גאַנץ גוט געוואוסט און האָט געזוכט צו שלאָגן דערפון קאַפּיטאַל ביי זיין שטענדיקער אַרומרייסעניש מיט דער פּעטערבורגער יידישער פּלוטאָקראַטיע, וועלכע האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן זיין שתּדלנישע טעטיקייט, האַלטנדיק, אַז נאָר זי אַליין האָט דאָס רעכט צוריידן אין נאָמען פון כּלל ישראל.

קעגן דעם פלעגט אָבער צעדערבוים טענהן, אַז היות ווי ער האָט זיבן טויזנט אַבאָנענטן און יעדער עקזעמפּליאַר ווערט דורכשניטלעך געלייענט פון צען לעזער, בכן האָט ער שטיין הינ־טער זיך 70 טויזנט יידן, פון וועמעס נאָמען ער האָט דאָס פולע רעכט צו ריידן און צו האַנדלען. אויף דעם באָדן זיינען שטענדיק פאָרגעקומען צווישן צעדערבוימען מיט די פּעטערבורגער עסקנים גרויסע חלוקי־דעות כּמעט אין אַלע פראַגן, וואָס זיינען דאַ־מאָלסט געשטאַנען אויפן סדר־היום אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, און דער היסטאָריאָגראַף, וואָס וועט אַמאָל קומען שרייבן די געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד אין יענער עפּאָכע, וועט אין „יידיש. פאָלקס־בלאַט" געפינען זייער אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן דעם פאַר־ביטערטן קאַמף, וועלכער האָט זיך דאַן געפירט צווישן דער „גבאי־ראָקראַטיע" אין דער פּערזאָן פון די גינצבורגס און די פּאָליאַקאָווס, און צווישן דער דעמאָקראַטיע אין דער פּראָווינץ מיט צעדערבוימען בראש.

ד.

די ערשטע צייט איז דער גאַנצער פּובליציסטישער טייל אין „יידיש. פאָלקס־בלאַט" אויסגעפילט געוואָרן בלויז דורך צעדערבוימען

אַליין. יעדער נומער האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיינעם אַ לייט=אַרטיקל
און תמיד איבער דער פאַרוויקלטער יידישער לאַגע. יעדן מאָל
איז זיין אַרטיקל געווען אַקטועל, צום מאָמענט. ער האָט געהאַט
אַ באַזונדערע פעהיגקייט אויפצוכאַפּן דעם פולס פון טאָג. זיינענדיק
טעמפּעראַמענט=פול האָט ער זיך ווייניק געהיט מיט ווערטער און
מיט אויסדרוקן, און דאָס האָט אים גאַנץ אָפט געבראַכט צו ריי=
בונגען מיט די צענזאָרן. פיל מאָל האָט געטראָפן, אַז נומערן „ייד.
פאָלקס=בלאַט" זיינען עטלעכע טעג געוואָרן אויפגעהאַלטן דורך
דער צענזור, און זיינען ענדלעך דורכגעלאָזן געוואָרן דורך צעדער=
בוימס השתדלות ביי דער העכערער פאַרוואַלטונג איבער די דרוק=
ענינים. אַזאַ פאַל, למשל, האָט פּאַסירט מיט צעדערבוימס אַ לייט=
אַרטיקל אונטערן נאָמען: „אַ חילוק צווישן המן און פרעה",
אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען גראָבע ווינקען אויף דער פּאָגראָם=
פּאָליטיק פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן. פאַרן דאָזיקן אַרטיקל האָט
מען שוין געוועסט קאָנפיסקירט דעם נומער; צעדערבוימען האָט
זיך אָבער איינגעגעבן צו פאַרדרייען דעם הויפּט=צענזאָר מיט פּשט=
לעך, אַז ער האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט מיינען ווי נאָר דעם
אמתן פרעהן מיט דעם ווירקלעכן המנען.

איינגיכן איז דעם „יידיש. פ"ב" צוגעקומען אַ נייע פּובלי=
ציסטישע קראַפט אין דער פּערזאָן פון משה ליב ליליענבלום.
ליליענבלום איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט
אין „ייד. פ"ב" דאָס פּראָבלעם וועגן דער ווידער=אויפלעבונג פון
דער אַלטער היסטאָרישער יידישער היים אין ארץ ישראל.
צעדערבוים איז דאַן אַרויס אַלס קעגנער ניט נאָר פון ארץ=ישראל,
נאָר אויך פון דער גאַנצער דאַמאָלסטדיקער עמיגראַציע=באַוועגונג
בכלל. זיין מיינונג איז געווען, אַז יידן דאַרפן ניט לויפן, נאָר
בלייבן זיצן אויף אַן אָרט, אַז ס'איז ניטאָ קיין פּרנסה, אַז מען
נעמט ביי זיי אָפּ אַלע צווייגן פון חיונה—איז צו דעם דאָ אַ מיטל:
לאָזן די גבירים בויען פאַבריקן, זאַוואָדן, און די רעגירונג זאָל
אויף איר חשבון גרינדן קאָלאָניעס, וועלן דאַן אָרימעלייט האָבן
אַרבעט. שפּעטער, ווען די עמיגראַציע האָט זיך גענומען שטאַרק
פון טאָג צו טאָג, און די רוסישע רעגירונג האָט געגעבן אָנצוהערן=

רענישן, אַז זי איז דערפון צופרידן, האָט שוין צעדערבוים אומגע־ביטן דעם פראָנט און האָט געזאָגט: ווי באַלד אַז שוין יאָ לויפן, איז שוין גלייכער קיין ארץ־ישראל.

פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך די פובליציסטיק פון „ייד. פ״ב״ כסדר באַוועגט נאָר אויף דער ליניע פון די צוויי פּראָבלעמען: עמיגראַציע און ארץ־ישראל. די לעזער האָט דאָס, קענטיק, אַביסל דערעסן און האָבן גענומען פאָדערן פון צעדערבוימען לייכטערן מאַטעריאַל, ווי שיינע ליטעראַטור וכדומה. אויף דעם האָט צעדער־בוים אָפּגעגעבן די פאָלגנדע זייער כאַראַקטעריסטישע דערקלערונג: „מיר האָבען דעם בטחון צום רבונו של עולם, אַז ער וועט שוין נעמען יידענס צער פאַר זיך און וועט אַיינגעבן רחמנות אונזער רעגירונג, זי זאָל אונזער לאַגע פאַרבעססערן און דעמאָלט וועלין מיר אויך קענין אונזער בלאַט אָנגענעהמער מאַכען. זייט דער צייט וואָס דאָס יידישע „פאָלקס־בלאַט״ גייט אַרויס האָבען מיר נאָך ניט געהאַט אַ בערוהטע שעה, יעדע וואָך האָבן מיר געהאַט צו בע־שרייבען נייע פּאָגראָמעס, נייען גירוש, וואו מען טרייבט יודען פון דאָ פון דאָרט; נייע גזירות און נייע שרעקליכע פּאָטשטין; וואָס מעהאָט מיט אונז בדעה צו טהון. אין אַזאַ פינסטערער צייט איז ניט דער קאָפּ צו שרייבין און ניט צו לייגען אָנגענעהמע מעשות און פערשידענע אונטערהאַלטענדיגע ערצעהלונגען; איין בלאַט איז קאַרג געוועזען די נייטיגע טעגליכע זאַכען צו בעשרייבען. איצט אַז גאָטט וועט העלפן עס וועט רוהיגער ווערין, וועט איטליכער אויפגעלייגטער זיין צו שרייבען און צו לייגען פערשידענע אויפ־זאָצע. אַ צייטונג איז אַ שפּיגעל פון דעם וואָס דאָס פאָלק פיהלט און דענקט. אונזערע לעזער האָבען געלעגענהייט געהאַט זיך צו איבערצייגען אַז מיר פיהלען מיט זייערע צרות׳ און מיר וועלין איה״ש זיך אויך מיט זיי פרייען אויף ישועות און נחמות, און גוטע בשורות וועלין מיר זיך געשווינד אַיילען וואָס געשווינדער מודיע צו זיין. מיר וועלין זיך מיה געבען, מיר זאָלין וויסען ווי מעגליך פריהער וואָס די רעגירונג האָט בדעה איצט צו טהון מיט דעם יידישן וואָפּראָס און וועלין עס אונזערע ברידער בעקאַנט מאַכען באַצייטענס, כדי זיי זאָלין וויסען וואו זיי זענען אין דער וועלט און וואָס צו טהון״.

און צעדערבוים האָטווירקלעך אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר גע־האַלטן די לעזער פון „ייד. פ״ב״ בלויז אין קרייז פון די „יידישע צרות״, ווי ער האָט עס גערופן. אויסער זיינע וועכנטלעכע לייט־אַרטיקלען, וועלכע האָבן זיך, ווען אַפילו אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, געדרייט נאָר אויף דער איין טעמע, האָט ער פאַרבריי־טערט די אָפּטיילונג פון דער פּראָווינציעלער קאָרעספּאָנדענץ, און יעדער נומער האָט געבראַכט בריוו, גרעסערע און קלענערע, פון שטעט און שטעטלעך. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענציעס זיינען אָבער געווען, כמעט אַלע דורכאויס, אָנגעשטעקט מיט דעם גייסט פון צעדערבוימס לייט־אַרטיקלען און האָבן אויך געוואוסט צו דערציילן נאָר וועגן פּאָגראָמען און גירושים און אַנטיסעמיטישע העצעס און וועגן יידן, וואָס נעמען „האַק און פּאַק״ און אַנטלויפן, די קיין אַמעריקע און די קיין ארץ־ישראל. ביי אַזאַ מצב האָט צעדער־בוימען פּשוט ניט געלאָזט דאָס האַרץ צו פאַרנעמען זיך מיט בעלעטריסטיק און מיט לידער, ווי אַנדערע לעזער האָבן פון אים פאַרלאַנגט. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַן אויסנאַם האָט צעדער־בוים געמאַכט בלויז פאַר אַ פּאָר לידער, וועלכע האָבן אויף זיך געטראָגן דעם כאַראַקטער פון עלעגיעס, פון קינות. אַזוי, למשל, האָט ער געדרוקט אַ שיר אונטערן נאָמען „צו די יידישע פעדערן״ (געמיינט: די פעדערן פון די צעפּליקטע יידישע קישנס און פערענעס בשעת די פּאָגראָמען) פון „חאַשקע די ווילנערקע״, אין וועלכן עס געפינען זיך אַזוינע פערזן, וואָס קיין אַנדער יידישע צייטונג וואָלט זיך עס לויט די דאַמאָלסטדיקע באַדינגונגען ניט ערלויבט צו דרוקן, ווי די פאָלגנדע:

„אַ ביסעל העכער פליהט, איהר פעדערן,
פליהט אַרויף הויך צום ליעבען גאָטט דאָרט,
און דערצעהלט גאַנץ הויך אויבען יעדערן
וואָס עס טוהט זיך דאָ אין יעדעם אָרט.

וואָס טוהט זיך אין וואַרשאָ, אין פוילין,
דערצעהלט אַללע מלאכים אויבען,
זאָגט אונזער מיכאלין דעם וואוילין, —
ווי מען לאָזט אונז מאָרדען און רויבען.

דערצעהלט איהם ווי מען האָט אייך צעריססען
צוזאַמען ספרי־תורות דערביי;
זאָל ער נאָר הערען, זאָל ער וויססען
דער אַלטער יידישער האַדאַטיי.

ביז ווי לאַנג וועט זיך עס נאָך ציהען
אַזאַ ראַזבאָי, אַזאַ רויבעריי?
וועט זיך שוין קיינער פאַר אונז מיהען?
פרעגט אים אדרבא דעם האַדאַטיי!!״ אא״וו.

און דער אַלטער דיכטער א. ב. גאָטטלאָבער טענהט זיך אויך דורך אין אַ ליד: „געהט אין שול אריין!״ מיט די פּאָגראָמשטשיקעס, און געפינט, אַז יידן איז געבליבן מער ניט ווי

טאַקע נאָר וויינען, טאַקע נאָר קלאָגען
טאַקע נאָר קאָפּ אין דער וואַנד זיך שלאָגען
פאַסטען און זאָגען תהלים און סליחות,
צו גאָטט בעטען און וויינען און שרייען,
ער זאָלל אונז פון די צרות באַפרייען,
פון די פּאָגראָמעס, פון די רציחות.
אַזוי ליבע ברידער, אַזוי מוז עס זיין!
געהט זשע ליעבע יודען, געהט אין שול אַריין!״

ה.

אָנהויב דריטן יאָר (1883) פון דעם „יידיש. פאָלקס־בלאַט״ באַמערקט זיך אַ געוויסע ענדערונג אין דעם טאָן פון דער צייטונג. דאָס בלאַט הויבט שוין אָן צו ווערן ניט אַזוי טרויעריק געשטימט און קאָנצענטרירט זיך שוין ניט אויף אַזוי פיל בלויז אין „יידישע צרות״. די פּובליציסטיק באַשעפטיקט זיך צווישן אַנדערן אויך מיט פראַגן וועגן ערציהונג: שולן און לערער, ת״ת, חדרים און מלמדים, וועגן געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואוילטעטיקע חברות, אַנשטאַלטן פאַר צדקה און פאָלקס־געזונטהייט וכדומה. דאָס רוב לייט־אַרטיקלען פון דעם מין טראָגן אַ האַלב באַלערנדיקן און

אַ האַלב קריטישן כאַראַקטער. דערביי האַלט זיך נאָך צעדערבוים ביי זיין אַלטן מנהג: אַרומריידן יעדע זאַך וואָס לייַנגער, וואָס אויספירלעכער באופן, אַז עס ווערט ביי אים, ממש, „פון אַ וואָרט אַ קוואָרט“...

צעדערבוים האָט מקיים געווען זיין הבטחה און גלייך פון דעם ערשטן נומער אָן האָט ער אָפּגעגעבן אין דער צייטונג אַ גרויסן אָרט פאַר בעלעטריסטיק. די התחלה האָט ער געמאַכט מיט אַן ערציילונג, וועלכע האָט געהייסן: „אַ ראָמאַן אָן אַ נאָמען“. דער מחבר פון דעם דאָזיקן ראָמאַן, וועלכער האָט זיך געצויגן אין לאַנגע פאָרטזעצונגען העכער אַ האַלב יאָר, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַרן לעזער ערשט ביים סאַמע סוף, און דאָס אויך ניט מיט זיין פולן נאָמען, נאָר מיט דער פאַמיליע: ספּעקטאָר פון אומאַן. דאָס איז געווען דער שפּעטער באַקאַנט-געוואָרענער נאָוועליסט מרדכי ספּעקטאָר. די ערציילונג איז אַ מין פאָלקס-ראָמאַן, אַ קינד פון דער השכלה-עפּאָכע, כמו דיק אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, אָבער מיט אַ היבשער דאָזע רעאַליזם. ספּעקטאָר האָט זיך לויט זיין טאַלענט אַרויסגעוויזן פאַר אַ רעאַליסט דורך און דורך; ער האָט אָבער פאַר זיך קיין גוטע מוסטערן ניט געהאַט. שמר״ס „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען“ האָבן שוין דאַן געהאַט פאַרטריבן פון יידישן ביכער-מאַרק אי דיקן, אי לינעצקין, אי אַבראַמאָוויטשן, און ווי ספּעקטאָר איז דורך זיין טאַלענט גיט אָפּגעהיט געוואָרן פון אַרונטערצופאַלן אונטער שייקעוויטשעס השפּעה, און ער איז זיך געגאַנגען זיין באַזונדערן רעאַליסטישן וועג, האָט ער זיך דאָך אין זיינע ערשטע ערציילונגען ניט געקאָנט באַגיין אָן מעלאָ-דראַמאַטישע עפעקטן און אָן פאַלש קאָפּירטע און אויסגעטראַכטע נאַטור-שילדערונגען, און כמעט פון יעדער שורה האָט גאַנץ בולט אַרויסגעקוקט די טענדענץ. בכלל האָט אָבער ספּעקטאָרס ערשטער דעביוט געקלונגען מיט זיינע רעאַליסטישע טענער ווי אַ אָנגענעמער דיסאָנאַנס לגבי דעם דאַמאָלסטדיקן שונד, וואָס האָט באַהערשט די יידישע ליטעראַטור.

פון דעמאָלט אָן איז ספּעקטאָר געוואָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער פון דעם „יידיש. פאָלקס-בלאַט“. באַלד האָט ער זיך אַרויס-

געוויזן פאַר זייער פּרוכטבאַר, האָט פאַרעפנטלעכט איינע נאָך דער אַנדערער ערציילונגען גרעסערע און קלענערע, מיט וועלכע צו־דערבוים האָט וואָכנלאַנג פאַרנומען דעם גאַנצן פעלעטאָניסטישן טייל פון דער צייטונג. מיט יעדער נייער ערציילונג איז ספּעקטאָרס טאַלענט געוואָרן אַלץ מער אַנטוויקלטער און אומאָפּהענגיקער.

אַ באַזונדער רושם האָט געמאַכט אין זיין צייט ספּעקטאָרס גרויסער ראָמאַן „דער יידישער מוזשיק", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין „ייד, פּ"ב" אינמיטן יאָר 1883 און האָט זיך אַריינגעצויגן אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1884. אין דעם ראָמאַן האָט ספּעקטאָר באַאַרבעט אַ טעמע, וועלכע איז דאַן שטאַרק געווען אין דער מאָדע. ער הויבט זיך אָן מיט אַ ספּור־המעשה וועגן אַ יידישן סוחר, וואָס וועלנדיק זיין אומאָפּהענגיק אין לעבן אַלס נהנה מיגיע כפּיו, פאַרלאָזט ער די שטאָדט און הויבט אָן צו פירן דאָס גליקלעכע לעבן פון אַ פּויער. אין דעם לעצטן טייל פון ראָמאַן ווערט געשילדערט ווי פאַר זיין הויז באַווייזן זיך באַנדעס פּאָגראָמשטשיקעס, פאַר וועלכע אַ יידישער מוזשיק בלייבט דאָך אַ ייד. דער מוסר־השכל פון דעם ראָמאַן איז, אַז יידן וועלן גליקלעך זיין נאָר דאַן, ווען זיי וועלן זיך צוריקקערן צו ערד־אַרבעט און אויסערדעם, אַז דאָס דאָזיקע צוריקקערן וועט באַזונדערס געלינגען, ווען דאָס וועט פאָרקומען אויפן אייגענעם יידישן באָדן — אין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער ראָמאַן האָט נאָך אַלע זיינע פעלערן געהאַט ביים יידישן לעזע־פּובליקום זייער אַ גרויסן ערפאָלג.

קורץ נאָך דעם האָט דאָס „יידיש. פאָלקס־בלאַט" אַרויסגערופן אַ צווייטע, נאָך אַ פיל בעדייטנדיקערע ליטעראַרישע קראַפט. דאָס איז געווען דער שפּעטערדיקער שלום־עליכם. זיין ערשטער אַריינטריט אין דער ליטעראַטור האָט ער געמאַכט מיט אַ קליינע ערציילונג „צוויי שטיינער", אויף וועלכער ער האָט זיך אונטער די ערשטע דריי פאָרטזעצונגען געחתמעט „שלום ראַב—וויטש" און ביים סוף האָט ער שוין אַוועקגעשטעלט זיין מפורשן נאָמען: „ראַבבינער שלום ראַבינאָוויטש". אין אַ חדשים צוויי ארום האט ער אפגעדרוקט אין „ייד. פּ"ב" אַ פע־

לעטאָן „די וויבאָריס״, אונטער וועלכן ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אונטערגעשריבן מיט זיין פּסעוודאָנים „שלום-עליכם״, וואָס האָט אים שוין פון דאַמאָלסט אָן באַגלייט כסדר אויף זיין גאַנצן ליטעראַרישן וועג. נאָך אַ ביסל שפּעטער האָט שלום-עליכם פאַרעפנטלעכט אין „יידיש. פ״ב״ אַ סעריע פעליעטאָנען אונטער דעם „אַלגעמיינעם נאָמען „די איבערגעחאַפּטע בריעף״. דורך זיינע דאָזיקע עטלעכע ערשטע פעליעטאָנען האָט זיך שלום עליכם גלייך אַרויסגעוויזן אַלס זעלטענע ערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור. מען האָט שוין געזען באַשיינפּערלעך, אַז ער איז דער איינציקער טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס פאַרשטייט פריי, פריילעך צו לאַכן, אָן אַ שום הינטער-געדאַנק פון מוסר אָדער אַ ביטערן נעבן-געשמאַק, אַז ער איז אַ קינסטלער און נאָר אַ קינסטלער, ביי וועלכן די קונסט האָט ניט קיין אַנדער ציל ווי נאָר צו אַמוזירן דעם לעזער, צו פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן אין בעסטן זין פון וואָרט.

אַלס קעגנזאַץ צו ספּעקטאָרן, וועלכער האָט געגלויבט באַלד צו געפינען זיין וועג נאָר אין בעלעטריסטיק, האָט שלום עליכם אַ געוויסע צייט געפּרובט בלאָנדזשן אַהין און אַהער און טאַפּן דעם וועג. ווי עס ווייזט אויס האָט זיך אים אָנפאַנגס געדוכט, אַז זיין באַרוף ליגט אין דער פּאָעזיע און ער האָט גענומען שרייבן שירים. אָבער שוין זיין ערשטער שיר האָט אין אים אַנטפּלעקט זייער אַ שלעכטן דיכטער. ס׳איז, ממש, צו באַוואונדערן, ווי דער דאַמאָלסט שוין געוועזענער גרויסער פּראָזע-קינסטלער, האָט ביי זיך געקענט פועלן אַרויסצוגיין אין דער עפנטלעכקייט מיט אַזאַ מין געדיכט, למשל, (וואו איז אונזער קאַפּיטאַן?״):

„ביים ברעג טייך, ניט לאַנג בין איך איינער אַליין
געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף אַ גרויסן שטיין,
און האָב מיט זיסער האָפנונג געקוקט אויף דעם שיף,
וואָס האָט מיך באַדאַרפט פיהרען אַהין—אַריף...

אויף דעם שיף איז געשטאַנען איין אַלטער מאַנן!
(דאָס איז געוועזן דער עלטעסטער לאָצמאַנן),

ער האָט אָנגעוויזען מיט דער רעכטער האַנד
קיין מזרח — קיין פּאַלעסטינאַ — אונזער לאַנד...

איך האָב מיט די אויגען געזוכט דאָרט איין אָרט
(פון רוסלאַנד האָב איך געהאַט אַ פּאַספּאָרט!...)
און מיט מיין פּעקל צרות אונטער דער האַנד
האָב איך זיך געדראַפּעט אַרויף אויף דער וואַנד.

— ניין, וואַרט נאָך אויס! — האָט מיר געזאָגט דער לאָצמאַנ־
קריך צוריק, ניטאָ נאָך אונזער קאַפּיטאַן״...

מיט דעם דאָזיקן שיר האָט שלום־עליכם, קענטיק, געוואָלט באַצאָלן זיין צינז דעם דאַמאָלסט נאָר וואָס אַנטשטאַנענעם חבת־ציון־געדאַנק, אָבער דאָס ליד קלינגט ניט אַפילו בדחנ׳ישדיק; ס׳איז אַ צוזאַמענשטעל פון געגראַמטע ווערטער, וואָס זאָגן לחלוטין גאָר־נישט ניט דעם הארצן און ניט דעם מוח. אין דעם זעלבן זשאַנר און פון זעלבן ווערט, האָט שלום־עליכם געשריבן אין „יידיש. פ״ב״ נאָך עטלעכע לידער, אַנדערע פון זיי זיינען שוין אַפילו ווייניקער פּאַרטאַטשיס, אָבער אויך אָן אַ פונק דיכטערישן טאַלענט. דערצו האָט ער נאָך באַזעסן עפּעס אַ באַזונדער שוואַכקייט צו ווידמענען יעדעס מאָל זיין ליד אַ געוויסער פּערזאָן און אויפצושרייבן די ווידמונג דווקא אויף רוסיש*).

אויף דעם וועג פון זיינע בלאָנדזשענישן האָט זיך שלום־עליכם געפּרובט אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע אויך אויף דעם געביט פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַר־עפנטלעכן אין „יוד. פ״ב״ אַ סעריע אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען: „עטליכע היגיענישע פראַגען פאַר אונזערע יונגע מוטערס״. די ערשטע פראַגע, וואָס ער האָט באַהאַנדלט, איז געווען: „צו דאַרף מען וויקלען דאָס קינד?״

---

*) ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַ קוריאַז אין פינעסעס „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״, וואו עס ווערט דערציילט, אַז שלום־עליכם האָט נאָך געשריבן שירים אין „קול מבשר״, בעת, אַז ווען דער „קול מבשר״ האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעשטעלט, האָט דאַן שלום־עליכם געקענט אַלט זיין קוים אַ יאָר נ״ן...

אַזוי האָט זיך שלום-עליכם דעם ערשטן יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט געוואָרפן אויף פאַרשיידענע שריפטשטעלערישע געביטן, ביז ער האָט ענדלעך געפונען זיין וועג.

ו.

אָנפאַנגס יאָר 1884 האָט צעדערבוים אויסגעשריבן ספעקטאָרן קיין פעטערבורג אַלס הויפט-מיטאַרבעטער פון דער צייטונג. ספעקטאָרס מיטאַרבעט אין בלאַט איז באַשטאַנען די ערשטע צייט נאָר פון בעלעטריסטישע פעלעטאָנען. עפעס שפעטער האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אויך געזעלשאַפטלעכע פעלעטאָנען אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אין שטוב און אין גאַס". אונטערן קעפל „צווישען גאַזעטין און ביכער" האָט ער צייטנווייז באַלויכטן אויך פאַרשיידענע ליטעראַרישע ערשיינונגען. אין די דאָזיקע צוויי רובריקן האָט זיך געלאָזן מערקן אַ באַזונדערע פרישקייט פון טאַלענט.

מיט ספעקטאָרס אַריינטריט אין דער רעדאַקציע האָט צעדערבוים פאַרגרעסערט דאָס בלאַט און האָט אַיינגעפירט אַ נייעם תקון, אַז די גרעסערע ערציילונגען זאָלן זיך דרוקן אין באַזונדערע וועכנטלעכע ביילאַגעס, יעדע אין פאָרמאַט פון אַ האַלבן בויגן, און אַז די נייע צוגעקומענע אַבאָנענטן זאָלן זיי באַקומען אַלס אומזיסטע פרעמיע. דאָס האָט צוגעצויגן צו דער צייטונג אַ געוויסן קאָנטינגענט פון נייע, ניט קיין ספעציעל יידיש-לעזער, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט דער עיקר מיט די ערציילונגען פון ספעקטאָרן און שלום-עליכמען.

ספעקטאָר און שלום-עליכם, וועלכע האָבן ביידע אַנטוויקלט אין „יידיש. פ״ב" אַן אינטענסיווע שריפטשטעלערישע טעטיקייט, האָבן אינגיכן געבראַכט די צייטונג צו אַ הויך, וועלכער זי האָט ביז אַהין ניט דערלאַנגט, און דאָס האָט צום סוף יאָר געגעבן צעדערבוימען דעם מוט אַרויסצוטרעטן פאַר זיינע לעזער מיט די פאָלגנדע ווערטער: „דאָס גיט מיר אַיין קראַפט און קוראַזש צום נייעם יאָהר צוגעהן אויף דעם שטייגער און זיך מיה צו געבן מיינע געטרייע לעזער מיט אַלעמען צו באַפרידיגען. איך בין ב״ה פערזעהן מיט מאַטעריאַל, וואָס איך וואָלט געקענט אַרויסגעבן דאָס בלאַט

טאָגליך. דאָס איז פאַר מיר אויך ניט ווייניג אַנגענעהם צו וויסען, אַז איך האָב אויפגעוועקט אַזופיעל טאַלענטפאָלע שרייבער, וואָס קיינער האָט פון זיי ניט געוואוסט, טהייל האָבען אַלליין ניט גע-וואוסט אויב זיי האָבען אַזאַ טאַלענט, ביז זיי האָבען געלייענט דאָס יידישע „פאָלקס-בלאַט" און עס איז זיי אויפגעגאַנגען אַ ניי ליכט, זיי האָבען זיך אָנגעהויבען פריוון שרייבען, תחילת שווערליך און מיטעלמעסיג, דערנאָך אַללע מאָל בעסער". אַז ספעקטאָרס ראָמאַנען האָבען געדינט צעדערבוימען אַלס צוציאונגס-קראַפט,—אויף דעם ווייזט אויך זיין פאָלגנדע דערקלערונג: „ווי ערנסט און געטריי איך בין מיינע לעזער, וועלין זיי קענין דערפון אַרויסזעהן. דער זעהר אינטערעסאַנטער ראָמאַן „דער יודישער מוזשיק" ציהט זיך שוין איבער 4 חדשים אין פאָרטזעצונגען און וועט נאָך אַזוי געשווינד ניט פאַרטיג ווערין און איז וואָס ווייטער מעהר אינטערעסאַנט".

צווישן די הויפט-מיטאַרבעטער פון דעם „ייד. פאָלקס-בלאַט", וועלכע זיינען אַלע, מיט צעדערבוימען און שלום-עליכמען בראש, געווען אָפּיציעלע „חובבי-ציון", איז ספעקטאָר פאַרבליבן דער איינציקער אומפּאַרטייאישער. אויסער אין „יודישען מוזשיק", וואו ער האָט, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעמערקט, לייכט אָנגערירט די חבת-ציון-פראַגע, איז ער אין אַלע זיינע ווייטערדיקע ראָמאַנען געווען אומפּאַרטייאיש. ער האָט געשילדערט דאָס לעבן ווי ער האָט דאָס געזען, געטריי און דייטלעך, מיט אַלץ דאָס גוטע און שלעכטע, דאָס שיינע און דאָס העסלעכע, ניט קוקנדיק אויף אים דורך דער פּריזמע פון אַ וועלכן עס איז אידעאַל. ער האָט אויסגעמיטן הויכע פּראָבלעמען, איז ניט געקראָכן אין די וואָלקנס און האָט ניט גע-נומען זיינע העלדן פון דער הויך. זיינע העלדן זיינען קליינע מענטשעלעך ווי אַרבעטער, בעלי-מלאכות, אָנגעשטעלטע, קליינ-הענדלער וכדומה. אין זיינע שילדערונגען פון קליינשטעטלדיקן לעבן זעען זיך אַרויס אַ גרויסער באָבאַכטונגס-טאַלענט מיט אַ שטאַרקן שטרעבן צו האַלטן זיך געטריי און פּינקטלעך אָן דערווירקלעכקייט, אָן דעם אמת.

ס'דאַרף דאָ נאָך באַמערקט ווערן, אַז ספעקטאָר איז אין זיין

צייט געווען דער ערשטער, וואָס דאָס עצם יידיש איז פון אים באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מין קולט, אַלס הייליקייט. אַריינפּאַלנדיק פון זיין וואָלינער שטעטל אין אַזאַ צו יידיש אינדיפערענטער סביבה ווי פעטערבורג, האָט ער, ריידנדיק אַמאָל ביי אַ געלעגנהייט אין אַ פעלעטאָן וועגן צוויי געוויסע יידיש-רוסישע שריפטשטעלער, אַרויסגעזאָגט זיי די פאָלגנדע עטלעכע אמתן: „פאַר דעם סוף בעט איך נישט איינמאָהל, נאָר טויזענד מאָהל איבער די געעהרטע שרייבער דערפאַר וואָס איך האָב זיי אָנגעטאָהן דעם בזיון פון זיי צו רעדען אויף פּראָסט יודיש; נאָר נישט קשה, זיי בעדאַרפען זיך גאָר נישט שעמען: זיי האָבען זיך נישט געשעמט צו זויגן די מילך פון זייער מוטערס ברוסט. דורך זייער מוטערס מילך אין איינעם מיט זייער מוטערס לשון האָבען זיך ביי זיי אָנגעהויבען צאָהנדליך אויסצושביידען און זיי האָבען אָנגעהויבען צו רעדען ווי מענשען... און ווידער מיט אַ לשון וואָס אונזערע 4 מיליאָן יודען רעדען און שרייבען זייערע הויזליכע און געשעפטס-בריעף זייט 400 יאָהר, און וואָס זייערע אייגענע מוטערס רעדען נאָך ביז הייגט—דאַרף מען זיך גאָר נישט שעמען, און נאָך ווייניגער מיר רוסישע יודען"...

ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז ספּעקטאָרס באַזונדערער צובונד צו יידיש דערקלערט זיך דורך דעם, וואָס ער איז געווען דער איינציקער צווישן די יידישע שריפטשטעלער, וועלכער האָט כל ימיו געשריבן אויסשליסלעך בלויז יידיש, ווערנד כמעט אַלע האָבן צו איין צייט געשאַפן ליטעראַריש אויך אין אַן אַנדער שפּראַך, מאַנכע אין העברעאיש און מאַנכע אין רוסיש. אין קעגנזאַץ צו שלום-עליכמען, ביי וועלכן יידיש האָט געהייסן כסדר נאָר „זשאַרגאָן", האָט ספּעקטאָר תמיד גערעדט נאָר פון יידיש. בכלל איז ספּעקטאָר אין פאַרלויף פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט ניט קיינמאָל אַרויס עפנטלעך קעמפן פאַר יידיש מיט אירע קעגנער פון די פאַרשיידענע לאַגערן.

ז.

אין יאָר 1885 האָט צעדערבוים באַקומען אַן ערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ העברעאישן חודש-זשורנאַל אונטערן נאָמען „המצפה"

דאָס האָט אים אויף אַ געוויסער צייט אָפּגעצויגן פון „ייד. פאָלקסבלאַט", אין וועלכן ער האָט שוין איצט געאַרבעט גאַנץ ווייניק. ביי אַזאַ מצב איז פאַר אים דער פרוכטבאַרער ספּעקטאָר געווען אַ גרויסער געווינס. ס'האָבן געגעבן נומערן, אין וועלכע ספּעקטאָר האָט פאַרנומען גאַנצע דריי פערטל בלאַט. ספּעקטאָר האָט אָבער געשריבן אויסשליסלעך בלויז פעליעטאָנען און ערציילונגען, ווען ניט ווען אויך קריטיק; צו פּובליציסטיק האָט ער קיין שום שייכות ניט געהאַט. דאָס איז די סיבה פון דעם, וואָס אין משך פון גאַנצן 1885=טן יאָר האָט די צייטונג געבראַכט קוים פינף לייטאַרטיקלען אויף אַקטועלע פראַגן. אויף דעם חשבון איז אָבער פיל פאַרגרעסערט געוואָרן די רובריק פון די אינלענדישע און אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענציעס. אין אייניקע גרויסע יידישע צענטערס האָט דאָס בלאַט געהאַט חשובע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם לעזער אין דעם קורס פון די דאָרטיקע וויכטיקע געשעענישן. אַ גרויסן אָרט האָט די צייטונג אָפּגעגעבן דעם לעבן פון די אויסלענדישע יידן.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, אַז נאָך שלום־עליכמס אינטענסיווער אַרבעט אין דער „ייד. פ״ב" פאַרן 1884=טן יאָר, האָט ער פאַר דעם גאַנצן קומענדיקן 1885=טן יאָר באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן אין דער צייטונג בסך=הכל איין פעליעטאָן אין די לעצטע נומערן. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם איבערברוך, וועלכער איז גראָד דעמאָלסט פאָרגעקומען אין זיין אינערלעכן לעבן, ווען דער לובענער ראַבינער איז געוואָרן אַ רייכער גוטבאַזיצער...

פון די זאַכן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „ייד. פ״ב" פאַרן יאָר 1885, האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדערן אינטערעס אַ פעליעטאָן פון N. N., וועלכער האָט געהייסן „אַ בריעף צו אַ מחבר" און האָט זיך געצויגן אַ נומערן צוועלף אַן ערך. דער דאָזיקער N. N. איז געווען יעקב דינעזאָן, וועלכער האָט אין דער פאָרם פון אַ בריוו, וואָס אַ מאָהילעווער גימנאַזיסטקע האָט צו אים געשריבן, דערציילט זייער אַ האַרצרייסנדיקע טראַגעדיע אויפן באָדן פון דער פאַרדאָרבענער יידישער קינדער=ערציאונג אין ליטע. די

דאָזיקע דינעזאָנס ערציילונג האָט ניט קיין איבעריקן קינסטלע=
רישן ווערט, זי איז געשריבן אין דעמזועלביקן סענטימענטאַלן זשאַנר
פון זיין באַוואוסטן „הנאהבים והנעימים". דערפאַר אָבער
ניט די ערציילונג אַ היפּשן און אויך אינטערעסאַנטן שטאָף דעם
קומענדיקן דינעזאָנס ביאָגראַף. מיר געפינען אין איר דעם שליטל
צו דער רעטעניש, פאַרוואָס איז דינעזאָן נאָך זיין „הנאהבים והנעימים",
וועלכער האָט געהאַט ביי דעם לעזע-פובליקום אַזאַ גרויסן ערפאָלג,
מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אין משך פון זיבעצן=
כע יאָר אין יידיש גאָרניט געדרוקט.

קורץ נאָכדעם ווי ס'איז אַרויס דער „הנאהבים והנעימים"
האָט דינעזאָן אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין סמאָלענסקיס העברעאישן
חודש-זשורנאַל „השחר". אונטער יענעם אַרטיקל האָט דער רע=
דאַקטאָר אונטערגעשריבן די פאָלגנדע אומגעלומפּערטע באַמערקונג:
„זיין געבילדעטע און שרייבן יידיש זייגען צוויי קאָנטראַסטן, און
כדי צו שרייבן אויף דעם דאָזיקן לשון דאַרף מען ניט האָבן ניט
קיין קענטעניש און ניט קיין פעהיגקייטן". דינעזאָן האָט דאַמאָלסט
געגומען סמאָלענסקינס ווערטער אויף זיין רעכנונג. האַלטנדיק דאַן
סמאָלענסקינען פאַר דעם גרעסטן אויטאָריטעט, האָט דאָס אים אָפּ=
געשטויסן פון יידיש. וועגן דעם דאָזיקן פאַקט, וואָס אין זיין צייט
האָבן פון אים געוואוסט נאָר געציילטע מענטשן*), האָט דינעזאָן
אַליין געגעבן אַן אויספירלעכע דערקלערונג אין זיין דערמאָנטן
פעליעטאָן, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערן צו אַ מאָהילע=
ווער מיידל, די העלדין פון זיין ערציילונג, די פאָלגנדע ווערטער:

„וועגן אייער בקשה צו מיר, צו געבויכען דיזען טייערע
און זעער בעדייטענדען מאַטעריאַל, דיזען טרויעריגען און האַרצ=
רייסענדען פאַקט צו אַ נייען ראָמאַן, מוז איך אייך די וואַהרהייט
זאגען: דאָס וויל איך ניט טאָהן און וועל ניט טאָהן! איך וועל
עס ניט טאָהן איבער דעם, ווייל איך צווייפעל זעער, אויב איך
קען דערמיט וועמען נוצען. איהר וועט פרעגען פאַר וואָס מיין איך
אַזוי? וועל איך אייך ערקלערן—געוויינליך האַלט עס דער געביל=

---

*) זע מיינע „דריי ליטעראַרישע דורות", ערשטער טייל,

דעטער יוד פאַר אַ חרפה צו לייענען אַ זשאַרגאָנישן ראָמאַן, און אַז עס טרעפט זיך ער לעזט יאָ, האַלט ער געוויינליך דעם זשאַרגאָנישן שרייבער פאַר אַ מענשען אָהן פערנונפט און אָהן פעהיגקייטען—אַזוי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט ערגעץ אין אַ זשורנאַל אַ בעריהמטער רעדאַקטאָר—וואָס איז שוין איבריגענס ניט מעהר קיין רעדאַקטאָר *)—און ווייל קיינער האָט איהם אויף זיין דומהייט ביז איצט ניט געענטפערט, איז דאָך אַ בעווייז, אַז אַלע געבילדעטע יודישע שרייבער האַלטען מיט איהם; דעראיבער איז געגוג פאַר מיר, אַז איך האָב איין בוך אָנגעשריבען אין זשאַרגאָן און דעם עולם געלאָזט וויסען, אַז איך בין אַ שרייבער אָהן שכל און אָהן טאַלענט. צו וואָס זאָל איך עס טאָן צום צווייטען מאָל? ווען מען קען האָפען אויף כבוד, איז כדאַי צו פּרובען, אַז מ'האָט אָבער מיט דעם ערשטען מאָל ניט געטראָפען, צו וואָס זאָל איך אַזאַ נאַר זיין און זיך ניט באַנוגענען מיט דעם ערשטען אום־כבוד, וואָס איך האָב שוין געהאַט”?...

דאָס איז נאָך אָבער ניט גאָר. דינעזאָן האָט אויפגעהערט צו שרייבן יידיש אויך צוליב דעם, וואָס אַ דאַנק די גרויסע און די קליינע שמר'לעך האָט די יידישע גאַס אָנגעהויבן פאַרפלייצט צו ווערן מיט שונד.

„יאָ—שרייבט דינעזאָן ווייטער—דער המון־עם ליגט מיר געוויס שטענדיק אין זינען, פאַר איהם וואָלט איך איבערגעטראָגען האָטש נאָך צעהן מאָל אום־כבוד און שרייבען און זיך בעמיהען פון זיינעטוועגען, ווען איך וואָלט האָטש פיעל ווייניג איבערצייגט זיין, אַז איך קען איהם נוטצען בריינגען, אַז מיינע רייד וועלען ניט זיין אומזיסט אַרויסגעוואָרפען. ליידער פעהלט מיר דיזע איבערצייגונג שטענדיג, בעזונדערס די לעטצטע צייט, וואָס דורך שלעכטע און ניט געראָטענע שרייבער איז זיין געשמאַק אַזוי פערדאָרבען געוואָרען”.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט—די מיטעלע אַכציקער יאָרן—איז דינעזאָנס מיינונג, אַז אין דעם, וואָס דער יידישער

---

*) סמאָל'ענסקין איז יענעם יאָר געשטאָרבן.

המון=עם איז געוואָרן אַ הפקר=פעלד פאַר די אַלערליי שונד=שרייבער, זיינען שולדיק נאָר די *העברעאישע שריפטשטעלער*.

„שולדיג זענען — אַזוי שרייבט דינעזאָן — אונזערע געלעהרטע העברעאָישע מחברים, וואָס זיי ווילען גאָר ניט וויסען פון דעם גאַנצען המון זייערע מיליאָנען ברידער און שוועסטער, וועלכע קענען העבראָאישע ווערקע ניט לעזען; זיי דערמאָנען זיך ניט, אַז דער גאַנצער עולם רעדט נאָר זשאַרגאָן, און ער האָט אויך רעכט און לוסט צו געניעסען אַ מאָראַליש גייסטיג פערגניגען אין זיינע שבתים און ימים=טובים!“...

דינעזאָן האַלט, אַז ווען די גוטע העברעאישע שריפטשטעלער וואָלטן געשריבן זייערע ווערק אויך אין יידיש, וואָלטן דאַן די שונד=מחברים אויפן המון גאָר אַזאַ שליטה ניט געהאַט. ער רופט אויס פאַטעטיש:

„אָ, וואָלטען אונזערע העבראָער ניט אַזוי שטאָלץ געוועזן אויף זייער העבריאיש, ניט אַזוי פאַרנאַרט געוועזן אין זייערע לעזער צו מיינען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל לעזט און פאָלגט זייערע רייד: וואָלט ווער פון די ווירקליך בעריהמטע מחברים אין אונזער ליטעראַטור זיך האָטש אויף אַ קורצער צייט אַראָפּגעלאָזט פון זייער הויכען שטאַנד אין דער לשון קודשען ליטעראַטור און געהן אַמאָל אַ קוק טהון וואָס טהוט זיך אין יענע נידריגע פינסטערע הייזלעך, צווישן זייערע ביז אין דער ערד אַייגעבויגענע און נידערגעשלאָגענע ברידער און שוועסטער, וואָס קענען קיין לשון קודש ניט; זיי רעדען, דענקען, טראַכטען און זיי חלומט זיך אַפילו אין זייער גאַנצען לעבען נאָר אין זשאַרגאָן און אַזוי זייערע קינדער, און ווער ווייסט וויפיעל צעהנדליג יאהרען עס וועלען נאָך פערגעהן ביז אַלע וועלין פאַרשטעהן העבריאיש. וואָלטען אָבער די בעריהמטע מחברים באמת אין זינען געהאַט ניצליך צו זיין זייערע ברידער, ניט זיך צו מאַכען אַ נאָמען צווישען ליטעראַטען איז אַ לשון וואָס איז טאַקי פאַר אונז זעהר הייליג, נאָר דער פראָסטער עולם פערשטעהט זי דאָך ניט: וואָלטען זיי זיך בעסער צוגעהערט און צוגעקוקט וואָס עס געהט פאָר ביי זייערע ברידער וואָס קענען קיין אַנדער לשון נאָר פראַסט יודיש, דעמאָלט וואָלטען זיי געוואהר

געוואָרען, וויפיעל בכבודע מענשען מיט עדלע הערצער און מיט פאַרשטאַנד עס געפינען זיך אונטער די פערגעסענע און פערוואָרלאָזטע ברידער, וויפיעל גוטע געהאָרזאַמע און דאַנקבאַרע תּלמידים וואָלטען זיי אונטער זיי געהאַט, דערפאַר וואָס זיי קלערען זיי אויף, אָפנען זיי די אויגען און לערנען זיי דאָס, וואָס זאָל זיי מאַכען בעליעבט ביי גאָטט און ביי לייט. אויף דעם אופן וואָלטען זיי אָבגעהיט דאָס פאָלק וואָס איז נאָך קינדיש, עס דאַרף נאָך אַ גוטע ערציהונג, פון אומגעבעטענע ניט פערשטענדיגע ניאַנקיס וואָס האָדיוועט דעם נאַראָד מיט נאַשעריי שטאָט ברויט און אַנדערע געזונטע מאכלים און דערמיט פאַרדערבען זיי זיך דעם מאָגען און דעם אַפּעטיט".

דינעזאָן קומט צו די העברעאישע שריפטשטעלער מיט נאָך אַ טענה: פאַרוואָס זיי שרייבן ניט קיין קריטיק אויף די שונדשאַפונגען. דינעזאָן גלויבט, אַז נאָר די קריטיק וואָלט די דאָזיקע שעדלעכע שרייבאַכצן געקענט פאַרטרייבן פון ביכער-מאַרק. אַי, וואָס וואַרט ער ביז אַנדערע וועלן קומען, און טוט אַ ל י י ן ניט די דאָזיקע ניצלעכע אַרבעט? אויף דעם ענטפערט דינעזאָן:

„איך האָב די פּראָבע געמאַכט. איך בין כמעט דער ערשטער מחבר געוועזען מיט אַ זשאַרגאָניס ווערק וואָס האַלט נאָהנט פון 29 דרוקבויגען. אָבער דער אינדיפערענטיזם, וואָס אונזערע אויטאָריטעטען האָבען מיר דאַמאָלס געוויזען, האָט מיין ענערגיע געלאָהמט, מיין מוטה געבראָכען ניט מעהר די העזה צו האָבען אַרויסצוטרעטען מיט אַ נייע ווערק".

אינטערעסאַנט איז, אַז די העברעאישע שריפטשטעלער פון יענער צייט, צו וועמען דינעזאָן האָט אַפּעלירט, האָבן ניט געפונען פאַר נויטיק צו רעאַגירן אויף זיינע טענות אַפילו מיט א י י ן וואָרט, און דער שונד איז זיך ווייטער געוועזן דער גאַנצער „מושל בכפה" אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַ פּראָטעסט קעגן דעם שונד זיינען שוין אָבער געווען, ווען אַפילו ניט אויף אַן אַקטיוון און דירעקטן אופן, די נאָוועלן און ראָמאַנען פון ספעקטאָרן און שלום-עליכמען, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין די ביילאַגעס פון דעם „יוד. פ"ב". באַזונדערס

ווייך אין ליטעראַרישן זין איז געווען די צייטונג אין יאָר 1885, אין וועלכן ס'האָבן זיך געדרוקט ספּעקטאַרס גרעסטע און געלונ־גענסטע ערציילונגען ווי: „ר' טרייטעל", „אַ שטומער גוטער יודע", „עניים ואביונים" א. אַ. די בעלעטריסטיק איז געוואָרן דער „טשוואָק" פון בלאַט. צעדערבוים האָט דאָס אויך דערפילט, און אין זיין אויפרוף צו די לעזער וועגן באַנייען דאָס אַבאָנעמענט צום נייעם 1886־טן יאָר איז ער גלייך אַרויסגעפאָרן מיט דער בשורה טובה, אַז „דער זעהר גייסטרייכער, וויציגער און פון דעם פובליקום זעהר בעליבטער סאַטיריקער, וואָס חתמיט זיך „שלום עליכם", האָט אונז צוגעזאָגט ווייטער בעשטענדיג שרייבען פאַר דעם „יודישען פאָלקס־בלאַט", און ער האָט שוין אָנגעגרייט מאַטעריאַל אויף אַ גאַנץ יאָהר. ער האָט אונז פערשפּראָכען אַ ראָמאַן צו שיקען, וועלכען מיר וועלען אָנהויבען דרוקען נאָך ניי־יאָהר".

ח.

צעדערבוימס העברעאישער „המליץ" מיט זיין „יידישעס פאָלקס־בלאַט" האָבן געשעפטלעך געווירקט איינער אויפן אַנדערן. אין פאַלן, ווען פון איין צייטונג האָט זיך פאַרקלענערט דער טיראַזש, האָט זיך עס באַלד אָפּגערופן אויף דער לאַגע פון דער צווייטער. ביז דעם יאָר 1885 האָט זיך דער מאַטעריעלער מצב פון ביידע בלעטער כמעט אויסגעגלייכט. אָנהויב 1886 האָט אָבער דער „מליץ" באַקומען אַ שטאַרקן קאָנקורענט אין דעם ד״ר קאַנ־טאָרס טעגלעכן העברעאישן בלאַט „היום". כדי ניט צו פאַרלירן זיין פּאָזיציע, איז צעדערבוים געווען געצוואונגען צו פאַרוואַנדלען דעם וועכנטלעכן „מליץ" אין אַ טאָג־צייטונג.

דעם „היום" האָט ער אפילו אַראָפּגעטריבן פון פלאַץ, אָבער זיך אַליין האָט ער אַריינגעטריבן אין קאָלאָסאַלע הוצאות, און דאָס בלאַט האָט אָנגעהויבן צו האָבן אַזוינע גרויסע דעפיציטן, וועלכע ער האָט ניט געהאַט בכח אַריבערצוטראָגן. צעדערבוים האָט געפּרובט דעקן דעם דעפיציט מיט דער קאַסע פון „ייד. פ״ב", אָבער דער „מליץ" איז שוין געווען אַ „לעכערדיקער זאַק", וועלכן מ'האָט בשום אופן ניט געקענט אָנשטאָפּן, און אויף דעם „פאָלקס־

בלאַט" האָט זיך עס אַוועקגעלייגט ווי אַ שווערע לאַסט, וועלכע ער האָט קוים געקענט אַריבערטראָגן.

פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך דער מצב פון „מליץ" גענומען וואַקלען, און זיין גורל איז געוואָרן אינגאַנצן אָפּהייגיק פון דעם מדפיס, ישראל לעווי, ביי וועלכן ער האָט זיך געדרוקט. דער דאָזיקער ישראל לעווי, אַליין אַ זאַגאָרער, אַ ייד אַ יחסן, אַ בר־אורין מיט וועלטלעכער בילדונג, איז געווען אַ מענטש מיט קאַפּריזן, מיט דזיקע געענג, אַ שטיקל מטורף. ביז זיינע מיטעלע יאָרן האָט ער געוואוינט אין ווילקאָמיר, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע געשעפטן: געהאַלטן די פּאָסט, געווען אַן אַדוואָקאַט, אַ פּאָדריאַדטשיק, וועלכער האָט צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַרן מיליטער. אַ געוויסע צייט זאָל ער אויך האָבן געדינט אַלס דירעקטאָר ערגעץ אויף אַן אייזנבאַן. אין די לעצטע זיבעציקער יאָרן איז ער געקומען קיין פּעטערבורג, וואו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער איינגייער ביי דעם דאַמאָלסט ווייט און ברייט באַקאַנטן גביר און כלל־טוער ל ע אָ ן ר אָ ז ע נ ט אַ ל, וועלכער האָט אים זייער מקרב געווען. אין אַ יאָר דריי, פיר אַרום האָט זיך לעווי מיט ראָזנטאַלס הילף דערשלאָגן צו אַ היבשן קאַפּיטאַל און האָט דאַן צעגרינדעט אין פּעטערבורג אַ דרוק. ביי ד ע ם לעווי'ן האָט צעדערבוים געדרוקט זיינע ביידע בלעטער. בעת די געשעפטן פון „המליץ" זיינען אַוועק שלעכט, איז צעדערבוים געבליבן שולדיק לעווי'ן אַ היפּשע סומע געלט. וויפיל מאָל האָט שוין געהאַלטן, אַז לעווי זאָל אַרויסוואַרפן צעדערבוימס בלעטער פון זיין דרוקעריי, און יעדעס מאָל האָבן זיך געדאַרפט אַריינמישן באַוואוסטע פּעטערבורגער כלל־טוער אום צו ווירקן אויף לעווי'ן, ער זאָל צעדערבוימען פּראָלאָנגירן דעם חוב ביז אַ געוויסן טערמין. דער חוב איז אָבער געוואַקסן און געוואַקסן און דער טערמין איז אַריבער. דאַן האָט לעווי אָנגעהויבן שטאַרק צו דריקן צעדערבוימען ער זאָל אים איבערגעבן פאַרן חוב דאָס „יידישע פאָלקס־בלאַט". אַ געוויסע צייט האָט זיך צעדערבוים געראַנגלט מיט דער דעה; אים איז זייער שווער געווען אַרויסצוגעבן פון האַנט דאָס „יידישע פאָלקס־בלאַט", אין וועלכן ער האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל כוחות און וואָס איז

אים געוואָרן אזוי ליב און טייער. דערזעענדיק אָבער אַז ער וועט אַנדערש ניט קענען ראַטעווען דעם „המליץ", האָט ער שוין מסכים געווען איבערצוגעבן דאָס „ייד. פ״ב" לעווי'ן בתנאי, אַז ער זאָל זיין בלויז דער אַרויסגעבער און צו דער רעדאַקציע פון דער צייטונג זאָל ער זיך ניט מישן. צעדערבוים האָט ווי פאָראויסגעזען דאָס משונהדיק פנים, וואָס דאָס בלאַט וועט באַקומען, ווען עס וועט אַרויסגיין אונטער דער רעדאַקציע פון אזא לעווי'ן.

מיט לעווי'ס אַריינטרעטן אין „ייד. פ״ב" אַלס אַרויסגעבער, איז פיל שטייפער געוואָרן דער מצב פון דער צייטונג, און דאָס האָט שוין ממילא געבראַכט אויך צו דער פאַרבעסערונג פון איר אינהאַלט. עס זיינען אין איר צוגעקומען נייע רובריקן ווי: „געשיכטליכעס" (בילדער פון דער יידישער היסטאָריע), „לעבענסבעשרייבונגען" פון גרויסע מענטשן (מיט פאָטאָגראַפיעס), „עפיגראַמען און אַנעקדאָטען", וויסענשאַפטליכע ערפינדונגען". די וועכנטלעכע ביילאַגעס האָבן געבראַכט נייע ערציילונגען פון שלום-עליכמען („די וועלט-רייזע" „קינדערשפיל") און ספּעקטאָרס („יודיש", „אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך"). פון נומער 4 אָן האָט ספּעקטאָר אַיינגעפירט אין „ייד. פ״ב" אַ רובריק פאַר „יודישע פאָלקס-ווערטליך". אויף דעם דאָזיקן געביט האָט ספּעקטאָר אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע פאַרשטענדעניש פאַרן יידישן פאָלקלאָר. אין דעמזעלבן יאָר האָט שלום-עליכם אָנגעהויבן צו דרוקן אין „ייד. פ״ב" אַ סעריע „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס", וועלכע האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם. צעדערבוים, וועלכער איז פון תמיד אָן געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון זיין יוגנט-פריינד ד״ר שלמה עטינגער, האָט באַקומען פון די יורשים עטלעכע פון זיינע איבערגעבליבענע ניט פאַרעפנטלעכטע כתבים, ווי: „דער אינדיק" און „דאָס ליכט" (זייער אַ געלונגענע פּאַראָדיע אויף שילערס „די גלאָקע") און האָט עס געגעבן אין פעליעטאָן פון „ייד. פאָלקס-בלאַט".

צעדערבוים אַליין איז עפּעס געבליבן שטיין ווי אין שאָטן. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם „המליץ" און אין „פאָלקס-בלאַט" כמעט ווי גאָרנישט געשריבן. דערפאַר האָט זיך לעווי

עפּטער'ס געפּרובט כאַפּן פאַר דער פען. און געשריבן האָט ער אַלץ, אַפילו לייט=אַרטיקלען (געחתמעט: ח) און פעליעטאָנען (אונטערן פּסעוודאָנים, „אַ פערזאָרגט בעל ביתל״). און צו וואָס ער האָט נאָר צוגעריירט זיין פעדער, האָט עס שוין געטראָגן אויף זיך זיין באַזונדערן, אינדיווידועלן שטעמפּל — אַ שטעמפּל אַן אויסערגעוויינלעכן אַן עקסצענטרישן, אַ משונהדיק=ווילדן, וואָס האָט שפּעטער, בעת ביי אים אין האַנט איז שוין געלעגן די גאַנצע ממשלה איבערן „פאָלקס=בלאַט״, אַרויסגעבראַכט פון געדולד די בעסטע יידישע שרייבער פון יענער צייט און זיי בייז בלוט געמאַכט, ווי דער לעזער וועט זען אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך. דערווייל ווילן מיר דאָ נאָר אָנווייזן אויף די נעמען פון זיינע ערשטע לייט=אַרטיקלען: „ארץ ישראל אָדער האַרטען קעז״, „עס איז אַ פּקידה״ „אָהן אַ נאָמען״, וועלכע גיבן שוין אַ שטיקל באַגריף פון זיין זשורנאַליסטישער געשמאַקלאָזיגקייט אָדער, גיכער, ווילדקייט. בנוגע דעם אינהאַלט פון זיינע אַרטיקלען, איז ניט האָבנדיק קיין פּובליציסטישן חוש, האָט זיי לעווי גיכער געגעבן דעם כאַראַקטער פון מגידישע דרשות פאַרווירצט מיט גלייכווערטלעך, דאָס רוב קלויזניקשע. דערצו איז דער עצם אויסדרוק פון זיינע געדאַנקען ביי אים אויסגעקומען פאַרדרייט און ווי האַלב מטושטש. צו דעם האָט גורם געווען זיין זאַמוטער לשון, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין שום זאַפטיגקייט און קיין ברעקל פאַרב.

סוף יאָר 1886 איז ספּעקטאָר אַרויסגעטראָטן פון דער רעדאַקציע פון „יידיש. פאָלקס=בלאַט״, און האָט שוין פון דאַן אָן אין דער צייטונג מער ניט מיטגעאַרבעט.

ט.

אין אָנהויב יאָר 1887 האָט לעווי מבטל געמאַכט די וועכענטלעכע ביילאַגעס פון „יידיש. פ״ב״ און אָנשטאָט דעם האָט ער מבטיח געווען צו געבן די אַבאָנענטן אַ מאָנאַטלעכע הוספה, וואָס וועט אַנטהאַלטן „באַשרייבונגען פון וויכטיגע יודישע גרויסע לייט, פון בעריהמטע סינאַגאָגע, און געגענדען אין ארץ ישראל, און אַנדערע באַ=

שרייבונגען פון זאַכען וואָס אינטערעסירען יודען, מיט די צייכענונגען (בילדער) דאַצו". אַחוץ דעם האָט ער צוגעזאָגט צו שיקן „די גאַנציאָריגע אַבאָנענטן צוויי מאָל אין יאָר חבורים (ווערקע), אים ערשטען האַלבען יאָהר — אַ ראָמאַן (אין גאַנצען ניט מיט פאָרטזעצונגען) פון אַ גוטען מחבר, אָדער אייניגע וויכטיגע ערצעהלונגען, אויסציגע פון דער יודישען געשיכטע, וויסענשאַפטליכעס וכדומה"; ראש השגה צייט וועלן מיר ווידער געבין די אַבאָנענטען אַ לוח פון דעם יאהר תרמ"ח, מיט פערשיעדענע אַרטיקלען (סטאַטיאַס) אַזעלכע וואָס דעם יודען איז נעטהיג צום מסחר און צו יודישקייט".

צום נייען 1887=טן יאָר האָט לעווי געמאַכט אין בלאַט נאָך אייניקע תקונים: ער האָט פאַרברייטערט די אויסלענדישע אָפּטיילונג, האָט באַשטעלט קאָרעספּאָנדענטן אין די גרעסטע אייראָפּעאישע צענטערס; ער האָט איינגעפירט אַבאַזונדערע רובריק „ארץ=הקדושה", אין וועלכער עס איז דורך פאַרשיידענע שרייבער באַלויכטן געוואָרן דאָס נייע און דאָס אַלטע לעבן אין ארץ=ישראל. אַ גרויסן ווערט האָט לעווי געלייגט אויפן „לעבען פון יודען אין פערשיעדענע לענדער און זייערע מנהגים".

ביסלעכווייז האָט לעווי אָנגעהויבן אַרונטערצונעמען אונטער זיין השפעה אויך די רעדאַקציע. ער האָט גענומען אַליין פיל שרייבן און קאָנצענטרירן אַרום זיך נייע שרייבער לויט זיין גוסט און זיין געשמאַק. עס זיינען ביי אים מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן שפּאָגל=נייע, ביז אַהין גאַנץ אומבאַקאַנטע, נאָוועליסטען און דיכטער. דער בעלעטריסטישער טייל פון בלאַט איז זייער פאַראָרימט געוואָרן, שירים האָבן זיך געדרוקט גאָר אַ סך פון פריש אויסגעוואַקסענע דיכטער, אָבער ניט איינער פון זיי האָט אַרויסגעוויזן אַ שום ניצוץ פון טאַלענט. צווישן די שירים געפינט זיך אויך איינער פון שלום עליכמען אונטערן נאָמען „אָפּענטליכער אנטוואָרט", אָבער דאָס איז גיכער אַ קוריאָז, אַלס אַ ליד. דער קוריאָז באַשטייט אין דעם, וואָס שלום=עליכם איז זיך עפנטלעך מודה ומתודה, אַז ער האָט צו דער אמתער פּאָעזיע קיינמאָל קיין שום שייכות ניט געהאַט, און דעראיבער וויל ער שוין איצט קיין לידער ניט שרייבן.

„קיין „בדחן“ אין פאָלקס־בלאַטט ווילל איך ניט זיין
(הגם איך בין דאָך אַ קנאַפּער פּאָעט !)
איך האָב זיך מיט דער פּאָעזיע געזעגענט גאַנץ פיין
דער לירע האָב איך געגעבן אַ גט“...

אַזוי אַרום האָט זיך לעווי גענומען אין דער רעדאַקציע די גאַנצע דעה, וואָס ס'האָט גאַנט אָפּט געבראַכט צו רייבונגען און סכסוכים צווישן אים מיט צעדערבוימען. אַ שאַרפער קאָנפליקט האָט צווישן זיי אויסגעבראָכן צוליב אַ נאַרישן פעלעטאָן, וואָס לעווי האָט אָפּגעדרוקט אין „ייד. פ״ב“ „אין וועלכן ער האָט אָפּגעחוזקט פון אַלע יידיש־שרייבער און האָט געמאַכט, אַגב, אַש און בלאָטע אויך פון שלום עליכמען, וועגן וועלכן ער האָט געשריבן (אין כלומרשט אַ לעכערלעכער אָרטאָגראַפיע): „היין מאָל אָבען מיר אים שוין אַרויס געטריבען, דאָס הייסט מיר אָבען אים ניט באַצאָלט פאַר זיינע נאַרישע ווערק איז הער אַליין אַוועק געגאַנגען, אָבער מיר הים גע־מוזט דערנאָך אַליין גיין היבערבעטן. ער איז אַ גוטע שכורע“. צע־דערבוים, אַלס אָפיציעלער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, האָט ניט געוואָלט טראָגן אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ סקאַנ־דאַליעזן פעלעטאָן, און ער האָט געצוואונגען לעווין צו פאַרעפנ־טלעכן אין דעם קומענדיקן נומער די פאָלגנדע אָנמערקונג: „מיר זענען מודיע אונזערע לעזער, אַז דער פעליעטאָן פון № 16 איז בטעות בעטיטעלט געוואָרען „אַ תשובעה פון די געהערטע רידקציה“ און אונטער געשריבען „דער געהערטער רידאַקטאָר“, דען די תשובה איז פון דעם הערויסגעבער און פון איהם אונטערשריעבען. די רעדאַקציאָן קעהרט זיך מיט דעם אַרטיקעל נישט אָן“.

צווישן די נאַרישע שטיקלעך, וואָס לעווי האָט זיך ערלויבט אַרויפ־צוואַרפן פון צייט צו צייט אין „יידיש. פ״ב“ איז זייער כאַראַקטעריסטיש די פאָלגנדע בקשה, מיט וועלכער ער איז צום סוף פון צווייטן קוואַר־טאַל געקומען צו די אַבאָנענטן: „ביי מיר איז געבליבען אַז איך זאָל בעטען די געעהרטען אַבאָנענטען אַז יעדער זאָל ביי דער פאָד־פיסקע ערקלאָרען ווי פיעל נאַרעשקייט ער איז מרוצה צו לעזען אין „הונזער געהערטען גאַזעט“ בכדי אַז צום סוף יאהר זאָלען מיר קאָנען אויסרעכענען ווי פיעל מיר האָבען איהם געגעבען איבעריגע

נאַרעשקייט און פאַר די איבעריגע נאַרעשקייט אָבגעבען אין קינפטיגען יאהר אַזוי פיעל איבריגע „חכמות״. איך רעכען, אַז דאָס איז רעכט און ביליג און אַלע וועלען דער מיט צופריעדען זיין״.

אָפּנעמענדיק ביי צעדערבוימען די גאַנצע דעה איבער דער רעדאַקציע, האָט דאָס שוין ממילא באַלד געבראַכט דערצו, אַז לעווי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר די לעזער פון „פאָלקס-בלאַט״ מיט זיין „אני מאמין״, וועלכער איז, אייגנטלעך, דער אַלטער צעדערבוימישער פּשרה-וועג, נאָר מיט אַ גרעסערער נטיה צו די ר ע כ ט ע. פון צעדערבוימס טראַדיציאָנעלן קאַמף קעגן חסידים און חסידות האָט זיך לעווי אָפּגעזאָגט לגמרי. בילדונג—זאָגט לעווי—איז אַ נויטיגע זאַך, אָבער ער איז „דורכאויס דערפאַר, אַז מע זאָל „מחנך״ זיין די קינדער אין רעליגיאָן און „יראת ד״, א. א. וו. און לעווי פאַרענדיקט זיין „אַני מאמין״ מיט דער הבטחה, אַז צום סוף יאָר וועט ער אָנהויבן אַרויסלאָזן דאָס בלאַט צוויי מאָל וועכנטלעך און אַלע מאָנאַט וועט ער געבן אַ ביכל פון עטלעכע בויגן, אין וועלכן עס וועלן געדרוקט זיין בעלעטריסטישע, ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק פון די בעסטע שרייבער, באופן, „אַז יעדער אַבאָנענט וועט באַקומען אין יאָהר צוועלף ביכער, וואָס וועלען קאָנען זיין אַ ציערונג פאַר יעדע ביבליאָטהעק״.

9.

אַ באַזונדערע לעבעדיגקייט האָט לעווי אַריינגעטראָגן אין דער אָפּטיילונג פון ק ר י ט י ק. מיר מוזן אָבער אויפמערקזאַם מאַכן, אַז לעווי האָט דאָס געטאָן ניט אויס ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט געוואָלט באַשיצן פון אַלערליי ביטערע קריטיקער. ווי דער לעזער וועט ווייטער זען, איז לעווי באמת געווען אַ פאַרביסענער קעגנער פון דער יידישער שפּראַך און פון איר ליטעראַטור. לעווי האָט אָבער בטבע האָלט געהאַט דאָס מין רייסעניש און בייסעניש. ער אַליין האָט זיך תמיד געפּיקט אויף רעכטס און אויף לינקס, האָט געהאַט אַ מין זעלישן פאַרגעניגן אַריינבזאָגן אַ שטעכווערטל, און דאָס רוב אַ ציניש-גראָבן, דאָ ד ע ם, דאָ י ע נ ע ם,: אַבאָנענטן, לעזער, און אַפילו די בעסטע שריפטשטעלער—

קיינעם האָט ער ניט נושא פּנים געווען, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן העכער פאַר אַלעמען. דעריבער, איז אַזאַ זאַך ווי קריטיק, וואו עס קומט אויס צו זאָגן אַ שאַרף ווערטל און געבן יענעם אַ ביס, געווען פאַר אים ווי געוואונשן, און נאָך בפרט, אַז ער האָט זיך אַליין גערעכנט פאַר דעם גרעסטן קריטיקער.

דעם אָנהויב, אַ קריטישער אַרטיקל וועגן שמר׳ס אַ ראָמאַן „דער שלימזל־דיגער״ האָז, וועלכע איז געווען באמת אַ גאַנץ געלונגענער, האָט געמאַכט אַ ביז אַהין גאַנץ אומבאַוואוסטער שריפטשטעלער יעקב מרדכי וואָלפזאָהן פון אַלעקסאַנדריע, וועלכער האָט שוין נאָכהער געשריבן אין פ״ב״ אויך אַנדערע זאַכן. געלונגען איז עס געווען אַלס ערשטער פּרוב צו פּאַראַליזירן די ווירקונג פון שמר״ס ראָמאַנען אויף דער יידישער גאַס. דער אורטייל, וואָס וואָלפזאָהן האָט אַרויסגעטראָגן אויף דעם אויבנדערמאָנט, „העכסט אינטערעסאַנטען ראָמאַן״, איז געווען פאַר שמר׳ן, ממש אַ צעשמעטערנדיקער.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך געדרוקט אין „פאָלקסבלאַט״ אַ גרויסער פעליעטאָן אין צוויי נומערן אונטערן נאָמען „קריטיק״. דער מחבר פון דעם דאָזיקן פעליעטאָן, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטער דעם פּסעוודאָנים „דער יודישער גזלן״, איז געווען — לעווי אַליין. אין דער הקדמה צו זיין פעליעטאָן באַגריסט ער מיט גרויס צופרידנקייט דעם פאַקט, אַז דער באַרימטער רעצענזענט פון רוסיש־יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד״, קריטיקוס (דובנאָוו), האָט זיך „אַראָפּגעלאָזן״ פון זיין רוסישער הויך און האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפע קריטיק אויף שמר׳ס „זשאַרגאָניס״ ווערק „דער רייכער בעטלער״. דעם יידישן גזלן איז אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן די קריטיק, אַז ער האָט געפונען פאַר נויטיק איבערצוזעצן איר כמעט וואָרט ביי וואָרט. שמ״ר האָט אויף דער קריטיק רעאַגירט און אָט אויף איר געענטפערט אין אַ פעליעטאָן מיטן נאָמען „אַ פאַטש פאַר אַ פאַטש״. לעווי, וועלכער איז מער ווי דאָס ניט אויסן געווען, האָט זיך שמר׳ן געלאָזן שרייבן וואָס זיין האַרץ געלוסט, ער האָט אים ניט געשטערט מאַכן קריטיקוסן צו בלאָטע אויסצורײדן אויף אים, ממש, „וואָס אין דער קאָרט שטייט״; ער

האָט אים אַפּילו ערלויבט צו וואַרפן שמוץ אויפן יודישן גזלן (ד. ה. אויף לעווי׳ן אַליין). דערפאַר האָט אָבער דער יודישער גזלן באַלד אויפן אָרט שמר׳ן געגעבן אַ פּאַרציע און געמאַכט אים, ממש אויסצודרייען. אינגיכן איז געקומען אין „פ״ב״ איינער אַ „פ ר י ע ץ ה ח י י ם״ און האָט זיך אָנגענומען שמר׳ס קריוודע קעגן דעם יודישן גזלן, אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט די פאָלגנדע ווערטער: „איידער לעזען אַזעלכע קריטיקעס, איז טאַקע פאָרט גלייכער לעזען דעם „רייכען בעטלער״. לעווי, ווי ניט זיך מיינענדיק, האָט צוגעגעבן צו דעם דאָזיקן אַרטיקל די פאָלגנדע אָנמערקונג: „מיר דרוקען דעם בריעף אָהן „פּירושים״ און אָהן „הגהות״ כּדי צו וויזען, אַז מיר האָבען קיין „פּניה״ ניט אין דעם „ענין״. מיר האָפען, אַז די געעהרטע לעזער וועלען אַליין וויסען וואָס פאַר אַ „טעם״ עס האָט דער „פּרי עץ החיים״. מעהר אָבער וועלען מיר דאַריבער קיין פּאָלעמיק ניט אָנגעהמען״.

לעווי האָט דאָס אָבער ניט געמיינט ערנסט. ער האָט נאָך אין דעם זיין לעצטן וואָרט ניט געזאָגט. אים האָט נאָך געפעלט צום רומל אריינשלעפן אויך שלום־עליכמען אין דעם „ענין שמר״. שלום־עליכם, וועלכער האָט געמיינט בתמימות, אַז לעווי איז אויסן באמת „אויסצוּרוּיכערן שמר׳ן פון דער יונגער יודישער ליטעראַטור״, האָט אים פאַר דעם וואַרים באַגריסט אין אַ פּעלעטאָן. לעווי האָט אָבער אויסגענוצט שלום־עליכמס פּעלעטאָן צו רעאַביליטירן שמר׳ן, וועלכער „האָט סוף־סוף אַ גרויסן טאַלענט״ און אָנצופאַלן אויף שלום־עליכמען פאַרוואָס ער מאַכט אַזאַ ווענן פון יידיש, בעת עס איז ניט קיין לשון און האָט ניט קיין גראַמאַטיק א. א. וו. אָט אַזוי האָט דאָס לעווי פאַרטומלט זיינע לעזער, וועלכע האָבן פון אַלע זיינע שרייבאַכצן פּראָ און קאָנטראַ בשום אופן ניט געקענט דערגיין קיין טאָלק וועגן דעם אמתן ווערט פון שמר׳ס ליטעראַרישע שאַפונגען, און אַזוי אַרום האָט ער אַזאַ פיל באַדייטנדיקן ליטעראַרישן טייל ווי די קריטיק געבראַכט צו אַזאַ שפל׳ער מדרגה.

ס׳איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע באַליידיגונגען מצד לעווי׳ן, האָט שלום־עליכם פאָרטגעזעצט זיין אַרבעט אין „ייד. פאָלקס־בלאַט״ און האָט נאָך געגעבן לעווי׳ן איינע פון

זיינע בעסטע ערציילונגען „סענדער בלאַנק" אלס פּרעמיע פאַר זיינע לעזער. שלום־עליכמען, וועלכער איז געווען זייער אָנגעהאַנגען אָן דער יידישער ליטעראַטור, האָט ניט געקענט פאַרלאָזן די נאָך דאַמאָלסטדיקע איינציקע יידישע בימה. לעווי האָט דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, און אין זיין ווענדונג צו די לעזער צום נייעם 1888־טן יאָר, איז ער מודיע צווישן אַנדערן: „עס וועט אין אונזער בלאַט אַרבייטען ה' שלום־עליכם, כמקדם און נאָך ביתר שאת, ווייל ער איז מיט לייב און לעבען צוגעטהאָן דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור". דאָס איז געווען פון לעווין גאַנץ ריכטיק געזאָגט, ווייל ווען ניט שלום־עליכמס צוגעבונדנקייט צו דער יידישער ליטעראַטור, וואָלט ער אין זיין מחיצה קיין מינוט ניט פאַרבליבן.

צעדערבוים איז שוין אָבער אַרויס פון געדולד, און צום סוף יאָר 1887, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון „פאָלקס־בלאַט" לגמרי. לעווי האָט זיין צוועק דערגרייכט: ער איז געוואָרן דער א י י נ צ י ק ע ר בעל־הבית פון דער איינציקער יידישער צייטונג „דאָס יידישע פאָלקס־בלאַט".

כדי יוצא זיין פאַר לייטן, האָט לעווי אַריינגענומען צו זיך אַלס רעדאַקטאָר פון „פאָלקס־בלאַט" דעם שוין דאַמאָלסט באַוואוסטן זשורנאַליסט ד״ר י. ל. ק אַ נ ט אָ ר, וועלכער איז גלייכצייטיק אויך געווען רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון העברעאישן טאָגבלאַט „היום".

אין זיין מודעה צו די אַבאָנענטן צום נייעם יאָר זאָגט לעווי: „אונזער בלאַטט, האָפּפען מיר, וועט מהיום בעקוממען אַ ה ע כ ע ר ע, אָבער ניט קיין אַ נ ד ע ר ע ריכטונג. דער כאַראַקטער פון אונזער בלאַטט בלייבט דער אייגענער ווי פריהער. אונזער בלאַטט טראָגט דעם נאָמען: „יודישעס פאָלקס־בלאַט„. אין די דאָזיגע דריי ווערטער ליעגט דאָס גאַנצע פּראָגראַם פון אונזער בלאַטט, און מיר וועלען טהון אַללעס, וואָס מאָגליך איז, אַז דער אינהאַלט פון אונזער בלאַט זאָלל תמיד מסכים זיין, איבעראיינשטיממען מיט זיין נאָמען... אַ ערב דערפאַר איז אונזער וואָרט, ווי אויך דער נאָמען פון אונזער נייען געעהרטען רעדאַקטאָר, און דאָס בלאַטט אליין וועט אי״ה מיט דער צייט דער בעסטער עדות זיין".

דער נייער רעדאַקטאָר פון זיין זייט האָט צו דעם צוגעגעבן די פאָלגנדע ווערטער: „אין דיזער נומער האָב איך די עהרע מיך דאָס ערשטע מאָל פאַר די געעהרטע לעזער פון „יודישען פאָלקס־בלאַטט" אַלס רעדאַקטאָר פון בלאַטט פאָרצושטעלן. פאַר אַ טהייל, וואָס לעזען דאָס יודישעס „פאָלקס־בלאַט", איז אונזער נאָמען, גלויבען מיר, ניט אין גאַנצען פרעמד, און מיר האָפפען מיט דער צייט מיט אַלע געעהרטע לעזער פון בלאַטט באַפריינדעט צו ווערען. לעת עתה פערשפרעכען מיר אונזערע קרעפטען אָנצווענדען, און אונזער מיה ניט צו שפּאָרען, למען דאָס „יודישעס פאָלקס־בלאַטט" זאָל זענען געעהרטען לעזער נוטצען און פאַרגעניגען פערשאַפפען".

יא.

ד״ר קאַנטאָר, וועלכער איז באמת געווען אַ פעאיקער און אייראָפּעאיש־געבילדעטער זשורנאַליסט, האָט זיך אָבער אין „ייד. פ״ב" מיט קיין זאַך ניט אַרויסגעוויזן. אַלס רעדאַקטאָר האָט ער געהאַט אויפן בלאַט אַ קנאַפּע השפּעה. אין דעם פּרט האָט ער געדינט לעווי׳ן בלויז אַלס „כסות עינים"; די ריכטיקע דעה אויף די אַרטיקלען, וואָס צו דרוקן און וואָס ניט צו דרוקן, דאָס האָט לעווי געלאָזן פאַר זיך אַליין. קאַנטאָר האָט ניט געשריבן אין „פאָלקס־בלאַט" קיין איין לייט־אַרטיקל, ווייל ער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט לעווי׳ן אין מיינונגען, און באַזונדערס וועגן דער קאַרדינאַלער פראַגע פון חבת־ציון, וועלכע האָט דאַן אַממערסטן באַשעפטיקט די יידישע זשורנאַליסטיק. קאַנטאָר איז געווען אַ קעגנער פון דעם חבת־ציון־געדאַנק און אַלס אַזעלכער איז ער אויפגעטראָטן אין זיין העברעאישן טאָגבלאַט, און לעווי איז געווען, פאַרקערט, אַ הייסער אָנהענגער פון דער אידייע. אַלס שריפטשטעלער האָט קאַנטאָר געפירט דעם פּאָליטישן טייל פון „ייד. פ״ב" און האָט געשריבן פון צייט צו צייט גאַנץ געלונגענע בזועלשאַפטלעכע פעליעטאָנען אונטער די פּסעוודאָנימען: „וועלוויל צאַפּצעריק", „משה גלעזיל" א. א.

פון דער אַנדערער זייט האָט אָבער קאַנטאָר געהאַט אַן אומדירעקטע

ווירקונג אויפֿן בלאַט אין דעם זין, וואָס ער האָט, די ערשטע צייט צום ווייניקסטן, איינגעצוימט לעווין ניט צו „פּראַווען זיינע משוגעתן". אויס רעספּעקט פֿאַר קאַנטאָרן, האָט לעווי אין משך פֿון גאַנצן 1888-טן יאָר ניט אויפֿגעפֿירט אין דער צייטונג קיין אוואַנ־טורעס. ער האָט אַפֿילו אַרויסגעוויזן אַ משונהדיקע פּרוכטבאַרקייט און האָט געשריבן, ממש, „אויף טיש און אויף בייגק", אָבער זיין הנהגה איז געווען אַ גאַנץ קאָרעקטע. מיט דעם דערקלערט זיך, אפֿשר, דער פֿאַקט, וואָס אין דעם יאָר האָט די רובריק קריטיק אינגאַנצן אויסגעפֿעלט אין „פֿאָלקס־בלאַט", ווייל לעווי האָט לויט זיין מהות אָנערקענט בלויז סקאַנדאַליעזע קריטיק, און קיין סקאַנ־דאַלן האָט ער ניט געוואָלט פֿאַרפֿירן אויס דרך־ארץ פֿאַר קאַנטאָרן.

בכלל איז דער אַכטער יאָר (1888) געווען איינער פֿון די געלונגענסטע יאָרן פֿון „ייד. פֿאָלקסבלאַט". לעווי האָט געהאַט די מעלה, וואָס כּדי צו פֿאַרפֿיינערן זיין בלאַט האָט ער ניט געקאַרגט קיין געלט אויף האָנאָראַר און צוגעצויגן צו אים די בעסטע קרעפֿטן. אַזוי, למשל, האָט ער געוואונען פֿאַר דער צייטונג אַזאַ גרויסע קראַפֿט ווי דער רוסיש־יידישער דיכטער ש. פֿ רו ג. ביז אַהין האָט פֿרוג קיינמאָל קיין אַ יין יידיש וואָרט ניט געשריבן*) און וואָלט געוויס אויך ווייטער ניט געשריבן, ווען ניט לעווי. פֿרוגס אַריינטרעטן אַלס מיטאַרבעטער אין „ייד. פֿ"ב" איז געווען אַ גרויס געווינס פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור. מאַכנ־דיק די התחלה אין „פֿאָלקס־בלאַט" מיט אַ פֿעליעטאָן צו ערב פּסח אונטערן נאָמען „די כּשר־קוילען", האָט ער שוין דערנאָך געשריבן אויך יידישע לידער מיט גרויס הצלחה. „פֿרוגס לידער האָבן באַוויזן דעם עולם אויף וויפֿיעל יודיש, וואָס מען ערקלעהרט פֿאַר אַ גראָבען און אונהאַרמאָנישען דיאַלעקט, קען, אין די הענט פֿון אַ פּאָעט מיט אַ טאַלענט און אַ פֿאַך־קענער, ווערן אַנ'אינסטרו־

*) ס'איז ניט ריכטיק, וואָס פּינעס שרייבט אין זיין „געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור", אַז פֿרוג האָט שוין געשריבן יידישע לידער נאָך אין יאָר 1885. ד"ר קאַנטאָר, דער דאַמאָלסטדיקער רעדאַקטאָר פֿון „ייד. פֿ"ב", האָט זיך מיר אין אַ געשפּרעך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז ער איז געווען פֿרוגס סנדק אַלס יידישער דיכטער.

מענט פאַר די זיסעסטע, פיינסטע און האַרמאָנישסטע טענער. קיינער פון די פּאָעטען פון דער פריהערדיגער עפּאָכע איז נישט געווען אַזוי עמפּפינדליך פאַר דעם אינערליכען ריטמוס פון דער שפּראַך, פאַר דער באַוועגלעכקייט, האַרמאָניע, פאַר דאָס אַלץ, וואָס בילדעט דעם עסטעטישן ווערט פון דעם פּערז, ווי פרוג*).

צווישן די נייע ליטעראַרישע קרעפטן, וואָס לעווי האָט צוגעצויגן צום „פאָלקס־בלאַט“, זיינען געווען אויך ר א ב נ י צ ק י, וועלכער האָט זיך שפּעטער, אונטערן פּסעוודאָנים „ב ר ־ ק צ י ן, אַרויסגעוויזן פאַר אַ פעאיקן קריטיקער, דער דיכטער י ה ל ל (יהודה ליב לעווין), י כ נ ה״ז (י״ב גאָלדבערג) אַ פיינער באָאָבאַכטער פון יידישן קליינשטעטלדיקן לעבן, און אַנדערע שוין דאַמאָלסט באַוואוסטע שריפטשטעלער.

יב.

אין זיין נ י י נ ט ן יאָר (1889) איז דאָס „ייד. פאָלקס־בלאַט“ אַריינגעטראָטן אונטער דעם צייכן פון קאַמף—ק אַ מ ף ק ע ג ן ד ע ר י י ד י ש ע ר ש פּ ר אַ ך מ י ט א י ר ל י ט ע ר אַ ט ו ר א ו ן ק ע ג ן א י ר ע ב ע ס ט ע פ אָ ר ש ט י י ע ר. לעווי איז פון תמיד אָן געווען אַ פיינד פון יידיש, ער האָט אָבער ביז אַהין זיין שנאה עפנטלעך ניט אַרויסגעוויזן. אָן די מעשי־קונדס, וואָס ער פלעגט פון צייט צו צייט אַרויסוואַרפן אין בלאַט, ווי אויך אָן דער משונהדיקער אָרטאָגראַפיע, וואָס ער האָט פון העלער הויט גענומען אייַנפירן, האָט מען אַפילו געקענט מערקן, אַז ער מיינט מיט דער צייטונג ניט ערנסט, און אַז ער גיט איר אַרויס עפּעס מער ניט ווי כדי צו האָבן אַן אייגן אָרט פאַר זיינע שרייבאַכצן. מ׳האָט זיך אָבער ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ביי דעם מענטשן וועט רעכט ווערן צו מאַכן זיין י י ד י ש בלאַט פאַר אַן אַרענע, פון וועלכער מ׳זאָל האַלטן מלחמה קעגן י י ד י ש. די דירעקטע סיבה דערצו איז געווען דאָס, וואָס ספּעקטאָר מיט שלום־עליכמען האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן יידישע זאַמל־ביכער. דער ערשטער — דעם „ה ו י ז־

*) בינעס—„געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור“, צווייטער טייל, זייט 8-9.

פ ר י י נ ד", און דער צווייטער—די „פ אָ ל ק ס = ב י ב ל י אָ ט ע ק", אין וועלכער מ'האָט געשריבן ניט לויט זיין מוסטער און זיין מאַניער. באַזונדערס האָט ער געבערענט פאַר כעס אויף שלום-עליכמען, פאַרוואָס ער האָט געלאָזן אַרויסזאָגן אין „פאָלקס-ביבליאָטעק" אַ פּאָר ביטערע אמתן וועגן זיין יידישן אויסלייג און זיין יידישן סטיל. אום צו האָבן אַוועלכן ס'איז באַגריף וועגן די תקונים, וואָס לעווי האָט איינגעפירט אין דער אָרטאָגראַפיע און אין דער שפּראַך, איז גענוג אָנצווייזן בלויז אויף די פאָלגנדע: אָנשטאָט „יידן" האָט ער געשריבן „י ה ו ד י ם", ניט „יידישע" נאָר „י ה ו ד י ש ע"; אָנ-שטאָט „דאַטע"—„ע ד ע ת ה"; אָנשטאָט „אַמאַלגאַמאַ"—„ח מ ר ג מ ל"; אָנשטאָט „סטיל"—„ד ב ו ר"; אָנשטאָט „ער איז געשטאָרבן"—„ע ר ה אָ ט ש ב ק ח י י ם ל כ ל ח י" געוועז, און נאָך פיל אַזעלכע שגעונות. לעווי האָט שלום-עליכמס אַרויסטריט באַטראַכט פאַר אַ „קאַזוס בעלי" און האָט, כדי נוקם צו זיין זיך פון אים, באַלד פאַרפירט אַ מלחמה אויף צוויי פראָנטן: קעגן די, וואָס האָבן די העזה צו קלערן אַפילו וועגן באַשאַפן אַ „זשאַרגאָנישע ליטעראַטור", און קעגן שלום-עליכמען פערזענלעך.

מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע ציטאַטן פון די אַרטיקלען, אין וועלכע לעווי האָט באַקעמפט יידיש, אָדער ווי ער האָט עס גערופן: „ג ר ײ ג ר ע ו ו י ט ש ע ר ל ש ו ן".

„מיר האָבן שוין ניט איין מאָל אָפפען אַרויסגעזאָגט, אַז דער זשאַרגאָן דאָס איז אַ נגע צרעת, וואָס פאָרלייפיג מוז מען ליידען פון איהם".

„מיר האָבן געהערט פון גאַנץ קלוגע, און אַפילו אמת' פאַ-טריאָטען, וועלכע מיינען, אַז דער זשאַרגאָן דאַרף אונז שוין היי-ליג זיין, ווייל מיר ניטצען שוין איהם זעהר לאַנג, און מיר זענען מיט איהם דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע שול פון צרות; נאָר דאָס איז אָבער ניט ריכטיג: שמוטץ—בלייבט שמוטץ אַפילו אַז ס'איז גע-בליעבען אין אַ מקום קדוש, און עס קאָנן קיינמאָל ניט הייליג ווערען".

„מיר קענען נור פונ'ם טיעפסטען הערצען אָפפען, מיט אַ ריי-נעם ערנסט, ווינשען, אַז גאָר בקרב הימים זאָללען מיר מעהר קיין

אַבאָנעמענט ניט האָבען, ווייל זיי וועלען שוין קאָנען לייענען עט-וואָס בעסערעס. נאָר די עצה, רעכענען מיר אונז מחוייב אייך, ליעבע לעזער, צו געבען: היטעט אייך אַלליין פון די אַללע שמוטץ, דענן שמוטץ מוז זיך אנקלעבען ווי מען רייבט זיך נאָר אַרום איהם; נאָר פון אייך אַליין איז אָבהאֶנגליך, אַז דער שמוטץ זאָל ניט אַריינקומען אין אַייערע צימערן, און אַנדערע קאָנען אייך דאָס ניט העלפען".

„דאַכט זיך, איך האָב ניט איינמאָל געזאָגט בפרהסיא, אַז איך האָב פיינד דעם זשאַרגאָן אַ סך אָרגער אַלס אַ שפּין, אַז איך וואָלט דאַנקען גאָטט, אַז מיין אָרגאַן זאָל אונטערגעהן, ווייל קיינער וועט איהם שוין ניט דאַרפען לעזען".

„פיר מיך איז דער זשאַרגאָן נאָר ווי ריצענ-אָל, אָדער הוניאַדי—יאַנאָס", וואָס מען מוז נאָך איינעהמען, ווייל עס מאַר-טערט די „עצירות", און קאָן מען דענן ליעבען ריצענ-אָל, אָדער „הוניאַדאַ-יאַנאָס"?

„אַב' עדלען רעיון קאָנן מען נור אויסדריקקען איב'ם לשון הקודש, און ניט איב'ם פאַסקודנעם זשאַרגאָן, איב'ם גאָנזען-לשון, וואָס עראיבנערט אונז נאָר אָן די באַרבאַרישע בעהאַנדלונגען, מיט וועלכע די עמלקים—די טייטשוקעס, האָבען בעהאַנדעלט אונזערע אומגליקליכע אור-עלטערן".

לעוויס שנאה צו יידיש האָט דערלאַנגט איר אַפּאָגיי אין זיין אַרטיקל „פאַר אַגמוטן קוממט קיין פאַטש ניט", אין וועלכן ער זאָגט אונטער אַנדערן:

„איהר ווייסט דאָך געעהרטע לעזער, אַז מיר טראָגען אונז שוין לאַנג אַרום מיט דער טירופדיגען מחשבה, אַרויסצוטרייבען פון פון אח"בי" דעם שמוציגען זשאַרגאָן, דאָס שטיעף-קינד, וואָס האָט זיך צוגעצעפעט צו אונז עפּעס פון אַ פּילגש, אַ קאָפּפּס-ווייב, אין אַריינפיהרען צו זיי דעם לשון-הקדש, אונזער אייגען קינד, וואָס מיר האָבען געהאַט פונ'ם ווייב, מיט וועלכעם מיר האָבען געלעבט בחופה וקידושין, כדת משה וישראל".

די מלחמה קעגן שלום-עליכמען האָט לעווי אָנגעפיהרט מיט אַ באַזונדער סיסטעמאַטישקייט, און כמעט אַ גאַנץ יאָר כסדר איז

זי ביי אים ניט אראָפּ פון סדר=היום. אָנגעהויבן האָט ער איר מיט
„אַן אָפפענעם בריעף אַן שלום=עליכם״ פון אַ געוויסן אולריך
קאַלמוס, אַ מין וואָלינער שמ״ר, וועלכן שלום=עליכם האָט אָנ=
גערירט פאַרבייגייענדיק אין זיין „שמר״ס משפט״. דער מחבר פונ׳ם
„אָפפענעם בריוו״ טראָגט אַרויס אַן אורטייל איבער שלום=עליכמען,
אַז לא די, וואָס ער האָט אַפילו ניט טאַלענט, איז ער נאָך אויך
אַ גרויסער עם=הארץ. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דערביי די אָפּ=
שאַצונג פון שלום=עליכמס יידיש: „נור נאָך מעהר איז ניט צו פער=
שטעהען די העצה פון אַייך, געעהטער הערר שלום=עליכם, אַז איהר
רעדט וועגען אַ לשון; דאָ מוז שוין פשוט אַ קאַטץ טאַקי לאַכען אין
די הויפּענס. איך רעכנע ניט דער מיהע ווערטה אַייך אויפמערקזאַם
צו מאַכען אויף אַייערע ליעבע עברי, פון וועלכער עס ברעכט זיך
די צאָהן יעדער, וואָס האָט נור עטוואָס אַ בעגריפף פון אַ שפּראַך״.
מיט דעם אַליין איז נאָך לעווי ניט יוצא געווען, און האָט אין דער
ביילאַגע פון דער זעלבער וואָך געלאָזן יוסף יואל הערדנערן
אָנפאַלן אויף שלום=עליכמען מיט די ערגסטע זלזולים. פאַר זיין
„אַ בינטעל בלומען״. קורץ נאָך דעם איז לעווי אַליין (אונטערן
פסעוודאָנים „ליבצ׳ע הערשילס״) אַרויס אין אַ לאַנגן צווייגומערדיקן
פעליעטאָן: „ס׳איז בנאמנות אַ געלעכטער!״ מיט אַ וואָל=
וועלער קריטיק, גיכער אַ פּאַסקעוויל, איבער שלום=עליכמס „פאָלקס=
ביבליאָטעק״. די רעזומע פון דער דאָזיקער קריטיק וועגן אַ ספר,
אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט העכער דרייסיק פון די דאַמאָלסטדיקע
בעסטע יידישע שריפטשטעלער, איז געווען: „עס איז זעהר קאָמיש
צו זעהן ווי אַ יונגער מאַנטשיק קלייבט צוזאַממען אַרום זיך אַלטע
נאַררען, ווייזט זיי אַ רובעל, און זיי ברעכען זיך דורך אַ רייף
ציעהען קאָסניקעס פון דער נאָז, שלינגען גאַנצע שטיקקער ברענ=
נענדע פּאַקולע, און מאַכען דאָס מיט אַזאַ אַנ׳ ערנסטער מינע, אַזוי
ווי זיי וואָלטען עפּפעס באמת געטהאָן אַ שורש. איך מוז דיר זאָ=
גען, ליעבער ירוחם, ס׳איז, בנאמנות, צום לאַכען״.
באַלד אין אַ וואָך אַרום האָט זיך באַוויזן אין „פאָלקס=בלאַט״
אַ פעליעטאָן מיטן נאָמען „אַ קול מעבר לים״ (וועגען דער
נייען זשאַרגאָן=בעלעטריסטיק) פון אַ געוויסן Lord Nobogy

(דער פסעוודאָנים פון באַרימטן העברעאישן דיכטער י ה ו ד ה ל י ב ג אָ ר ד אָ ן), וועלכער מאַכט אַש און בלאָטע פון שלום-עליכמס דריי-טייליקער ערציילונג „ק י נ ד ע ר - ש פּ י ע ל" און שרייט אויס מיט גרויס פּאַטאָס: „אָ, גאָטט, גיעב מיר אַ גוטען בעזען, איך זאָל קאָנען אויסרוימען אָט דעם גאַנצען שמוטץ פון דער יונגען, זשאַר-גאָנישען קוואַזי-ליטעראַטור!" ס'איז כדאַי צו באַמערקן, אַז די דאָ-זיקע שלום-עליכמס ערציילונג האָט לעווי געגעבן אַלס פּרעמיע די לעזער פון זיין „ייד. פאָלקס-בלאַט".

לעווי'ס שגעון אין זיין באַציאונג צו שלום-עליכמען האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז ער האָט גענומען אַ גאַנצן נומער „פאָלקס-בלאַט" פון 10 גרויסע זייטן און האָט אים אָנגעפילט מיט א י י ן מאמר, וועלכער האָט געהייסן „אַ שמועס פון שמואליקען מיט יאָסען" און איז געווען בעצם אַ נאַרישער, אומגעלומפּערטער געשפּרעך צווישן צוויי קלויזניקעס וועגן שלום-עליכמען מיט זיין „פאָלקס-ביבליאָטעק". איבער דעם מאמר האָט לעווי אַוועקגעשטעלט אַלס מאָטאָ דעם פסוק פון „איכה": „על זה היה דוה לבנו על אלה חשכו עינינו—על הר ציון ששמם, שועלים הלכו בו". (ד. ה. אויף דעם האָט געשמאַרצט אונזער האַרץ און פינסטער איז אונז גע-וואָרן אין די אויגן — איבער דעם באַרג ציון, וואָס איז געוואָרן פּאַרוויסט, פוקסן גייען אויף אים אַרום). דערצו האָט נאָך לעווי מוסיף געווען די פאָלגנדע באַמערקונג: „אַזוי ווי די נומער וועט אויסקומען צו לייענען שבת-חזון אי"ה"ש, גיעבען מיר אויסשליסליך אַן אַרטיקעל, וואָס פּאַסט צו 9 טעג, און מיר רעכענען, אַז די געעהרטען לעזער וועלען אונז ניט איבעל נעהמען דאַפיר". און ניט בלויז אין באַזונדערע אַרטיקלען, נאָר כמעט צו אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אין יעדער צייט געדרוקט אין „פאָלקס-בלאַט", ס'האָט זיך געמעגט זיין וועמעס עס איז אַ מאמר, אַן ערציילונג, אַ קאָ-רעספּאָנדענציע, און אַפילו אין די „בריעף-קאַסטענס", האָט לעווי ניט פאַרפעלט אַריינצושטעכן עטלעכע שאַרפע שפּילקעס אין שלום-עליכעמן, וועגן וועלכן ער האָט אַלע ווייַלע אויסגעקלערט אַ נייע בבא-מעשה, אַ נייע אינסינואַציע, ניט נעמענדיק אין אַכט, אַז נאָך דאָ גאָר ניט לאַנג איז נאָך שלום-עליכם געווען פון זיינע שטענ-

דיקע מיטאַרבעטער, וועלכן ער האָט וויפיל מאָל רעקלאַמירט אַלס צירונג פאַר זיין בלאַט.

לעווי איז געווען דער איינציקער אין דער יידישער פרעסע, וואָס האָט זיך געוואַגט צו זאָגן, אַז מענדעלי מוכר ספרים איז ניט קיין טאַלענט, נאָר אַ געוויינלעכער זשאַרגאָן־שרייבערל. אַז אַ גרופע באַוואוסטע אָדעסער יידישע שריפטשטעלער האָבן געמאַכט לכבוד ספעקטאָרן אַ באַנקעט, איז אַרויסגעגאַנגען לעווי און האָט זיי אַלעמען געמאַכט ללעג ולקלס. אונטער ליליענבלומס אַן אַרטיקל וועגן דעם יידישן טעאַטער אין אָדעס, האָט לעווי אונטערגעשריבן אַ הערה בזה הלשון: „אַזוי ווי אַ בלינדער קאָנן זעהען ווער דאָ איז גערעכט, טאָ לאָז אַייך אַ שטוממער אָנטווערן”. פרישמאַן האָט געדרוקט אין „פאָלקס־בלאַט” זייער אַ געלונגענע פאַראָדיע אויף היינעס „די וואַלפאַהרט נאַך קעפלאַאַר”. ביי פרישמאַנען האָט עס געהייסן: „די נסיעה קיין סאַנדעץ”. איז געקומען לעווי און האָט אַוועקגעשטעלט אונטערן שיר די פאָלגנדע באַמערקונג: „אַ נדבה פאַר דעם הערךן זאַמיעציק מיט זיינע 10 חברים, וואָס זוכען „חכמות חיצוניות”. דערצו דאַרף באַמערקט ווערן, אַז דער דאָזיקער זאַמיעציק איז געווען אַן אַבאָנענט פון „פאָלקסבלאַט”, וועלכער האָט געבעטן לעווי'ן אין נאָמען פון נאָך צען אַבאָנענטן, אַז אָנשטאָט די ווילדע חכמות, מיט וועלכע ער פילט אָן זיין צייטונג, זאָל ער בעסער זען דרוקן וויסנשאַפטלעכע זאַכן. אונטער פרישמאַנס אַן אַנדער שיר האָט לעווי באַמערקט: „איהר האָט, רעבע דאָוועד, אַ טאָוועס”. אָט אויף דעם אופן האָט לעווי געזוכט חוזק מאַכן אַפילו פון דעם, וואָס ער האָט געדרוקט אין זיין אייגענעם אָרגאַן.

פון דעם קאַמף קעגן דער יידישער שפראַך מיט דער יידישער ליטעראַטור איז לעווי אַריבער צו באַקעמפן דאָס יידישע טעאַטער, און אַלץ מיט די זעלביקע כלי־זין: מיט די שמוציקסטע זלזולים און בלבולים. פון גאָלדפאַדענען האָט ער געמאַכט אַ קופּע מיט אַש פאַרוואָס ער האָט געשריבן „שטיק” אין דעם „טנופת'דיקן זשאַרגאָן”. לעווי האָט אויסגעטונקט אין בלאָטע אויך די צייטונגען,

וואָס האָבן אָנערקענט די נויטיקייט פון אַ יידישן טעאַטער. לעווי האָט נעפירט אַ שטאַרקע מלחמה מיט דער „זשאַרגאָנישער פּאָעזיע", האָט אויסגעבטלט אַלע חלומות צו דער „זשאַרגאָנישער מוזע" און האָט געטראָטן פּשוט מיט די פיס יעדע נייע שפּראָצונג פון טאַלענט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור.

יג.

עס מוז דאָ קאָנסטאַטירט ווערן דער פּאַרדריסלעכער פאַקט, אַז דווקא אין דער צייט, וואָס לעווי האָט אַריינגעטראָגן אין „ייד. פאָלקס-בלאַט" אַזאַ מין הפקרות, פאַרוואַנדלענדיק עס אין אַן אָרגאַן, וואָס באַקעמפט די יידישע שפּראַך און טרייבט ליצנות פון דער יידישער ליטעראַטור און פון אירע פּאָפּולערסטע פאָרשטייער,— דווקא אין ד ע ר צייט האָבן זיך גרופּירט אַרום זיין צייטונג עטלעכע פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער. אַרויסגעטראָטן לגמרי פון „ייד. פ"ב" זיינען בלויז שלום-עליכם און ראַווניצקי. קאַנטאָר איז נאָך אַפילו פאַרבליבן אַלס נאָמינעלער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, דאָך האָט ער שוין מער אין איר קיין א י י ן שורה ניט געשריבן. ניט זייענדיק אַפילו קיין איבעריקס הייסער אָנהענגער פון יידיש, האָט ער געפונען פאַר אוממעגלעך צו אַרבעטן ווייטער אין לעווי'ס בלאַט. דערפאַר האָבן פאָרטגעזעצט זייער אַרבעט אין „ייד. פאָלקס-בלאַט" פ ר ו ג, פ ר י ש מ אַ ן, ל ע וו י נ ס ק י און נאָך אַזעלכע ווי זיי, וועלכע מ'האָט בשום אופן ניט געקענט חושד זיין, אַז זיי זיינען מיט לעווי'ן פאַר איינס אין זיין באַציאונג צו יידיש.

קעגן דעם דאַרף באַצייכנט ווערן מיט אַ באַזונדער צופרידנקייט דער פאַקט, אַז די איינציקע, וואָס האָבן רעאַגירט אויף לעווי'ס מעשי-תעתועים, זיינען געווען זיינע ל ע ז ע ר. די לעזער, באַזונדערס אין דער פּראָווינץ, וואו די יידישע צייטונג האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן אַ לעבנס-באַדערפעניש, האָבן בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין, ווי קומט עס, אַז בראש פון דעם בלאַט, אין וועלכן פרוג שרייבט אַזוינע שיינע לידער און פרישמאַן דרוקט אַזעלכע אינטערעסאַנטע פעליעטאָנען און לעווינסקי גיט זיינע אָנציענדיקע האַלב פּובליציסטישע פעליעטאָניסטישע אַרטיקלען,

און אַלע צוזאַמען זיינען זיי לעבעדיקע עדות פאַר דעם, אַז אַ ניי־יידישע ליטעראַטור עקסיסטירט שוין און אַז די דאָזיקע לי־טעראַטור טראָגט אין זיך גרויסע גאַראַנטיעס פאַר דער צוקונפט,— ווי קומט עס, אַז בראש פון דעמזעלבן בלאַט זאָל שטיין איינער אַזעלכער, וואָס ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ דם־שונא פון דער יידי־שער שפּראַך און פון איר ליטעראַטור? דאָס געדולד פון דעם עולם־לעזער האָט געפּלאַצט נאָך דעם, ווי לעווי אַליין האָט זיך מודה געווע, אַז לייט האַלטן אים פאַר אַ מטורף, און אַז ער איז דאָס טאַקי באמת.

„מען האָט אונז שוין אַפילו געמאַכט קאַלטע וואַנעס—אַזוי האָט געשריבן לעווי—און האָט אונז שוין אויך געוואָלט אָנטאָן אַ משוגענעם העמד, מען האָט אונז שוין אויך גוט אונטערגעקלאַפּט די ביינער, אָבער עס העלפט ניט: די משוגעת האָט זיך שוין ביי אונז אַזוי איינגעוואָרצעלט אינ׳ם מח, אַז עס קאָנען שוין ניט העל־פֿען קיין זאַך; מיר זיינען פון די פּאַראַלעטיקער, וואָס דער טירוף געהט שוין ניט אַרויס ביז׳ם קבר״.

נאָך דער דאָזיקער טיראַדע האָבן די לעזער פאַרשטאַנען, אַז קעגן לעווי׳ן קען מען ניט קעמפן אויף אַ געוויינלעכן אופן, און אַז קעגן אַ מענשן אַ מטורף דאַרף מען אָנווענדען גאָר אַנדערע מיטלען, די מיטלען, וועלכע פּאַסן באַזונדערס פאַר אַזוינע ווי ער. אָט האָט מען לעווי׳ן אָנגעהויבן אָפּצוטאָן פאַרשיידענע שפּיצלעך: מ׳האָט אים אָנגעהויבן אַריינשיקן דורך פּאָסט אַלערליי עמבלעמעס פון משוגעת פאָטאָגראַפיעס פון קאַלטע וואַנעס און אייזערנע העמדלעך. פון ריגע האָט ער באַקומען צוגעשיקט צוויי אייזל־קעפּ, פון אָדעס אַן אַרויסגעשטעקטע צונג, און פון פיל ערטער, באַזונדערס פון וואַרשע און פון ווילנע, האָט מען אים פאַרוואָרפן מיט בריוו וועלכע ער, לעווי, האָט אָנגערופן פּאַסקווילן, וואָס פאָדערן אים אויף תיכף ומיד איבערצוגעבן דאָס „פאָלקס־בלאַט״ אין אַנדערע הענט, ווען ניט, וועט מען מאַכן, אַז זיינע אַבאָנענטן וועלן אָפּפאַלן פון אים איינציקווייס.

לעווי האָט לאַנג ניט געלאָזן וואַרטן אויף זיין תשובה, און אין אַ לייט־אַרטיקל האָט ער אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז „עס געפינען

זיך גאַנצע באַנדעס, וואָס זוכען אַללע תחבולות אַרויסצונעמען פון מיינע האָנד דאָס „פאָלקס=בלאַט“. אָבער עס איז אומזיסט זייער טרחה. כל זמן שהנשמה בקרבי וועל איך דאָס „פאָלקס=בלאַט“ פון מיינע האָנד ניט אַרויסגעבען, און פאַר׳ן טויט וועל איך לאָזען אַ צוואָה מיינע יורשים, זיי זאָללען דאָס פ״ב בעססער אין פייער אָדער אין וואַססער וואַרפען, אַלס אין אַנדערע האָנד איבערצוגעבען, דענן איך וויים, וואָס דאָס איז פאַר אַ „חרב פיפיות“, אַ שאַרפעס, פון ביידע זייטען, שווערט, וואָס מען טהאָר עס ניט געבען אַ קינד שפּיעלען זיך, און אַ פשיטאָ שוין אַ גרויססען, וואָס ועט עס טאַקע באַנוטצען, אום צו קוילען מענשען דאַמיט“.

אין אַ שיינעם פרימאָרגען האָט זיך אין דער וואַרשעווער „הצפירה“ אָפּגעדרוקט אַ דעפּעש פון פּעטערבורג, אונטערגעשריבן פון איינעם אַ רובינשטיין, מיט דער ידיעה, אַז „ישראל לעווי, דער אַרויסגעבער פון „פאָלקס=בלאַט“, איז היינט צוועלף אַ זייגער ביי טאָג פּלוצלונג געשטאָרבן“. לעווי האָט תיכף אַריינגעשיקט אין „צפירה“ אַ טעלעגראַפישע הכחשה, און האָט געוואָלט איינשמועסן דעם עולם, אַז דאָס שפּיצל האָט אים אָפּגעטאָן ניט קיין אַנדערער ווי נאָר שלום עליכם. ער האָט אָבער, צי פון איבערגלויבעריי, אָדער צוליב אַן אַנדער סיבה, געהאַלטן די זאַך פאַר אַ שלעכטן סימן, און איז פון דאַמאָלסט אָן אָפּהענטיק געוואָרן. אין יענער צייט האָט אים פּאַסירט נאָך אַ צופאַל, וועלכער האָט אים גריילעך ניט געשמעקט. זייענדיק פון דער נאַטור אַ קנאַפּער ענו, פלעגט ער גאַנץ אָפט מפרסם זיין אין „פאָלקס=בלאַט“ בריוועלעך פון קליינשטעטלדיקע שרייבערלעך, וואָס דריקן אים אויס זייער הסכם מיט דעם פּראָגראַם פון זיין צייטונג. מיט אַ באַזונדער התפעלות פלעגט ער איבערדרוקן, איבערזעצט אין יידיש, די העברעאישע בריוו, פון איינער אַ ראַסיינער מיידל, חנה מאַגעלניצקי האָט זי געהייסן, וועלכע פלעגט אים מיט זיין בלאַט אויפהויבן עד לשמים און פאָרשטעלן אַלס מוסטער פון אַ יידישן אָרגאַן. איינמאָל האָט לעווי׳ס ענטציקונג פון דער מיידל דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אויסגעשריען: „אַך, דו טהייערע בת=ציון! ווי וואָלט איך דיר איצט אומאַרמען

פאַר דער גאַנצען וועלט אין די אויגען, דענן אין דיר, וואָלט איך אומגעאַרעמט דאָס יודענטהום!" אין אַ הערה צו אַ צווייטן אַרטיקל פון דעם דאָזיקן מיידל רופט אויס לעווי: "אשריך ישראל! וואָהל דיר, ישראל, אַז דו האָסט נאָך אַזעלכע טהייערע טעכטער! דאָס זענען די ברילליאַנטען, וואָס מען געפינט אַמאָל אין קופות מיסט". נאָך דעם קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן לעוויס פאַרלעגנהייט בעת מען האָט אים אין אַ געוויסן טאָג מודיע געווען פון ראַסיין, אַז דאָס מיידל איז ניט קיין נקבה נאָר אַ זכר, און אַז דער דאָזיקער זכר הייסט "יוסף יודל מאַגילניצקי". לעווי האָט זיך אַפילו באַלד באַרוהיקט און האָט אויף דער פריהערדיקער "ליבער חנה'לן" אין דעם איצטיגן "יוסף יודלען" אויסגעגאָסן אַ גאַנצע פאַמוניצע מיט שמוץ; אָבער פון דאַמאָלסט אָן איז ער ביי זיך זייער אַראָפּגעפאַלן געוואָרן. ער האָט אין דעם געזען אַ נייעם צייכען, אַז מען גראָבט זיך אונטער אים, אַז מ'וויל אים "אויסהאָבן". כדי אַרויסצוראַטעווען זיין פּרעסטיזש, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין "פאָלקס-בלאַט" די בריוו מיט די שמחה-אויסדרוקן, וואָס ער האָט באַקומען "פון דער וועלט" נאָכדעם, ווי די ידיעה וועגן זיין פלוצלונגן טויט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. ס'האָט אים אָבער קיין סך ניט געהאָלפן. זיין שטערן האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. צום אָנהויב יאָר 1890, איז ער געבליבן מיט 250 אַבאָנענטן. סוף-סוף האָט דער עולם-לעזער אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט קעגן לעווי'ן מיט זיין צייטונג, און דאָס "יודישע פאָלקס-בלאַט" איז זיך שטיל אויסגעגאַנגען.

* * *

ניט אַריינגעמענדיק אין חשבון לעוויס קורצע ממשלה, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ קליינעם טרויעריקן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, דאַרף דאָס "פאָלקס-בלאַט" באַצייכנט ווערן אַלס ערשטע, אייראָפּעאיש-מאָדערנע יידישע צייטונג, וואָס האָט פיל מיטגעהאָלפן צו פאַראייִדעלערן און צו פאַרפיינערן דאָס געשמאַק פון לעזער און צו אַנטוויקלען אין אים די באַדערפעניש אין אַ שיין יידיש וואָרט.

דאָס "פאָלקס-בלאַט" האָט אַ גרויסן פאַרדינסט אויך אין

דעם זין, וואָס עס האָט אַרויסגערופן און ערצויגן אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון שריפטשטעלער, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרנומען אַן אָרט בראש פון די באַשעפער און בויער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

אין דער בין־השמשות־צייט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אָנהויב די אַכציקער יאָרן, בעת די אַלטע אידעאַלן האָבן באַנקראָטירט, און די נייע זיינען נאָך געווען מטושטש און נעפּלדיק, האָט דאָס „פאָלק־בלאַט" געוועקט דאָס יידישע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין, עס האָט די יידישע מאַסן ניט געלאָזן אַריינפאַלן אין יאוש, נאָר גערופן און אויפגעמונטערט זיי צו זעלבסט־הילף.

דאָס „פאָלקס־בלאַט" האָט אַריינגעפירט אין דער יידישער הויז די יידישע מאָדערנע נאָוועלע. ספּעקטאָרס און שלום־עליכמס רעאַליסטישע ערציילונגען, וועלכע האָבן זיך איבערגעדרוקט פון „פאָלקס־בלאַט" און פאַרשפּרייט געוואָרן אין פיל טויזנטער עקזעמפּליאַרן, האָבן, ווען נאָך ניט אַפילו פאַרטריבן אינגאַנצן, אָבער דאָך ענג געמאַכט דעם אָרט פאַר דער שונד־בעלעטריסטיק אין דער יידישער גאַס.

מיט דעם „פאָלקס־בלאַט" האָט זיך פאַרענדיקט די ערשטע פינף און צוואַנציק־יאָריקע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע. נאָך דעם האָט דאָס רוסיש־פּוילישע יידנטום ניט געהאַט קיין יידיש בלאַט אין משך פון גאַנצע צען יאָר*). דערפאַר אָבער האָט אין רוסלאַנד אָנגעהויבן צו וואַקסן דאָס יידיש בוך. די התחלה האָבן געמאַכט די זאַמלביכער; אַפריער פינף בענדער פון ספּעקטאָרס „הויז־פריינד", דערנאָך צוויי בענדער פון שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק", און אַביסל שפּעטער דריי טייל פון פּרצ׳ס „יודישע ביבליאָטעק", וועלכע

*) אין אמעריקע, וואוהין עס איז אין די ערשטע אכציקער יארן געגאנגען די עמיגראציע פון רוסלאנד און פוילן, האט מען שוין דאן אנגעהויבן צו מאכן די ערשטע פרובן צו באשאפן א יידישע פרעסע; זי האט אבער א לאנגע צייט נאך דער ריי געהאט בלויז א לאקאלע באדייטונג.

האָבן אַלע אַרויסגערופן און קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ גאַנצע ריי יונגע, טאַלאַנטפולע שריפטשטעלער. ערשט אין יאָר 1899 האָט ווידער אָנגעהויבן צו ערשיינען אין דעם גרעסטן צענטער פון די יידישע פאָלקסמאַסן, אין וואַרשע, אַ יידישע צייטונג. דאָס איז געווען דאָס וועכנטלעכע בלאַט דער „יוד”, וואָס האָט מיט זיך געעפנט אַ נייע גלענצנדיקע תקופה אין דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע, וועגן וועלכער עס וועט גערעדט ווערן אין צווייטן באַנד פון דאָזיקן בוך.